STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05346

MILHOME

Ludwig Renn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לודוויג רען

מ ל ח מ ה

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון
עלים באָרנשטיין

צווייטער באַנד

פ א ר ל אַ ג י. א. צ ו ק ע ר, ו ו אַ ר ש ע
1 9 3 1

PRINTED IN POLAND
Ludwik Renn: WOJNA tom II
Wyd. Sz. Cukier, Warszawa
Druk. G. Piment, Warszawa

פאַרוואונדעט.

כ׳בין געגאַנגען דורכן טויטן וואַלד. ביימער און צווייגן האָבן געגלאַנצט זילבעריק אין לבנה־שיין.

אַן ערד־וואַל האָט זיך געוויזן און אַ ברייטער פלאַץ, פאַרפולט מיט איבערגעדעקטע טראָגבעטלעך. דאָס זענען געווען טויטע. פון אַן עפענונג אין דער ערד האָט דורכגעדרונגען רויטער ליכטשיין.

איבער מיר האָט אַ סווישטש געטון אַ שראַפנעל.

כ׳בין אַראָפגעגאַנגען מיט די טרעפ אונטן. צוויי דאָקטוירים זענען געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער עמעצנס אַנטבלויזטן פוס, באַם ליכט פון העלווייסע קאַרביד־לאָמפן. דער אויבערשטער טייל קערפער און דער קאָפ האָבן זיך געפונען אין שאָטן.

לינקס האָט אויף אַ בענקל געקרעכצט דער פלוטאָנפירער האַרנונג, וואָס איז, ווי עס שיינט, נישט געווען פאַרוואונדעט, אפשר איז ער געוואָרן פאַרשאָטן.

כ׳האָב נישט געוווסט, וואָס כ׳זאָל טון און בין געבליבן שטיין פאַר אים. ער האָט אַרויפגעקוקט צו מיר און געזאָגט אומבאַטירלעך: — גוטן אָוונט! — און זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַוועגן. ער איז געווען כמעט לייטיש אָנגעטון, הגם פאַרשמירט מיט ליים. כ׳האָב אים נישט ליב געהאַט, ווייל ער פלעגט חוזק מאַכן פון אַלעמען: — אַך, דאָסדאָזיקע געפיל אין קאָפ! אַלץ דרייט זיך מיר פאַר די אויגן.

כ׳האָב דאָס געהערט ווי פונווייטנס. כ׳האָב דערפילט וויפעס דערנענטערט זיך. ס׳איז מיר דורך אַ שוידער.

— האָב איך זיך געזאָלט צוריקקערן צו דער קאָמפּאַניע ? ניין, כ׳האַלט נישט, אַז כ׳האָב געדאַרפט אַוועק פאָרנט ; און בין דאָך געווען דאָרט...

צי האָט ער דאָס גערעדט צו מיר ? האָב איך געטראַכט, און פאָרט נישט געקאָנט צוהערן. — כ׳האָב געוואָלט גיין אויפן אַטאַק, אָבער דאָסדאָזיקע ברעט, וואָס איז מיר אַראָפּגעפאַלן אויפן קאַרק ! אַך, ניין ! כ׳ווייס גאַנץ גוט, וואָס כ׳רעד ! — דאָס האָט געקלונגען צאָרניק און פאַראַכטלעך. — כ׳האָב נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. — ער האָט געמאַכט מיטן קאָפּ אַ קרייז־באַוועגונג. דידאָזיקע תנועה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין איבלדיק געפיל.

ס׳איז צוגעגאַנגען צו אים דער דאָקטאָר : — כ׳האָב אייך געגעבן אַ רפואה. און איצט נעמט אייך צונויף !.. און איר ? — האָט ער זיך געווענדט צו מיר. — זענט איר נישט געווען פאַביאַנס אָרדינאַנס ? — קומט נאָר אַהער !

מ׳האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף בענקל. עמעצער האָט אויפגעשפיליעט די אַגראַפקע אויף מיין אַקסל און אַראָפּגעצויגן דעם אַרבל און די בלוזע. מ׳האָט מיר אויסגעטון דאָס העמד. כ׳האָב געפרירט.

— אַן אויבערפלעכלעכע וווּנד ! איר מעגט בענטשן גומל ! צי איז דאָס געווען אַ שראַפּנעל ?

— ניין, אַ ביקסן־שאָס.

— דאָס האָט אָבער געמוזט זיין פון גאָר נאָענט.

— אויף אַכציק מעטער, הער דאָקטאָר.

— אַהאַ׳ איר האָט מיטגעמאַכט דעם אַטאַק ?

— אייגנטלעך נישט. כ׳האָב געוואַרט מיטן הער אָבערלייטענאַנט אויף דער רעשט קאָמפּאַניע.

ס׳האָט מיך אַרומגערינגלט אַ גראָער נעפּל.

— ווי אַזוי האָבן אונזערע אַטאַקירט ?

— אויסגעצייכנט, העך דאָקטאָר! זיי זענען ממש אומגע־ביטן געוואָרן אין פאַרגלייך מיט פריער.

— אַזוי? ס'זענען טאַקע פאַראַן צווישן זיי מיאוסע וווּנדן.

הינטער מיר האָט האָרנונג געמורמלט עפּעס, אָבער ס'איז פאַרשלונגען געוואָרן אין שוואַרצן נעפּל. כ'האָב זיך געהאַלטן גלייך, כּדי ס'זאָל נישט צוקומען נאָך נענטער.

— נאָך אַן איינשפּריץ! וואַשט אים דאָ אַרום די הויט!

דער סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר האָט מיר אַרומגעוואַשן מיט עפּעס קאַלטס אַ שטיקל הויט אויף דער רעכטער ברוסט. דער דאָקטאָר האָט אָנגעכאַפּט די הויט און אַריינגעשטאָכן מיטן שפּריצער. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ פינצטערניש. כ'האָב שוין נישט געזען גאָרנישט און בין פאַרשטאַרט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — —

כ'האָב אויפגעוואַכט. ס'האָט געריזלט אין מיר גליק. כ'האָב דערהערט קרעכצן. אַקעגנאיבער איז געזעסן האָרנונג. כ'בין געלעגן אויף אַ טראָגבערעט. כ'האָב געפילט אַ דרוק באַם אָטע־מען. כ'האָב געטראָגן אַ ברייטן באַנדאַזש.

— צי בין איך לאַנג געווען באַוווסטלאָז? — האָב איך געפרעגט האָרנונגען.

— כ'ווייס נישט. די צייט איז פונאַנדערגעצויגן...

כ'האָב אַ קוק געטון, עפּעס אַ משונהדיק וואָלענער טוך. וואָס איז דאָס? — אויף דער ברוסט האָב איך דערשפּירט קאַלטע בלאָזן. די פינגער האָבן זיי שטייף אַרומגעטאַפּט. ס'איז אָנגעקומען וואָס אַמאָל נענטער, שרעקלעך נאָענט! — איצט. — —

דאָס דערוואַכן איז ווידער געווען אַ שמייכל. אַך, ווי אַלץ גייט פאַרביי!

האָרנונג האָט געקרעכצט; — ווען כ'וואָלט נאָר געקאָנט אויסברעכן! דאָסדאָזיקע איבלעניש אין האַלז!

אויף דעם סאַניטאַר־טיש האָבן נאָך געברענט ביידע קאַר־ביד־לאָמפּן. דער דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר און מיר פאַרשטעלט דאָס ליכט: —

— נו, וואָס מאַכט איר ?

— גוט, הער דאָקטאָר !

— דערציילט נאָך עפּעס וועגן שטורעם ! צי איז דאָס נישט געווען שרעקלעך ?

— ניין, ס'איז געווען הערלעך, ווי זיי האָבן זיך מיט אימפּעט געוואָרפן פאָרויס, אַלע... די, וואָס האָבן פריער געיאָמערט אין טונעל ! איינער פון זיי האָט געזאָגט נאָך אין מאַרש — כ'האָב עס געהערט פאַרבייענדיק — אַז ס'איז אים גאַנץ גלייכגילטיק, צי ער וועט אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. און דערזעלביקער איז געלאָפן פאָרויס און איז געפאַלן. וואַרשיינלעך איז ער געהרגעט געוואָרן !

— אָבער דאָס איז דאָך כּלל נישט הערלעך !

— פאָרט, הער דאָקטאָר, ווי זיי האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן יעטוועדע מורא ! ס'האָט זיי אַ נעם געטון און זיי האָבן אָנגעגריפן, דאָס איז געווען אומפאַרגלייכלעך שיין !

דער פּחד איז ווידער געקומען צו קריכן, אָבער דורכגעלויכטן מיטן געדאַנק וועגן אָנגריף ; ער האָט מיך אָבער נישט איינגאַנצן באַהערשט.

— און ווי איז געווען, ווען איר האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין ?

— ס'איז אָנגעקומען אַזוי, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך נאָך געזען נאָר דאָס ליכט· און דערנאָך האָט עס מיך אַרומגענומען איינגאַנצן און איך האָב מיך געמאַכט שטייף, כּדי עס נישט צו דערלאָזן נענטער. דערנאָך האָב איך שוין נישט געזען גאָרנישט. אָבער די דערוואַכונג איז געווען אַזוי שיין.

— און ווי שפּירט איר זיך איצט ?

— כ'האָב בלאָזן אויפן גאַנצן קערפּער און געשוואָלענע ליפּן· די פינגער זענען מיר פאַרשטאַרט.

ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון, וואָס כ'האָב נישט דערהערט, מחמת ס'האָט אָנגעהויבן צוריק אָנצוקריכן, און זיך מוראדיק פונאַנדערגעוואַקסן, ווי אַ שרעקלעכער טוך. ס'האָט זיך איינגעקנוילט עפּעס אינעווייניק אין קאָפּ, אומגעוויינלעך גראָ. אויבן

איז נאָך געווען אַ שוואַכער אָפּשיין, ווייטער סאַמע טויט-קנוילן
די ליפּן! האָאָך! ס'איז אָנגעקומען שרעקלעך נאָענט, וואָס אַמאָל
נענטער — און געוואַקסן ווי בליי. אָבער כ'האָב עס געוואָלט
באַצווינגען, מיך שטאַרקן — נאָך נענטער און שרעקלעכער! ניין!

— — — — — — — — — — — — — — —

די ביידע דאָקטוירים האָבן עפּעס געשעפּטשעט צווישן זיך.

דאָס איז עס נישט, הער קאָלעגע, לויט מיין מיינונג איז דאָס ווונד-קראַמף. האָט איר געהערט, ווי ער האָט גערעדט וועגן אָנגריף? דאָס איז אין געוויסער מאָס אַ פּאָזיטיווער עקס-טאַז, וואָס אַנטשפּרעכט דעם נעגאַטיוון. אגב איז דער פּולס אַ גאָר שוואַכער. כ'וועל באַלד זען, צי ער איז שוין געקומען צו זיך.

ער איז צוגעקומען צו מיר: — כ'וועל אייך געבן אַביסל קאָניאַק! ער האָט מיר אַריינגעגאָסן אין מויל אַריין. ס'האָט מיך דורכגעברענט.

— נו, און איצט?

— ס'איז מיר עטוואָס שווער צו רעדן, הער דאָקטאָר, כ'האָב אַזעלכע דיקע ליפּן. אויך די בלאָזן זענען נאָך גרעסער געוואָרן. אָבער אין אַלגעמיין פיל איך מיך זייער גוט.

— אָבער דאָרט שיסט מען, אַ שרעק! — האָט ער גע-זאָגט. כ'האָב באַמערקט, אַז ער אָבסערווירט מיך. ער האָט אַפּנים שוין נישט געוווסט, וואָס צו פרעגן, איז ער אַוועקגע-גאַנגען.

ס'איז מיר פאַרגעקומען מאָדנע, וואָס עפּעס אין מיר האָט געקאָנט זיין באַאָבאַכטונגסווערט.

כ'בין געלעגן הייטער.

האָרנונג האָט געקרעכצט. מ'האָט עמעצן אַראָפּגעטראָגן, די צעריסענע הויזן פאַרויס. די דאָקטוירים האָבן זיך געפּאָרעט. ס'איז פאַרגאַנגען אַ שטיקל צייט.

כ'בין ווידער געוואָרן אויפמערקזאַם. מ'האָט נאָר געהערט אָטעמען אין דעם שוצגרוב. ס'איז צוגעקומען דער דאָקטאָר: — וואָס מאַכט איר

— זייער גוט, הער דאָקטאָר!

— ס'איז שוין שפעט. מיר וועלן זיך באַמיען, אַז מ'זאָל אייך אָפּשיקן ערגעץ הינטערן פראָנט. מיר וועלן אייך מיטגעבן דעם סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר, אויפן פאַל, ווען דער קאָלאַפּס *) זאָל זיך צוריקקערן.

כ'האָב, וואָס אַן אמת, נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט קאָלאַפּס, אָבער כ'האָב געענטפערט: — עס וועט מיר גאָרנישט געשען!

— און איר — האָט ער זיך געווענדט צו האָרנגגען — מוזט אויך אַוועקגיין.

— כ'קאָן נישט, הער דאָקטאָר!

— דאָס איז שטותים! אויף דער לופט וועט אייך בעסער ווערן.

איך בין אויפגעשטאַנען. האָרנונג האָט זיך נאָר באַוועגט אויף זיין בענקל.

— איצט שטייט אויף!

— כ'קאָן נישט! — האָט ער געסאַפּעט.

— נעמט איס אָן באַם אָרעם!

כ'האָב אים אומדרייסט אָנגענומען באַם אָרעם. מיטאַמאָל האָט ער זיך לייכט אויפגעשטעלט. וואָס איז אים געשען? באַ די אָקאָפּ־טרעפּ האָב איך אים געמוזט אָפּלאָזן. ער איז אַרויסגעגאַנ־גען דער ערשטער. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואַקל־געטון אַהינטער. טאָמער וועט ער אַראָפּפאַלן אויף מיר? כ'בין געווען הילפלאָז מיט דעם פאַרבונדענעם אָרעם! כ'האָב אים האַסטיק אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט און אים אַרויסגעשלעפּט אינדרויסן.

די לבנה האָט געשיינט אויף די ווייסלעכע צווייגן און אויף די טויטע.

— און איצט ראַש! — האָט געזאָגט דער סאַניטאַרן־אונטער־אָפיציר. — דאָ אַהער שיסט מען נאָך אַלץ מיט שראַפּנעלן. דאָרט־אַרום מיט דער לאַנקע אַרויף!

---

*) קאָלאַפּס — ווונדקראַמף.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו לויפן. האָרנונג האָט זיך גע־וואַקלט. רעכטס און לינקס בין איך געווען פאַרבונדן און הילפֿס־לאָז. כ׳האָב געפּרוּווט צו דערהאַלטן מיט אים דעם גלייכן טריט, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. מיר האָבן לסוף אַרויפגעקלעטערט אויפן שיפּוע, צווישן די צלמים פון בית־עלמין און די אומבאַ־גראָבענע טויטע.

סורר! אַ שראַפּנעל נאָענט לינקס.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ אין דער קווער ליגנדיקן טויטן קערפּער.

סורר! ווידער איינס.

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט דער אונטעראָפיציר און נעוואָלט צוהעלפן האָרנונגען, אַז ער זאָל דורכקריכן איבערן טויטן.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט האָרנונג געשריגן אַן אויפגע־רעגטער.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ גרובן. כ׳האָב נישט געקאָנט אַריינשפּרינגען אינעווייניק צוליב מיין באַנדאַזש, און האָרנונג איז לעבן מיר אינגאַנצן פאַרחלשט געוואָרן.

דער סאַניטאַר איז געלאָפן לענגאויס דעם גרובן. — דאָ אַהער! — האָט ער גערופן.

דער גרובן איז געווען אין דאָזיקן אָרט איינגעשאָסן.

— און איצט ווייטער! דאָס איז ס׳ערגסטע אָרט.

מיר זענען אַריין אין דער הייל.

— איר מוזט דאָ איבערוואַרטן אין איינעם פון די דאָזיקע אָקאָפּעס, ביז ס׳וועט אָנקומען אַ סאַניטאַר־וואָגן. אַ רפואה שלמה!

אין דעם שטילן שיפּוע פאַר אונז האָט זיך געפונען אַן עפענונג און טרעפּ; אונטן ליכט. האָרנונג האָט געקרעכצט אַראָפּ־קריכנדיק.

אונטן האָבן געאַרבעט דריי פּיאָנערן, בויענדיק אַ טונעל. ס׳איז דאָרט געלעגן אַ שטויס בעלקעס. האָרנונג האָט זיך אַוועק־געזעצט דערויף אָן אַ וואָרט.

— צי קאָנען מיר דאָ אונטערוואַרטן אויף אַ סאַניטאַר־וואָגן? — האָב איך געפרעגט.

— ס'וועט אייך אָבער זיין קאַלט! — האָט אָפּגעענטפערט איינער פון זיי, נישט איבעררייסנדיק די אַרבעט.

האָרנונג האָט ווידער אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען און ס'האָט זיך געדוכט, ווי אים וואָלט אויסגעפּעלט לופט.

די פייכטקייט פון האָלץ האָט דורכגעדרונגען די מלבושים, מיך האָט אַרומגענומען עפּעס אַן איבלקייט. אין אַ ווייל אַרום האָט עס נאָכגעלאָזט. כ'האָב באַטאַפּט אויף מיין נאַקעטער לינקער ברוסט די גרויסע בלאָזן. ס'איז מיר אַריבערגעלאָפן אַ קאַלטער שוידער איבערן גאַנצן לייב.

אין דער שטאָלניע האָט מען כסדר געאַרבעט.

פּלוצלינג האָב איך עפּעס באַמערקט באַ האָרנונגען. זיינע אויגן זענען געלעגן אין שאָטן. זיין פּנים האָט אויסגעזען מאָדנע ברוין און פרעמד. ער האָט באַוועגט מיט די ליפּן און די פאַלדן אַרום דעם מויל, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט אויף דער בינע — ער איז איבריקנס געווען אַקטיאָר. ס'איז מיר געקומען אויפן זינען, ווי אומנאַטירלעך ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין דעם סאַניטאַרן־שוצגרוב, פונקט ווי אויף דער בינע.

— דו, טראָג נאָר אַוועק די זעק! דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַ פּויזע! — זיי האָבן ביידע אַוועקגעשלעפּט די זעק מיט ליים צו די טרעפּ און זיי אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטויס האָלץ און אָנגעהויבן צו שניידן ברויט.

— כ'מיין, אַז היינט וועט שוין נישט אָנקומען קיין סאַניטאַר־וואָגן. מ'שיסט צו שטאַרק!

מיר קאָנען דאָך דאָ נישט בלייבן, האָב איך געטראַכט און מיך באַוועגט עטוואָס. ס'איז מיר געווען זייער קאַלט און האָב געמוזט כסדר ברייט גענעצן. — הער פעלדפעבל! — האָב איך געזאָגט. — צי וואָלט נישט בעסער געווען, מיר זאָלן גיין ווייטער צופוס?

— גיין, איך ראָט אייך נישט — האָט געזאָגט איינער פון

די פּיאָנערן. — קאָנט איר דען דעם וועג? אינדרויסן איז אָרנט־לעך קאַלט.

— אַלץ בעסער ווי צו זיצן דאָ אונטן האַלב נאַקעט.

זיי האָבן באַטראַכט פון דער זייט מיין אַנטבלויזטע ברוסט.

— פאַול! — האָט געזאָגט איינער — דו גייסט דאָך צוריק, טאָ נעם־זשע זיי מיט.

האָרנונג איז געזעסן אומבאַוועגלעך און געאָטעמט שווער. כ׳האָב אים אָנגענומען באַם אָרעם. ער האָט זיך מיט שווערי־קייט אויפגעהויבן.

— אַ דאַנק פאַר דעם אויפנעם — האָב איך געזאָגט.

— נישפאָ פאַר וואָס צו דאַנקען — האָט עמעצער געמורמלט.

אויפן ליימיקן וועג איז געווען פינצטער און שטיל. ווען מיר זענען אַרויף אויף דער הויכעניש, האָב איך זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט אויף פאָרנט. ווייט אויף רעכטס האָט זיך אויפגע־הויבן אַ ליכט־ראַקעטע. ס׳האָט אָפּגעהילכט אַן איינצלנער ביקסן־שאָס.

דער פּיאָנער האָט אונז געפירט מיט אַן אַנדערן וועג, ווי דער, מיט וועלכן מיר זענען געגאַנגען מיט אַ וואָך צוריק; אייגנטלעך איז דאָס גאָר קיין וועג נישט געווען, נאָר אַן אַלט פעלד, באַדעקט מיט פייכטע שטרענקלעך. מיר זענען פאַרבייגע־גאַנגען איינגעפאַלענע געביידעס. פון אַ קעלער האָט אַרויסגע־פלימערט אַ שוואַך ליכט. די אַנטבלויזטע ערטער לעבן די באַנ־דאַזשן זענען מיר געוואָרן בלוין־און־בלאָ פאַר קעלט.

— לעבן דעם נאָענטסטן דאָרף — האָט געזאָגט דער פּיאָ־נער — שטייען אַ מאַסע באַטעריעס. עס פאַלן טאַקע דאָרט גע־דיכט גראַנאַטן.

לינקס האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצער ראָוו; מיר זענען געגאַנגען אים לענגאויס אַ צען טריט. הינטער אונז האָט אָנגע־הויבן ברומען שטיל: ר—ר—ר—ר, האָט זיך דערנענטערט וואָס אַמאָל מער און געוואָרן פון רגע צו רגע שאַרפער.

— אַנידערלייגן זיך! — האָט געברילט דער פּיאָנער און גע־לעגן שוין כמעט אומבאַמערקט אויף ד׳ערד.

מיר זענען געשטאַנען ביידע אומבאַהאָלפן.

ש—ש! איז עס אַראָפּגעפאַלן דערלעבן.

מאַפּ!—קרעמם! אַ ברוינער בוים האָט אויפגעריסן, אַ פינף טריט פאַר אונז. האָרבונג האָט זיך איינגעבויגן.

פו—פו—פו! זענען געפאַלן שטיקער ליים אַרום. נאָסער ליים איז מיר אַריין אין אָפענעם קאָלנער.

דער פּיאָנער איז אויפגעשטאַנען: — דאָס איז געווען פאַר־שאָלטן נאָענט!

אַ האַרמאַטן־שאָס האָט אַ קראַך געטון איבער אונז.

— מיר מוזן אַראָפּגיין אין שוצגרוב — האָט געזאָגט דער פּיאָ־נער. מיר האָבן אים געפאָלגט. דער ליים אין קאָלנער האָט זיך מיר אַראָפּגעגליטשט טיפער; ס׳איז מיר געווען קאַלט אין רוקן.

דער פּיאָנער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין דעם גרובן און דערלאַנגט די האַנט האָרבונגען. דער האָט זיך איינגעבויגן און אַראָפּגעקראָכן אומגעשיקט. מיר איז געווען זייער אומבאַקוועם מיט איין פרייען אָרעם, כ׳האָב זיך בכן אַוועקגעלייגט אויף דער רעכטער זייט. דער פּיאָנער האָט מיך פאָרזיכטיק אָנגעכאַפּט פאַר די היפטן און מיך אַראָפּגעשלעפּט.

מיר זענען געלאָפן שנעל לענגאויס דעם ליימיקן גרובן. אויבן זענען געווען די חורבות פון מויערן. אין עפּעס אַן אָקאָפּ־דערברייטערונג האָט געשטעקט אַ מאַס־זוער הויביץ, אַרומגערינגלט מיט קוישן. הינטער אים האָט זיך געענדיקט דער ראָוו אויף אַ פלאַכער לאָנקע. האָרבונג איז איצט געגאַנגען אָן עמעצנס הילף. אויך איך האָב מיך געפילט מאָדנע פריש.

מיר זענען אַרויף אויפן שאָסע, וואָס האָט געפירט אין אַ וויניק צעשאָסן דאָרף.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

— דאָרט איז דער פעלד־לאַזאַרעט — האָט געזאָגט דער פּיאָ־נער און אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן הויף.

בעת מיר זענען אַריינגעקומען, איז פון אַ נידריקער גע־ביידע רעכטס אַרויסגעלאָפן אַ דאָקטאָר: — כ׳האָב גראָד פאַר׳ענ־

דיקט דאָס באַנדאַזשירן. נו, אייער באַנדאַזש איז אין אָרדענונג. טוט אייך עפּעס ווי?

— ניין, הער דאָקטאָר!

— נו, קומט־זשע נאָר מיט! — האָט ער געזאָגט מונטער. ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ נידריקע געביידע. רעכטס און לינקס זענען געלעגן פאַרוווּנדעטע ענג לעבן איינאַנדער. כ'בין אַריין צווישן צוויי, פון וועלכע איינער האָט זיך אַריבערגעדעקט מיטן קאָפּ איבערן קאָפּ. דער אַנדערער האָט מיך אָנגעקוקט אַ בלאַסער. כ'האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אויפן רעכטן אָרעם און מיך אַוועקגעלייגט פאָרזיכטיק אויפן רוקן. אַ קראַנקן־וועכטער האָט מיך צוגעדעקט מיט אַ קאָץ.

— דאַרפט איר נאָך עפּעס!

— ניין, כ'דאַנק.

דאָס טאָגליכט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורכן פענצטער, האָט מיך געצאַרט. דער וואָלענער קאָץ האָט געריצט דעם נאַקעטן קערפּער. כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן. אָבער כ'בין געווען זייער וואַכעדיק. די געשעענישן פון דער לעצטער נאַכט האָבן זיך אומגעקערט אין דער פאָרם פון בילדער, אָבער אומצוזאַמענהענגנדיקע און דראַסטישע: דער וועג, מיט וועלכן מיר זענען געגאַנגען, און ווי אונזעריקע זענען געפאַלן באַם אָנגריף. אין וואַלד איז געלעגן איליץ, אין וועמעס טויט איך בין שולדיק געווען. און דער זאַל, אין וועלכן כ'געפין זיך און דער קאָץ! דער פאַרוווּנדעטער לעבן מיר האָט געאָטעמט אומרעגלמעסיק. דאָס האָט מיך געקוועלט. כ'האָב אַהינגעבליקט צו אים. ער האָט באַוועגט איין קני אונטערן קאָץ. כ'האָב ווידער צוגעמאַכט די אויגן און געטראַכט: כ'מוז דאָך זיין אַזוי מיד.

כ'בין איינגעשלאָפן.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט. עמעצער האָט מיך געפרעגט, צי איך קאָן אויפשטיין. צופוסנס איז געשטאַנען אַ סאַניטאַר און געקוקט אויף מיר.

— יאָ! — האָב איך אָפּגעענטפערט און זיך אויפגעהויבן.

ער האָט אָנגעוויזן אויפן טיש רעכטס. דאָרט איז געשטאַ־

נען פרישטיק. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן און אַהינגעגאַנגען עפּעס פאַרדעכטיק לייכט.

באַ דעם טיש זענען שוין געזעסן עטלעכע, אַלע שמוציקע און בלאַסע. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך. ס׳האָט מיך געקוועלט דאָס צוהערן.

מ׳האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אונז שאָלן מיט זעלטענער, הייסער קאַווע. צו דעם אַ פּעניץ ברויט. כ׳בין געווען הונגעריק, אָבער ס׳האָט מיר נישט געשמעקט באַם דאָזיקן טיש. כ׳בין באַלד אויפגעשטאַנען. אויף דער וואַנט האָט געהאָנגען אַ שפּיגל. אומדרייסט האָב איך געוואָרפן אַ בליק אין אים און זיך דערשראָקן. כ׳בין געווען ווי עפּעס אַ ווייסע פלאַך מיט אַ פּאָר טונקעלע אויגן דערין.

קעגן אָוונט איז אָנגעקומען אַ סאַניטאַר־אויטאָ. מ׳האָט מיך אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָגבעטל און צוגעדעקט מיט אַ דינעם קאָץ. מ׳האָט אַרײַנגערוקט דאָס טראָגבעטל אין דעם טונקעלן וואָגן־חלל. אונטער מיר זענען שוין געלעגן צוויי, דערנאָך האָט מען אַוועקגעשטעלט רעכטס נאָך אַ פּאָר טראָגבעטלעך. מ׳האָט פאַרמאַכט אויפן שלאָס דאָס טירל. דורך אַ שפּאַרע האָט אַרײַנגעדרונגען אַ בלאַס ליכט.

דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן ברומען. פאָרנט איז מען אויפגעזעסן. פּלוצלינג האָט עס אַ צי־געטון. דער אויטאָ האָט גענומען לויפן, וואַקלענדיק זיך. כ׳בין אונטערגעשפּרונגען אינדערהייך אויפן געשפּאַנטן לײַוונט פון טראָגבעטל און שווער אַראָפּגעפאַלן אויף די הילצערנע שטאַנגען, גראָד דאָרט, ווו ס׳איז געווען די ווונד. ווידער האָט עס מיך אַ וואָרף־געטון אינדערהייך. דער ווייטיק האָט געמוזט זײַן שטאַרק צעשעדיקט. ווען דער אויטאָ זאָל ווייניקסטנס נישט האָבן אַזעלכע ווייכע רעסאָרן! ער האָט זיך געוואַקלט אַהין און אַהער. כ׳האָב זיך באַמיט אײַנצוקלאַמערן מיט דער פרייער האַנט אָן סופיט. כ׳האָב זיך אָבער געמוזט דערבײַ מאַכן שטייף, און דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם ווייטיק. כ׳האָב זיך בכן געלאָזט וויגן און אונטערוואַרפן און פאַרמאַכט די אויגן. דאַן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז ס׳דרעט

מיר אַראָפּצופּאַלן. אונטערן דינעם קאָץ איז געווען קאַלט. די בלאָזן אויפן קערפּער האָבן זיך באַדעקט מיט געגנזנהויט. דער אויטאָ האָט זיך אַראָפּגעדרייט און דערנאָך ווידער גלייך פאַר זיך. וועגענער האָבן געקלאַפּט. אינפאַנטעריע־קאָלאָנעס האָבן פאַרביי געבראָדזשעט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אומאיבערדרייסלעכע אונטערשפּרונגען: שטיינערנער ברוק.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. שטימען. עמעצער האָט אַ קלינג־געטון מיט שליסלען און אויפגעעפנט. טאָגליכט. מ׳האָט אַרויס־געצויגן אַ טראָגבעטל אונטער מיר. ס׳איז מיר אַריבער אַ שוידער פון קעלט.

מ׳האָט מיך אַרויסגעטראָגן. כ׳האָב דערזען אַ הויז. דער הימל, הגם אַ טריבער, האָט מיך געבלענדט. מ׳האָט מיך גע־טראָגן איבער די שטיגן מיט די פיס פאָרויס. דאָס האָט מיך אַביסל אויפגעהייטערט. און דערנאָך אַ גרויס, העל צימער מיט בעטן.

ס׳האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר אַ שמייכלענדיקע שוועס־טער: — קענט איר אַליין אויפשטיין?

כ׳האָב אַוועקגעמאַכט דעם קאָץ און מיך אויפגעהויבן. זי האָט מיך צוגעפירט צו אַ ווייס בעט. כ׳האָב אָפּגעשפּיליעט די בלוזע, דערנאָך האָב איך אַראָפּגעצויגן פון די פיס די ליימיקע שטיוול. זיי זענען געווען זייער שמוציק. כ׳האָב זיך פאַרשעמט און מיך צוריק צוגעדעקט.

— איז געווען שלעכט דאָרט אויפן פראָנט?

— ניין... אָדער אפשר יאָ.

זי האָט אַ שמייכל־געטון און צוגעגאַנגען צו דעם, וועמען מ׳האָט אָקאָרשט אַריינגעטראָגן.

אַ קעלט האָט מיך דורכגעשוידערט. ס׳האָט זיך צוריקגע־קערט דער פּחד, אַן עקשנותדיק, טעמפּ געפיל און דאָס גרויל־פולע אָנקומען פון עפּעס. מיינע בלאָזן זענען נאָך גרעסער געוואָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס געפיל נאָכגעלאָזט. רעכטס אין נאָענטסטן בעט האָט זיך עמעץ קרעכצנדיק באַוועגט אַהין און אַהער. זיין פּנים איז געווען קיילעכיק און רויט.

די שוועסטער איז צוגעגאַנגען צו אים: — שפּעטער וועלן מיר אייך ווידער אַרומוואַשן די פּלייצעס מיט עטער. אָבער ס׳איז דאָ עפּעס צו עסן — אָדער אפשר האָט איר נישט קיין אַפּעטיט?

זי האָט אים באַטאַפּט דעם שטערן. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטון צו מיר: — צי טוט אייך עפּעס וויי?

— ניין, נאָר כ׳בין הונגעריק! — כ׳בין געוואָרן מיטאַמאָל ווייער אויפגעלייגט.

אויפצומאָרגנס האָט מען מיך ווידער אויפגעלאָדנט אויף אַן אויטאָ און אַוועקגעפירט אויף אַ באַנהויף. מ׳האָט מיך אַוועקגעלייגט אויף מיין טראָגבעטל אין אַ נידריקן באַן־וואַגאָן מיט פיל קליינע פענצטערלעך.

מיר זענען אָפּגעפאָרן. איטלעכער קלאַפּ פון די רעדער האָט מיר געשטויסן אין די ווונד. ווידער האָט זיך אומגעקערט דער פּחד.

וויפל טעג מיר זענען געפאָרן, ווייס איך נישט. טיילמאָל בין איך אויפגעשטאַנען, כּדי אויסצומיידן די כּסדרדיקע שטויסן אין די ווונד. כ׳האָב געבעטן, מ׳זאָל מיר דערלויבן איבערצוזיצן די נאַכט, אָבער די שוועסטער האָט דאָס נישט דערלויבט, וויל ס׳קאָן מיר פאַרשאַטן. כ׳האָב געהאַט היץ און געמוזט אַרויסגיין אַלע ווײַלע. די שוועסטער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַאומרויקן מיט מיין צושטאַנד. יענץ געפיל האָט זיך נאָכאַנאַנד אומגעקערט און איז געווען העסלעך און איינגעשפּאַרט. ס׳האָט מיך געביסן אויפן גאַנצן קערפּער. כ׳האָב געמוזט האָבן לייז. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טון דערצו? כ׳האָב געטראַכט פאַרצווייפלט: צי וועט דען דאָס אַזוי אויף תּמיד בלייבן, אַז דאָסדאָזיקע געפיל וועט זיך כּסדר צוריקקערן? אָבער ווען ס׳איז פאָראיבער, האָב איך זיך געשפּירט גליקלעך.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. אונזער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן. כ׳האָב צומאָל נישט געלייגט קיין אַכט דערויף.

ס׳זענען אַריינגעקומען סאַניטאַרן און אַ כאַפּ־געטון מיין טראָגבעטל. זיי האָבן מיך אַרויסגעטראָגן פאָרזיכטיק, און דאָך האָב איך מורא געהאַט. זיי זענען געגאַנגען איבער די שינעס.

ווען עמעצער פון זיי זאָל זיך אַ שטרויכל־טון, וואָלט איך דאָס שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן! מיר זענען געגאַנגען לענגאויס אַ גרויסער געביידע, ווי אַ שפּייכלער. וואָס ווילן זיי דען טון מיט מיר? פּיל טרעפּ אַרויפצו. ווייסע קאָרידאָרן.

— דאָ אַריין! — האָט געזאָגט עפּעס אַן אַלטע ווייבערשע שטים. זי איז געשטאַנען בײַ דער טיר, מיט די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און געקוקט אויף מיר גוטהאַרציק פון אונטערן ווייסן, שטייפן טשעפּיק.

מ׳האָט מיך אַרײַנגעטראָגן אין אַ זאַל מיט צוויי רייען בעטן. די נאָנע האָט מיר מילד געהאָלפן אויפשטיין. כ׳האָב געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. ס׳האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— כ׳בין פאַרלייזיקט — האָב איך געזאָגט פאַרצווייפלט.

— מיר וועלן זיי באַלד פּטור ווערן — האָט זי געשמייכלט. — זיי האָבן נישט ליב קיין זויבערקייט און וועלן זיך אָפּטראָגן.

זי האָט מיך אַרײַנגעלייגט אין בעט און מיך צוגעדעקט. כ׳האָב כּסדר געציטערט און עס נישט געקאָנט גובר זײַן.

די נאָנע האָט אַרײַנגעברענגט אַ שיסל, האָט מיר אַראָפּגענומען די פיס פון בעט און אָנגעהויבן זיי אַרומצווואַשן מיט וואַרעם וואַסער.

— האָט איר היץ? — האָט זי געפרעגט מיט אַ נאָזיקער, אָבער זייער מילדער שטים.

— יאָ, ס׳שיינט מיר — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— מיר׳ן דאָ באַלד אַהערבעטן דעם דאָקטאָר. מיר האָבן דאָ אַ זייער טיכטיקן דאָקטאָר. ער אַרבעט אומדערמידלעך פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט.

זי האָט מיר ווידער אַרונטערגערוקט די פיס אונטער דער קאָלדרע.

ס׳איז אָנגעקומען אַ סאַניטאַר, שטופנדיק פאַר זיך אַ נידעריק וועגעלע אויף גומענע רעדער. כ׳האָב זיך געמוזט אַרויפלייגן דערויף. ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ שמאָל צימער. ס׳האָט אַ רויש־געטון און מיר זענען אַראָפּגעפאָרן אונטן.

ער האָט מיך אַריינגערוקט אין אַ זאַל מיט כּלים און אינ־סטרומענטן. דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייס געדעקטן טיש און מיר אויסגעטון דאָס העמד. ער האָט מיר אַרומגעהילט מיט דער קאָלדרע די היפּטן, כּדי כ׳זאָל נישט זיצן אינגאַנצן נאַקעט. כ׳האָב געציטערט און געקלאַפּט מיט די ציין.

— דאָס האָט אָבער געצייטערט!

עמעצער איז געגאַנגען הינטער מיר אומרויק אויף און אָפּ, איז געבליבן שטיין און אויסגעזען מיך צו באַאָבאַכטן. קיין דאָקטאָר האָט דאָס נישט געקאָנט זיין. דערדאָזיקער מענטש האָט מורא געהאַט. ער האָט ווידער גענומען שפּאַנען אויף און אָפּ, געבליבן שטיין און ווידער געמאַכט אַ פּאָר טריט, שרעקלעך אומרויק. כ׳האָב געקלאַפּט פאַרצווייפלט מיט די ציין. ווען ער זאָל מיך ווייניקסטנס נישט אַזוי אָבסערווירן!

דער סאַניטאַר האָט אָפּגעוויקלט דעם באַנדאַזש און אים אַריינגעוואָרפן אין אַן עמער. די גאַזע איז געווען דורכגעווייקט מיט אַ ברוינער פייכטקייט. צי איז דאָס אַלץ געוורן עאָפּע?

די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעמאַכט.

— דאָקטאָר זאַנד!

— לינדקאַמפּ — האָט אָפּגעענטפערט אַ שטילע, טיפע שטים.

— זענט איר פאַרוווּנדעט, הער קאַפּיטאַן?

— ניין, כ׳בין קראַנק.

— אָבער ס׳איז נישטאָ די קאַרטע פון פעלד־לאַזאַרעט.

— כ׳בין נישט געוואָרן דאָ אַהער איבערגעוויזן.

— אין אַזאַ פאַל טאָרן מיר אייך דאָ נישט אויפנעמען.

די ברוסט און פּלייצעס האָבן מיר מוראדיק געפרירט.

— וואָס־זשע זאָל איך טון? — האָט געמורמלט דער קאַפּיטאַן.

— מיר וואָלטן דאָ געפינען אַן אָרט, אָבער בתּנאַי, אַז ס׳וועט נישט אויספעלן קיין בעטלעך. — מיר מוזן אויך וועגן דעם ראַפּאָרטירן.

— דאָס איז אייער פליכט — האָט געמורמלט דער קאַ־פּיטאַן.

האַסטיקע טריט צו מיר. אַ מענטש אין ווייסן פאַרטוך, אַ נאָך יונגער.

— און וואָס איז מיט אייך? — ווו זענען די אינסטרו־מענטן, שוועסטער?

הינטער מיר האָבן געקלאַפּט מכשירים. כ׳האָב אַ צאַפּל געטון.

— האָט עס ווי געטון?

— ניין, הער דאָקטאָר! — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

עטלעכע פּערזאָן זענען אַריינגעקומען דורך דער טיר.

ער האָט מיר באַנעצט די ווונד מיט עפּעס קאַלטס. כ׳האָב מיך געוואָלט באַהערשן און אויפגעהערט צו ציטערן. מיטאַמאָל האָט מיר ווידער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. און אפילו דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט! כ׳האָב אָנגעהויבן קראַמפּהאַפטיק צו וויינען, ס׳האָט מיך געשווידערט פאַר קעלט.

— איצט שנעל פאַרבאַנדאַזשירן און אין בעט אַריין! —

האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און מיר אַרויפגעלייגט אויף דער ווונד עפּעס ברייטס און ווייכס.

דער סאַניטאַר האָט מיר אַרומגעוויקלט די ברוסט מיט אַ ברייטן באַנדאַזש און געשעפּטשעט: — מ׳דאַרף נישט מורא האָבן!

ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר. אַ נידריקער אָפי־ציר האָט מיך אָנגעקוקט מיט מיטלייד. כ׳האָב נישט געקאָנט דער־זען סאַראַ צייכנס ער האָט געהאַט אויף די אַקסלען. אָבער כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז געווען דער קאַפּיטאַן.

— טוט אייך שטאַרק ווי?

— ניין... הער קאַפּיטאַן... מיך פרירט... נאָר... אַזוי. —

די קעלט האָט מיך אַזוי געשווידערט, אַז כ׳האָב עס קוים אַרויס־געשטאַמלט.

ער האָט אַוועקגעקוקט אין דער זייט און מיטאַמאָל זיך פאַר מיר פאַרלעגן פאַרנויגט: — לינדקאַמפּ!

אָך, גאָט! האָב איך געטראַכט. ער האַלט מיך אוודאי

פאר אַן אָפּיציר. כ׳קאָן מיך דאָך צומאָל פאַר אים נישט פאַר־שטעלן.

ער האָט מיך טרויעריק אָנגעקוקט און איז געגאַנגען לעבן מיין וועגעלע.

— ווי הייסט איר?

— רען, הער קאַפּיטאַן.

— ווען איר זאָלט עפּעס ברויכן — איך ליג אין צימער 209.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און געבליבן שטיין. כ׳וואָלט אים גערן עפּעס געזאָגט. אָבער כ׳בין דאָך נאָך געווען יעפרייטער, און כ׳האָב געציטערט פאַר קעלט און האָב גאָרנישט גע־קאָנט געפינען.

מ׳האָט מיך אַוועקגעלייגט אין בעט. די נאָנע האָט מיך אַרומגעדעקט.

— מאָרגן וועט אייך שוין זיין בעסער — האָט זי גע־שמייכלט. — דאָס איז נאָר צוליב דער לאַנגער נסיעה.

דאָס האָט מיך באמת באַרויקט. נאָר אינדרויסן האָב איך געפרירט און געציטערט. כ׳בין געלעגן אין אַ ווייסן, זויבערן בעט. עפּעס אין מיר איז געווען זייער פריילעך.

— — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויפגעוואַכט פון עפּעס אַ געזאַנג דערלעבן. דאָרט האָט געמוזט זיין עפּעס אַ קאַפּליצע, די נאָנעס האָבן געזונגען. ס׳איז געווען טאָג, העל אין זאַל און אינגאַנצן שטיל. פון אַלע בעטן האָט מען זיך איינגעהאָרכט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען די נאָנע שמייכלענ־דיק און מיט פאַרלייגטע הענט. זי איז געווען אַלט און פול מיט קנייטשן, אָבער די גוטע, עטוואָס וואַסערדיקע אויגן זענען מיר געווען ליב. זי איז אַרומגעגאַנגען די בעטן.

— נו, ווי איז עס היינט?...

— זייער גוט — האָב איך געלאַכט.

זי האָט מיך געלאַסן אונטערגעהויבן. אויף מיין קישן איז געווען אַ רױטער פלעק, גרויס ווי אַ קאָפּ.

— די ראַפּע האָט שוין ווידער דורכגעווייקט דעם גאַנצן באַנדאַזש! מ׳וועט דאַרפן אונטערלייגן מער וואַטע.

צוויי מיידלעך האָבן אַריינגעבראַכט פרישטיק. ס׳האָט מיר אַזוי געשמעקט, אַז כ׳וואָלט מיט גרויס חשק אויפגעגעסן מער.

נאָכמיטאָג איז געקומען דער קאַפּיטאַן און מיר געבראַכט צוויי טאַשנטיכלעך. כ׳בין געווען אין פאַרלעגנהייט. צי האָט דאָס געזאָלט זיין אַ מתנה? ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון מיין בעט און איז עפּעס ווי מיטאַמאָל עלטער געוואָרן.

— צי זענט איר שוין לאַנג אויפן מערב־פראָנט?

— פון אָנהויב מלחמה, הער קאַפּיטאַן.

— איך בין געווען כסדר אויפן מזרח־פראָנט — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט. — און דערנאָך האָט מען מיך געשיקט אויף מערב, גלייך אויפן פראָנט. כ׳האָב צומאָל נישט געזען דעם פּולק־קאָמאַנדיר... מיין אַדיוטאַנט האָט מיך נישט געלאָזט גיין. אָבער דאָס פּאַסט דאָך נישט! פלעגט ער כסדר זאָגן... אָבער איך האָב נישט געקאָנט. כ׳בין געזעסן תמיד אין מיין שוצגרוב און נישט געוווּסט, וואָס כ׳זאָל טון!... איר קאָנט דאָס נאַטירלעך נישט פאַרשטיין!

ער האָט מיך אָנגעקוקט זייער טרויעריק.

— אָבער יאָ, הער קאַפּיטאַן, — האָב איך געמורמלט.

— אָבער אינגאַנצן קאָנט איר עס דאָך נישט פאַרשטיין. איר זענט עפּעס אַנדערש... איך האָב אַ פרוי און קינדער אינדערהיים. זיי וואָלטן זיך געפרייט, אייך צו באַקענען.

אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שימער פון פרייד. ווי שרעקלעך דאָס איז! האָב איך געטראַכט. ער האָט פאַרלוירן יעטוועדן מאָסשטאַב, לגבי זיך און אַנדערע! צי האָט עס כאָטש קיינער נישט געהערט?

— אפשר וועט איר עפּעס ברויכן — כ׳האָב מיט זין מיין וואַליזע.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און זיך אַרויסגעשלייכט.

ער איז געקומען נאָך אַ פּאָר מאָל. ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן וואָס אַמאָל עלטער און אומאַנטשלאָסענער. כ׳האָב מיר נאָכאַנאַנד איבערגעלייגט, וואָס כ׳זאָל אים זאָגן, צי וואָלט איך אים געקאָנט מיט עפּעס דינען, אין עפּעס פאַרלייכטערן? כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין קאַלט און אומפּילבאַר, און אַז ער מוז מיך אַוודאי האַלטן פאַר אַ מענטש אָן אַ האַרץ. די קאַלעגן אין זאַל האָבן זיך געוויצלט איבער אים. אפשר האָבן זיי געהאַט רעכט, אָבער דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. דערנאָך האָט ער זיך שוין נישט געוויזן אַ לאַנגע צייט.

כ׳האָב איבערגעפרעגט די שוועסטער. זי האָט מיך אָנגעקוקט ערנסט: — ס׳זאָל נישט קומען ווייטער; ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען.

מאָדנע! כ׳בין צומאָל נישט נשתומם געוואָרן. כ׳האָב אויפגענומען די נייעס נאָר אַלס געשעענעם פאַקט.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן איילינצן, ווען כ׳האָב געלאָזט שטיין אינדרויסן — און ער איז געפאַלן. כ׳האָב נישט געשפּירט קיין געוויסנפּיין, אָבער ס׳האָט מיך עפּעס גערירט.

די אָנפאַלן פון מיאוסן פּחד זענען געוואָרן זעלטענער און שוואַכער. די בלאָזן האָבן זיך פאַרקלענערט. נאָר די ווונד האָט נאָך דורכגעאייטערט יעדע נאַכט די באַנדאַזשן. כ׳האב שוין געמעגט אויפשטיין שעהנווייז. כ׳האָב זיך שנעל אויסגעלערנט זיך אָנצוטון מיט איין האַנט. ס׳איז מיר נאָר אָנגעקומען שווער דאָס אַרויפציען די הויזן. כ׳האָב זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן בעט, כדי זיי צוצוהאַלטן.

איינמאָל אינדערפרי איז געקומען דער דאָקטאָר און באַטראַכט מיין ווונד.

— איצט קאָנען מיר פאַרנייען די ווונד, ווייל זי איז שוין אינגאַנצן ריין. האָט איר געגוג מוט דערצו?

— יאָ, הער דאָקטאָר!

— גוט! פירט אים אַריין אין אָפּעראַציע־זאַל!

כ׳בין אַוועקגעגאַנגען מיטן וועכטער אין דעם זאַל. איך

וועלכן כ'בין געווען די ערשטע נאַכט. מ'האָט מיר אַנטבלויט די־ וווּנד. אַ נאָגע האָט זי מיר אַרומגעוואַשן מיט עטער.

ס'איז געקומען דער דאָקטאָר.

— דריי וווּנד־קלאַמערן !.. דאָס איז נישט איבעריק אָנגע־ נעם.

— צי זאָל איך אייך פאַראומפּילבאַרן ?

— ניין, הער דאָקטאָר. כ'האָב מיר מורא פאַר די איינ־ שפּריצן, איידער פאַרן ווייטיק גופא.

— איר זאָלט מיר אָבער נישט שרייען !

— ניין, הער דאָקטאָר.

דער סאַניטאַר האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט־געלענק.

דער דאָקטאָר האָט געקלאַפּט הינטער מיר מיט אינסטרו־ מענטן : — איצט הויב איך אָן !

ער האָט מיר אָנגעשטאָכן דאָס פלייש איבער דער וווּנד. דאָס איז כלל נישט געווען אַזוי שרעקלעך. דערנאָך אונטער דעם. ווייטער לינקס ווידער אויבן און אונטן. דערנאָך די דריטע קלאַמרע.

— יאָ, און איצט קומט דאָס צונויפציען.

כ'האָב געפילט, ווי די שטעך בויערן זיך איין טיפער. גלייך זיי וואָלטן וועלן אַרויסרייסן שטיקער פלייש. איצט דער נאָענטסטער, און דערנאָך... דאָס איז שוין כלל נישט געווען אָנגענעם.

— איר האָט זיך געהאַלטן אויסגעצייכנט !

כ'בין צוריק אַרויפגעגאַנגען אין זאַל. די אַקסלען האָב איך געהאַלטן אַביסל קרימלעך, אָבער כ'בין געווען צופרידן. כ'האָב מיך אַוועקגעלייגט אין בעט, האָב אָבער נישט געקאָנט געפונען קיין רו. כ'בין בכן צוריק אויפגעשטאַנען נאָך אַ האַלבער שעה און גענומען שפּאַנען אַריף און אָפּ... ס'האָט זיך מיר אויסגע־ וויזן, אַז דאָס פלייש האַלט אין איין אָנשוועלן און טוט וואָס אַמאָל מער ווי אונטערן דרוק פון די מעטאַלענע קלאַמרעס.

דערנאָך האָב איך באַקומען מיטאָג. כ'האָב געפילט אַ ווי־ דערווילן צום עסן און האָב עס כמעט נישט געריהרט.

דערנאָך האָב איך מיך אָװעקגעלײגט אין בעט אַרײַן און בין אײַנגעשלאָפֿן.

— — — — — — — — — — — —

כ'האָב אױפֿגעװאַכט. פֿון דעם חלום מיר זענען נאָך פֿאַרבליבן אומממשותדיקע, פֿײַנלעכע פֿאַרשטעלונגען. ענלעכע צו בעלקעס און דראָטן. מײַן בליק האָט געבלאָנדזשעט אומרויִק. דער װײטיק איז נישט געװען אַזױ פֿריקרע װי דאָס. כ'האָב אױסגעטרונקען אַביסל קאַװע און געלאָזט ליגן דאָס ברױט.

די נאָגע האָט זיך זײער באַזאָרגט.

— האָט איר נישט קײן אַפּעטיט ? מיר, באַלד אַרונטערלײגן דעם טערמאָמעטער.

כ'בין געלעגן שטיל. די צײַט האָט זיך שרקלעך געשלעפּט. די נאָגע האָט אַרױסגענומען דעם טערמאָמעטער און אַ קוק געטון אױף אים. אירע אױגן זענען שױן מסתם געװען שװאַך, מחמת זי האָט אים אַראָפּגעשאָקלט.

— מיר מוזן נאָכאַמאָל מעסטן.

כ'האָב שױן געװוסט, אַז כ'האָב היץ.

זי האָט מיך געלאָזט לאַנג ליגן. דערנאָך האָט זי אַרױסגעצױגן דעם טערמאָמעטער און אַ קוק געטון.

— מ'װעט דאַרפֿן רופֿן דעם הער דאָקטאָר.

ער איז געקומען אין אַ פּאָר מינוט אַרום און באַטראַכט די װונד.

— ס'איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער ס'זענען פֿאַראַן פֿאַרשײדענע מעגלעכקײטן. װי באַלד מיר'ן אַראָפּנעמען די קלאַמערס, דאַן װעט די היץ אָפּטרעטן. אָבער די הײלונג װעט זיך פֿאַרשפּעטיקן אױף גאַנצע װאָכן, אױב נישט חדשים.

ער האָט דאָס געזאָגט צו מיר אין אַ פֿרעגנדיקן טאָן.

— װיל איך שױן בעסער האָבן דאָס ביסל היץ.

— גוט, מאַכט אים אױף באַנאַכט אַן אײַנשפּריץ, שװעסטער בריגיטע !

אינאָװנט האָב איך קױם געקאָנט אַראָפּשלינגען אַ ביסן ברױט. דערנאָך האָט מיר דער סאַניטאַר אַרומגעװאַשן אַן אָרט

אויפֿן רעכטן אָרעם. די נאָנע האָט געברענגט אַ גלעזערנעם שפּריץ מיט מוטנער פליסיקייט. זי האָט אָפּגעצויגן די הויט מיט די פינגער און אַ שטאָך געטון. ס'איז געוואָרן אויף דער הויט אַ קיילעכיקע בלאָז ווי אַ בייל. דער סאַניטאַר האָט אַרויפגעקלעפּט אַ קליינעם פלאַסטער אויף דעם איינשטאָך.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט מיט איר עטוואָס וויינענדיקער שטים און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ שמייכלענדיק. כ'האָב זי זייער ליב געהאַט.

עפּעס אַ ציינגיש האָב איך געשפּירט אין מיין קערפּער, גלייך ער וואָלט געוואָרן לענגער. דאָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג. דער ווייטיק האָט זיך דערווייטערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטון פון דעם אַקסל. כ'האָב אָבסערווירט אין מיר זאָס־דאָזיקע ציינגיש און בין געלעגן גאַנץ שטיל.

— — — — — — — — — — — —

אינמיטן דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. כ'האָב געשפּירט אַ שטאַרקן דאָרשט. כ'האָב גאָרנישט געהאַט דערלעבן און אויך נישט געוווסט, צי כ'מעג טרינקען. ס'האָט מיך נישט געלאָזט רוען. כ'בין געלעגן לאַנג, הגם אויסערלעך שטיל, אָבער אינערלעך ליידנדיק שטאַרק. אין זאַל האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. עטלעכע האָבן געשנאָרכט. איינער האָט זיך באַוועגט אומרויק און געקרעכצט.

— — — — — — — — — — — —

דער געזאַנג דערלעבן האָט מיך אויפגעוועקט פון אַן אומרויקן דרימל. דער ווייטיק האָט זיך צוריק איינגעקלאַמערט שטאַרק אין אַקסל. אין זאַל איז געווען אַ טונקל ליכט. כ'האָב נישט געוווסט, פון וואַנען דאָס שטאַמט. פונדערווייטנס האָט מען צוגעמאַכט אַ טיר. כ'האָב געהערט דורך די טאָפּעלע פענצטער דאָס פייפן פון ווינט און אַ ווייטן אָפּהילך פון דונערן.

ס'איז אַריינגעקומען די נאָנע און אין דעם גראָען ליכט האָט זי זיך מיר אויסגעוויזן מאָדנע געל און פאַרוועלקט.

— נו, ווי איז אַדורך די נאַכט? — האָט זי געשמייכלט. כ'האָב זי ווידער דערקענט לויטן קלאַנג פון דער שטים.

— נישט זייער גוט. כ׳וואָלט שוין נישט וועלן מער נעמען קיין מאָרפיום.

מ׳האָט דערלאַנגט פרישטיק. כ׳האָב נישט אויסגעטרונקען די קאַווע און ווייניק געגעסן. אין פענצטער האָט אַ שימער געטון. אַ געלער אויפשיין פון אַ בליץ. איצט האָב איך דייטלעך געהערט דעם דונער. די נאָנע האָט מיר געמאָסטן די טעמפעראַטור. כ׳האָב זיך געפילט שלעכט.

ס׳איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר.

די נאָנע האָט געפליסטערט ; כ׳האָב פאַרשטאַנען אַלץ : — ער האָט כמעט פערציק גראַד.

— כ׳בעט אַראָפּצונעמען דעם באַנדאַזש !

כ׳האָב זיך געמוזט אַריבערבויגן אויף פּאָרנט.

— דאָ איז אַ לייכטע פאַררויטלונג. מ׳דאַרף אים איזאָלירן, און איר, שוועסטער בריגיטע, טוט אַכטונג, אַז קיינער זאָל זיך פון אים נישט אָנשטעקן ! מיר׳ן דאָך נישט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל דאָ אויפן זאַל אָנהויבן גראַסירן די רויז.

ס׳איז אָנגעקומען דער וועכטער מיטן וועגעלע אויף גומענע רעדער. ער האָט מיך אַוועקגעפירט לענגאויס דעם קאָרידאָר, אויף דער צווייטער זייט פון דער איינגעמויערטער קאַפּליצע. איצט בין איך געלעגן איזאָלירט.

די היץ איז געשטיגן. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן אינדערפרי 40 גראַד. מיין דמיון האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. די היץ איז געשטיגן אַלץ מער און שוין געהאַט כמעט 41 גראַד. כ׳האָב באַקומען צו עסן פון צייט צו צייט נאָר צעקלאַפּטע אייער מיט קאָניאַק. דאָס האָט געהאַט אַ זיסלעכן טעם און געשמעקט. מיינע חלומות האָבן זיך וואָס אַמאָל מער פאַרפּלאָנטערט. כ׳האָב געשפּירט אַז כ׳בין אַ פערטיקער.

די צייט האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך. די היץ האָט לאַנגזאַם נאָכגעלאָזט. דער דאָקטאָר האָט איינגעפונען, אַז די וווּנד היילט זיך אויסגעצייכנט, אָבער די פלעקן אַרום זענען אָרנטלעך רויט. כ׳האָב מיך געפילט שרעקלעך שוואַך. לסוף האָט דער דאָקאָר אין אַ געוויסן טאָג דערקלערט : — אַלץ איז

אין אָרדענונג. מיר קאָנען איצט אַרויסנעמען די קלאַמרעס.

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און מיט עטלעכע שנעלע באַוועגונגען באַזייטיקט די קלאַמרעס.

מיטאָגצייט האָב איך זיך דערוווּסט: כ׳בין געוואָרן אונ־טעראָפּיציר. דער פעלדפעבל האָט עס געשריבן. כ׳האָב מיך געפרייט.

נאָכמיטאָג האָבן מיך נאָכאַמאָל באַהערשט משונהדיקע דמ־יונות. אָבער אויף צומאָרגנס איז שוין נישט געווען קיין זכר פון דער היץ. כ׳בין נאָך געשלאָפן אַ סך און נאָכן אויפוואַכן זיך געפילט וואָס אַמאָל געזונטער.

דערנאָך האָט מען מיך איבערגעטראָגן אין גאַרניזאָן־לאַזאַ־רעט. מיין וווּנד איז נאָך, וואָס אַן אמת, נישט געווען אינגאַנצן פאַרהיילט, אָבער כ׳האָב שוין געמעגט עטוואָס באַוועגן מיטן אָרעם. פאָרלויפיק האָב איך געקאָנט פירן מיט דער האַנט אין אַ זייט קוים אויף צוויי שפאַן.

די עזן-שאַמפּאַניע-שלאַכט 1917.

1

מיר זענען געפאָרן אין פעלד מיט אַ גרויסן טראַנספּאָרט רעקאָנוואַלעסצענטן. וווהין ? דער וועג האָט געפירט איבער מעץ. דער פולק איז בכן איצט געשטאַנען אויפן דרומדיקן טייל פון פראָנט. מיר זענען אויסגעשטיגן, דערשטוינענדיק נאָענט פון מעץ און אָפּמאַרשירט לענגאויס אַ וואַלדיקן טאָל. דער טאָג איז געווען אַ טריבער און ווינטיקער. דער וואַלד האָט אויסגעזען אומהיימלעך.

נאָך אַ צוויי שעה מאַרש האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ רונדן באַרג מיט אַ קליינעם וואַלדשפּיץ אויף אים. מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט אויף לינקס. אויפן שיפּוע איז געלעגן אַ דאָרף.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ ווילע מיט אַ גאָרטן. עטלעכע זעלנער פון אונזער פולק האָבן זיך דערנענטערט און אונז באַטראַכט פונוויטנס. מיך און הענסלען ווי אויך עטלעכע אַנדערע האָט מען ווידער באַשטימט אין די דריטע קאָמפּאַניע.

כ'בין אַוועק אין דער קאָמפּאַניע-קאַנצעלאַריע, כדי זיך צו מעלדן. באַ אַ קליין טישל איז געזעסן אַ לייטענאַנט, אויסגע-דרייט מיטן רוקן צו מיר.

— אונטעראָפיציר רען מעלדעט זיך געהאָרכזאַם מיט פערצן זעלנער.

דער לייטענאַנט האָט זיך אויסגעדרייט.

— גוטן טאָג! — ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

כ׳האָב זי אָנגענומען אומדרייסט און אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. צי איז דאָס באמת געווען דער פריערדיקער איינ־יעריקער לאַם?

— שוין־זשע האָב איך מיך אַזוי פאַרענדערט, אַז דו דער־קענסט מיך אַזש נישט?

— יאָ, הער לייטענאַנט.

— מיר זענען דאָך נישט אין .דינסט, מוסטו מיך בכן נישט אָנרופן הער לייטענאנט — האָט ער זיך צעלאַכט.

כ׳בין נאָך געווען אינגאַנצן פאַרבליפט; סאַראַ קרעפטיקע שטים ס׳האָט יעצט געהאַט לאַם! ער איז געוואָרן ברייט און אויסגעזען בכלל אַנדערש, אַזוי רויק און זיכער.

מיר זענען אַרויף אויפן באַרג צו אונזערע קוואַרטירן. מיר האָבן זיך געפונען ווייט הינטערן פראָנט, אין די אַרדענען, כדי זיך צו איבן און פאָרצובערייטן צו דער דערוואַרטער פרי־לינגס־אָפענזיווע פון די פראַנצויזן.

דאָסמאָל האָט די מיליטערמאַכט צוגערייט צו דער קאָנטר־אָפענזיווע אַ גאַנצע אַרמעע, און מיר האָבן טאַקע געהערט צו איר.

דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמפּאַניע האָט זיך איינ־גאַנצן געענדערט. כ׳האָב דערקענט נאָר צוויי אָדער דריי, און צווישן זיי קיינעם נישט פון די נענטערע באַקאַנטע. אין מיין גרופּע זענען געווען עטלעכע בלאַסע, דאַרע יונגען, וועלכע זע־נען זייער אומגעשיקט באַם איבן. צו זיי האָט געהערט קודם־כל בראַנד, וועלכער פלעגט זיך תמיד הילפלאָז אַרומקוקן. דער שטאַרקסטער פון אַלע איז געווען הענזעל. ער האָט געטון אַלץ מיט גרויסער רו און זיכערקייט, אָבער אויך קיין האָר נישט מער, ווי מ׳האָט פון אים פאַרלאַנגט. ווייטער איז נאָך דאָרט געווען דער יעפרייטער האַרטענשטיין, אַ מוסקלעזער, הויכער מענטש מיט טונקעלן פּנים, שווייגנדיק און גראָב, אָבער זייער טיכטיק, און לסוף ווייקערט, דער בעסטער שיסער פון דער

קאָמפּאַניע, אַ לעבהאַפּטיקער און עטוואָס באַריידעוודיקער פּאַר־
שוין.

II

ס'איז שוין געווען אַפּריל, אָבער ס'האָבן נאָך געהערשט פרעסט, בעת מיר האָבן באַקומען דעם אָפּמאַרש־באַפעל. די פראַנצויזישע אָפּענזיווע האָט זיך שוין געזאָלט אָנהויבן.

מיר האָבן מאַרשירט עטלעכע טעג דורך וואַלדיקן באַרג־לאַנד. דערנאָך זענען מיר אַראָפּ אין אַ פּוסטן פּליין און צו מיטאָג אין אַ שטעטל, אַזאַ קליינס, ווי זעלטן באַ אונז אַ דאָרף. אונזער פּלוטאָן האָט זיך איינקוואַרטירט אין לעצטן הויז פון רעכטס. די זון האָט געשיינט וואַרעם ווי אין זומער. אונזער גרופּע איז געלעגן אויבן אין אַ בוידעם־שטוב, וואָס האָט גע־האַט איין נידריק פענצטער. כ'האָב זיך דאָרט אַוועקגעזעצט מיט הענזעלן. אינדרויסן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פּליין מיט אַ קרומען, זאַמדיקן וועג, באַזעצט מיט נאָך נאַקעטע אויבסטביימער. ווייטער האָט זיך דער וועג פאַרלוירן אין אַ סטעפּ אָןביימער, קוסטעס און היגלען.

אונזער פּלוטאָנפירער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער: —
דאָ דאַרף ווערן אַ פּאָעט.

כ'האָב אים אָנגעקוקט דערשטוינט. ער איז געווען אַ הוי־כער, שטאַרקער מענטש, אַ נאָך יונגער. ער האָט געהאַט הייזנט אויפן פּנים רויטע פלעקן און געקוקט אַזוי באַנג אין דער ווייטקייט. די לופט האָט געציטערט איבערן פּליין.

— מיר איז כּלל נישט גוט — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז געשען דעם הער פעלדפעבל?

— איך פאַרטראָג נישט דאָס מאַרשירן.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דר'ערד. ער האָט אויס־געזען זייער שלעכט. כ'האָב מיך געוווּנדערט, וואָס דאָס מאַר־שירן מאַטערט אים אַזוי; וואָרן ער איז געווען אַ גוטער טור־נער און לויפער און געהאַט אַן אייזערנעם כּוח.

הענזעל האָט מיך אָנגענומען באַם אָרעם און מיך אַרויס־געצויגן אינדרויסן. מיר האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן פליין און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער זון אויף אַ נידריקן וואַל.

— ווו האָט איר זיך דאָס באַהאַלטן? — האָט גערופן ווייקערט אָנלויפנדיק. — מ׳האָט אונז אַלאַרמירט. ס׳זענען אָקאַרשט אָנגעקומען עטלעכע פון פראָנט און איבערגעגעבן, אַז דאָרט האַלט שלעכט. די פראַנצויזן האָבן זיך אַריינגעריסן טיף אין אונזערע פּאָזיציעס.

III

מיר האָבן מאַרשירט איבערן פליין אין טרוקענע וועלדער. פאַר אונז האָט זיך געקייקלט אומאויפהערלעך דער דונער פון האַרמאַטן. אויפן הימל האָבן געיאָגט גראָע וואָלקנס. ווינט־שטויסן האָבן אונז דורכגעפרירט ביזן ביין. מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט פון וועג אין אַ שיטערן סאָסנע־וואַלד. דאָרט האָבן מיר אויפגעשלאָגן געצעלטן אויף איבער נאַכט און זיך אַוועקגעלייגט. דער ווינט איז געוואָרן נאָך שטאַר־קער. האַרט איבער מיר האָט זיך געפונען אַ שפּאַרע אין לייוונט פונם געצעלט. ס׳האָט געפייפט אין איר דער ווינט און געשפּיגן מיט רעגנטראָפּנס, אויסגעמישט מיט שניי. מיר האָבן זיך געדיכט צונויפגעלייגט און ס׳איז אונז פאָרט געווען קאַלט. — צי וועלן מיר מאָרגן אינדערפרי גיין אויפן פראָנט?

אויפצומאָרגנס זענען מיר אַרויסגעקראָכן פאַרפרוירענע פון די געצעלטן. דערלעבן איז געשטאַנען די פעלדקיך און אַ גע־דיכטע פאַרע האָט געשלאָגן פון קעסל אין דעם יאָגנדיקן נעפּל. אונזערע פערד זענען געווען אָנגעבונדן אָן די סאָסנעס און זיך פויל באַוועגט.

די קאַווע האָט אונז נאָר קוים דערוואַרעמט פאָרנט האָבן געדונערט די האַרמאַטן. מיר זענען געווען מאָדנע אויפגעלייגט און זיך צוריק אַוועקגעלייגט אין די געצעלטן, געפּלוידערט, אָבער נישט לאַנג. דערנאָך זענען מיר שוין געוואָרן צו פויל אויפצומאַכן די מיילער און זענען איינגעשלאָפן.

— צונויפֿלייגן די געצעלטן! גרייטן זיך צום אָפּמאַרש!

מיר האָבן פונאַנדערגעריסן די געצעלטן און צוגעשפּיליעט די פּייכטע קאָצן צו די טאָרניסטערס. מען איז געשטאַנען אַרום, די הענט אין די הויזן־קעשענעס און די אַקסלען איינגעטוליעט. ס׳האָט געשנייט מיט דיקע פלאָקנס.

— דו, אַלבין, איצט הויבט עס זיך אָן! — האָט עמעצער געזאָגט. אָבער קיינער האָט זיך נישט צעלאַכט.

— עס בלאָזט שוין אַזוי אויך, ווי פון אַ קוימען!

— מיר׳ן אַ שפּיל טון, הע, מאַקס?

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בוים־שטאַם און אַרויס־גענומען צעשעדיקטע קאָרטן. שניי־פלאָקנס זענען געפאַלן אויף זיי.

עטלעכע האָבן אָנגעטראָגן קליינע צווייגלעך און אָנגעצונדן אַ פייער. דער געדיכטער, ווייסער רויך האָט זיך אויסגעמישט מיט דער שניי־זאַווערוכע. פאַר אונז האָט זיך געקייקלט און גע־ברומט אומאויפהערלעך דער דונער פון האַרמאַטן. אַרום דעם פייער האָט מען געזונגען.

שעהן זענען פאַרגאַנגען. ס׳האָט אויפגעהערט צו שנייען.

קעגן אָוונט האָבן מיר אָפּמאַרשירט. קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַלמאַי מ׳האָט אונז געהייסן איינלייגן די געצעלטן אפשר מיט זעקס שעה פריער.

מיר האָבן מאַרשירט אין אַ וואַלדטאָל און לענגאויס אַ טייך. דער טאָל האָט זיך אויסגעברייטערט. דער וואַלד האָט זיך געענדיקט. רעכטס איז געלעגן אַ גרויס דאָרף. מיר זענען דורכ־געגאַנגען דעם זומפּיקן טייך איבער אַ לאַנגער, הילצערנער בריק.

ס—ש! — איז אָנגעפלויגן מיט געראַוש.

וואַקק! — לעבן דער בריק אין דעם זומפּ אַריין.

וואַרשיינלעך האָבן מיר געזאָלט די נאַכט אָנקומען אויפן פראָנט.

פאַר אונז זענען געלעגן געדיכט באַוואַלדיקטע בערג. מיר האָבן געהערט שיסן, אָבער מ׳האָט גאָרנישט געזען.

מיר זענען אַריין אין אַ הויכן דעמבענעם וואַלד.

— אויפשלאָגן געצעלטן!

ס'האָט שוין געדעמערט. מיר האָבן פונאַנדערגעשאַרט מיט די פיס דעם קלעפּיקן שניי, וואָס איז געלעגן אויף די געלע בלעטער.

מיין גרופּע האָט צוזאַמענגעשטעלט מיט דער צווייטער גרופּע אויסגעבויט זיך אַ ברייט, פלאַך געצעלט, כדי אַ טייל פון דער לייוונט צו באַהאַלטן אויף אַ געלעגער. מיר זענען אַריינגעקראָכן אינעווייניק. די ביימער האָבן זיך באַוועגט אַביסל. אויפן געצעלט האָבן אַראָפּגעשאָרכט גאַנץ שטיל די פאַלנדיקע שניי־פלייטערלעך. פון די ביימער האָבן אַראָפּגערונען דאָ און דאָרט גרויסע טראָפּנס וואַסער. פונוויטנס האָבן זיך דערטראָגן נאָך אַנדערע געררישן; וועגענער זענען געפאָרן אויפן שאָסע, גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן באַלד נאָענט, באַלד ווייטער.

ראַמם! האָט אַ קראַך־געטון גאַנץ נאָענט. ראַמם! ווייטער רעכטס. די שפּליטערס האָבן אַרומגעגרילצט אינדרויסן.

— אַ, צו אַלדי רוחות! כ'האָב געפּאַקט איינס אין די פּלייצעס — האָט געזידלט ווייקערט.

— האָט נישט עמעצער אַ צינדמאַשינקע?

דער דאַרער בראַנד האָט זי געהאַט אין קעשענע און אָנגעצונדן. ווייקערט האָט געהאַט אַ בייל אויף די פּלייצס, וואָס האָט אַפילו נישט געבלוטיקט; מ'האָט אים נישט געדאַרפט באַנדאַזשירן.

— דאָס איז, ליידער, נישט קיין היימאַט־שאָס — האָט ער געזאָגט. — אָבער דערפאַר האָב איך אַ לאָך אין דער בלוזע. — ער האָט זיך צוריק אָנגעטון די בלוזע און זיך געלייגט שלאָפן. מיר האָבן אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

ראַמם! דאָס האָט געמוזט זיין פאַר אונז.

נאָך אַ געוויסער צייט: ראַמם! פון דער זייט.

מיינע געדאַנקען האָבן זיך צעשטרייט. כ'האָב געהערט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ זעץ־טון.

— — — — — — — — — — — — —

וורַאַמם! באַוועגונג אין געצעלט.

— וואָס איז דאָרט!

— מאַכט ליכטיק!

— טינוף! — האָט געזידלט איינער און געקרעכצט.

אַ שוועבעלע האָט אויפגעפלאַמט, מיר האָבן זיך אַרומגע־קוקט.

— וואָס איז דיר געשען, אַלבין?

— כ'האָב געפּאַקט אין פוס אַריין. שניידט מיר אויף דעם שטיוול.

איינער איז געלעגן, נישט קימערנדיק זיך וועגן גאָרנישט, האָט נאָר גערירט מיטן רעכטן פוס. ער האָט געקריגן אַ שאָס אין קאָפּ און איז געלעגן באַוווסטלאָז. הענזעל איז געלאָפן נאָך די סאַניטאַרן.

אינדערפרי האָבן מיר זיך נישט אַרויסגערירט פון די געצעלטן, וואָרן אינדרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, און די פעלדקיך איז נישט געווען. דאָס אַרטילעריע־פייער האָט געקנאַלט אָן אויפהער. היינט גייען מיר שוין זיכער אויפן פראָנט. מיר איז געווען אומהיימלעך.

קעגן אָוונט זענען עטלעכע פון פערטן פלוטאָן פאַרוווּנדעט געוואָרן. בעת דער סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר האָט זיי פאַרבאַנדאַזשירט, האָט ער באַקומען אַ שפּליטער אין פוס. ער האָט צוגעהינקט צו לאַמען, וועלכער איז געשטאַנען רויק מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און געזאָגט, שמייכלענדיק מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן: איצט האָב איך אַליין איינס אין פוס, הער לייטענאַנט!

נישט ווילנדיק האָב איך אויך מיטגעלאַכט.

אַרום זעקס אַזייגער אינאָוונט איז אָנגעפאָרן מיט שווערי־קייט איבער דער זומפּיקער לאָנקע אונזער פעלדקיך, צו וועלכער ס'איז געווען צוגעשפּאַנט פיר פערד. די צודעק איז געוואָרן אויפגעמאַכט.

— נאָך עסן!

מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַנגע רייע.

כ'האָב שוין געהאַט באַקומען דאָס עסן, ווי מיטאַמאָל איז

אָנגעלאָפן אַ שליח: — באַפעל פון באַטאַליאָן: די קאָמפּאַניעס מאַרשירן תּיכּף אָפּ אין דערדאָזיקער ריכטונג.

— פאַרמאַכן די דעק! — האָט באַפוילן לאַם.

— אָבער דאָס עסן וועט קאַליע ווערן ביז מאָרגן, הער לייטענאַנט! — האָט געזאָגט איינער פון די קוכערס. — מיר'ן עס מוזן אַרויסוואַרפן!

— וואַרפט־זשע עס אַרויס! — האָט געענטפערט קיל לאַם.

כ'האָב געפּרוּווט אַראָפּצושלינגען כאָטש אַ לעפל עסן פון מיין מענאַשקע. אָבער ס'איז געווען צו הייס. כ'האָב בכן אויסגעגאָסן אַלץ אויף דער לאָנקע. מיר האָבן איינגעפּאַקט בחפזון אונזערע זאַכן און זיך אויסגעשטעלט.

— דאָ אַרומעט, דורך די אָלכען־קוסטעס! — האָט לאַם באַפוילן אומגעדולדיק. מיר האָבן זיך גענומען דורכרייסן דורך די געדיכטע קשאַקעס. אַקעגנאיבער איז געווען אַ כוואַליעדיק פעלד און אויבן רעכטס אַ וואַלד. צוויי קאָמפּאַניעס פון אונזער באַטאַליאָן האָבן זיך שוין געצויגן פאַר אונז איבערן שיפּוע, ווי די רויפּעס. וויטער לינקס איז פאַרפאָרן אין גאַלאָפּ אַ באַטעריע. די רייטערס האָבן געשמיסן די פערד מיט בייטשן.

אויף אַ הויכעניש איז געשטאַנען אַ גענעראַל מיט אַ פּאָר אָפיצירן און געקוקט דורך אַ לונעטע אויף פראָנט.

— אָבער דאָס איז דאָך פּרימאָ! — האָב איך געזאָגט צו אונזער פלוטאָנפירער, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר. — דאָ איז דאָך פאַראַן געגוג חילות צום קעגנאָנגריף!

דער פלוטאָנפירער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרדרעשט.

— צי וועלן מיר צוריקקומען?

— יאָ — האָב איך געזאָגט, קוקנדיק פאַר זיך. כ'האָב אָבער באַמערקט, ווי ער איז געבליבן הענגען אויף מיר מיט די אויגן. מיט דער מורא מוז יעדער זיך אַליין אַן עצה טון, האָב איך געטראַכט; כ'קאָן דיר נישט העלפן.

מיר זענען אַריין אין עפּעס אַ גרוב. לאַם האָט צונויפגערופן די פלוטאָנפירער.

— מאָרגן אינדערפרי גרייפן מיר אָן. מיר וועלן בכן

פאַרנעמען שוין היינט מיטן אָנקום פון דער נאַכט דערווייליקע פּאָזיציעס.

די פלוטאָנפירער זענען זיך שווייגנדיק פונאַנדערגעגאַנגען.

מיר האָבן געוואַרט, אַז ס׳זאָל ווערן טונקל. העגזעל איז געלעגן לעבן מיר אויפן רוקן באַם ראַנד פון דעם גרוב. די זון האָט נאָך געשיינט, אָבער זי האָט נישט געוואַרעמט. צוויי דייטשע אַעראָפּלאַנען זענען אָנגעפלויגן פון הינטן און פאַרביי איבער אונז. מ׳האָט געקאָנט דייטלעך זען די שוואַרצע קרייצן אונטער די געלע פליגל.

לסוף איז פאַרשוווּנדן די זון הינטער די ביימער, און ס׳האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך טונקל צו ווערן.

— אַכטונג! ערשטער פלוטאָן נאָך מיר! — האָט געזאָגט לאַם און געריהט לאַנגזאַם פאָרויס. גלייך הינטער דעם גרוב איז דער וואַלד געוואָרן שיטערער. ס׳האָט זיך אויפגעמאַכט אַ ברייטער, טיפער גרובן. מיר זענען אַריין אַהין און זיך גענומען רוקן לאַנגזאַם פאָרויס. פאַר אונז איז געגאַנגען די פערטע קאָמפּאַניע, אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי זיך פאַרהאַלטן צוליב אַ שטערונג. אין פאַרשידענע ערטער האָט מען געשאָסן.

— כ׳בין פאַרוווּנדעט, הער לייטענאַנט! — האָט פלוצלינג געזאָגט אונזער פלוטאָן־פירער.

כ׳האָב אפילו נישט געהערט דאָ קיין שאָס.

— ווו דאָס?

— אין פוס. — ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גרובן־וואַנט.

— שנעלע בעסערונג! אונטעראָפיציר זאַנדער, נעמט איבער דעם ערשטן פלוטאָן!

די קאָמפּאַניע פאַר אונז האָט מיטאַמאָל אַ ריר געטון.

מיר האָבן זיך ראַש אַראָפּגעדרייט באַ אַן עק. דער גרובן האָט געפירט משופּע אַראָפּצו. אונטן האָט אַ קנאַל־געטון אַ שאָס, און ווידער איינער, אַלץ אין רעגלמעסיקע צייט־אָפּשטאַנדן. מיטאַמאָל איז דער גרובן פאַרשפּאַרט געווען מיט צעשאָסן האָלץ און שטיקער ערד. לאַם איז אַרויסגעגאַנגען אויף

רעכטס אינדרויסן. אפשר אַ דריי הונדערט מעטער פאַר אונז האָט עפּעס געברענט מיט רויטן פלאַם. דאָרט אַהין זענען גע־פאַלן די רעגלמעסיקע שאָסן.

אויסמיידנדיק די שטערונג, האָבן מיר זיך ווידער אַ לאָז געטון אין גרובן אַריין. די ענדע פון דער פערטער קאָמפּאַניע האָט זיך דערווייטערט פון אונז לויפנדיק און איז פאַרשוווּנדן. די שרפה איז געווען דערווייטערט אויף קוים הונדערט מעטער. לאַם האָט אָנגעהויבן צו לויפן.

דער נאָענטסטער גראַנאַט!

— לאָזט דורך! — האָט מען געשריגן. ס׳איז אָנגעלאָפן אויף אונז אַ קייט מענטשן (אפשר זענען זיי געגאַנגען נאָך עסן) און צוגעשפּאַרט לאַמען צו דער וואַנט. איינער פון די דורכ־לויפנדיקע האָט מיר אין איילעניש אַ קלאַפּ געטון אין די ברוסט. ס׳איז געווען לערך צען מאַן. מיר זענען געלאָפן ווייטער.

— בראַמם! הארט פאַר אונז.

דער גרובן איז דאָ געווען פלאַך. דאָס פייער האָט גע־מאַכט די אומגעבונג שוואַרץ. כ׳האָב געטרעטן אומזיכער. דאָס האָט עפּעס אַ וואָגן געברענט.

שנעל דורכלויפן!

אַ שאָס הינטער אונז.

מיטן אַנדערן שיפוע אַרויף!

— דאָ אַהער! — האָט אויסגערופן די שטים פון אונזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר פון הינטער דעם גרובן.

מיר האָבן אַרויסגעקלעטערט.

— אָרדנט זיך דאָ איין אויף איבער נאַכט, ווי צום בעסטן!

דאָרט זענען געווען צוויי ערד־גרובנס, טיף נאָר ביז צו די קני, אָבער גענוג ברייט, כדי צו קאָנען אויפנעמען צו צוויי פלוטאָנען.

— דער ערשטער און צווייטער פלוטאָן דאָ אַריין! לאָזט איבער אָרט פאַר מיר, מיינע שליחים און סאַניטאַרן! — האָט באַפוילן לאַם.

ס'איז אָנגעקומען זאַנדער.

— דו פּירסט דעם פּלוטאָן — האָב איך געזאָגט.

— צי וועט מען באַלד אָנגרייפן ? — האָט ער געפרעגט אַן איבערגעשראָקענער.

— ניין, ערשט מאָרגן אינדערפרי. דו מוזט איצט באַשטימען די פּלעצער פאַר די גרופּעס.

ער האָט מיך אָנגעקוקט הילפלאָז. כ'האָב באַמערקט, אַז פאַר שרעק האָט ער נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען.

— ווי אַזוי זאָל איך עס מאַכן ?

ער האָט געקוקט אויף מיר פאַרשטענדנישלאָז.

— נו, טאָ וועל איך אַליין פאַרטיילן די פּלעצער. — האָב איך געזאָגט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר געלעגן געדיכט צונויפגעפּרעסט אין דעם גרובן, איינגעוויקלט אין די מאַנטלען און קאָצן. דער הימל איז געווען שוואַרץ. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן אַ שטערן און צוריק פאַרשוווּנדן.

די לופט איז געווען פייכט און ווי ליידיק פאַר קעלט. הענזעל איז געלעגן לעבן מיר און געאָטעמט. ער איז נאָך מסתם נישט געשלאָפן. צי האָט ער גאָר קיין מורא נישט ? ער איז דאָך געווען לגמרי אַן אַנדערער, ווי איך און די אַלע, וועלכע איך האָב געקענט. און אויך לאַם האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע מורא ! אפשר זענען פאַראַן גאַנץ אַנדערע מענטשן, וואָס ווייסן נישט דערפון ?

ראַמם ! האָט אַ זעץ געטון אין דער נאָענט אַ גראַנאַט.

ווייטער אויפן שיפוע אַרויף נאָך איינער !

אונטער מיינע פּלייצעס איז געלעגן אַ שטיין און מיך געקוועטשט. כ'האָב געפּרירט און בין געווען אומרויק. אפשר קאָן מען די פּולשטענדיקע רו דערגרייכן ערשט דאַן, ווען מ'איז באמת דורכגעפרוירן. ובכן, מאָרגן אינדערפרי ! ווען מ'זאָל כאָטש ווי סן, ווי ס'זעט אויס די געגנט, אין וועלכער מיר האָבן צו גיין אויפן שטורם !

בראַמם !

— הער לייטענאַנט, די קאָמפּאַניעס זאָלן זיך גרייט מאַכן!

ס'איז געווען שטאָק־פינצטער. אַלע זענען אויפגעשטאַנען, נישט ברויכנדיק געוועקט צו ווערן. שטום האָבן מיר צוגעשנאָלט די קאַצן און מאַנטלען.

— צווייטער פלוטאָן פערטיק!

— דו מוזט מעלדן! — האָב איך געזאָגט צו זאַנדערן.

מיר זענען געשטאַנען. ס'האָט זיך דערנענטערט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר.

— דריטע קאָמפּאַניע פערטיק?

— צום באַפעל, הער מאַיאָר.

— דער צווייטער באַטאַליאָן גרייפט אָן. מיר ליגן הינטער אים אין רעזערוו. איר וועט האָבן אַ גאַנץ הייסן טאָג.

מיר האָבן זיך געררוקט אַ שטיק אויף רעכטס באַם טונקעלן און שטיילן שיפּוע.

— איינגראָבן זיך! מיר מוזן זיך רעכענען מיט אַרטילעריע־פייער.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט באַם שיפּוע. דאָרט זענען שוין געווען אויסגעגראָבן לעכער, אויף אַ דרייסיק צענטימעטער טיף.

— דו, הענזעל, מיר'ן דאָ איינאָרדענען דאָס לאָך פאַר אונז ביידע צוזאַמען.

מיר האָבן אָפּגעשפּיליעט די רידלען און פאַרברייטערט דאָס לאָך. פאַר דעם שיפּוע האָט זיך געפונען אַ הויכע לאָנקע מיט יונגע סאָסנעס. הינטער אונז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פלאַכער שטח. מ'האָט אַוועקגעטראָגן אויף רעכטס קוילנוואַרפעס. הינטער דעם פלאַכן פּאַס האָט אויסגעזען צו זיין אַ תהום. ווייטער האָבן מיר גאָרנישט געזען אין דעם גראָען פאַרטאָג.

עטלעכע ביקסן־שאָסן פון רעכטס! כ'האָב געזען דורך דיביימער די אָראַנזשפאַלנדיקע ראַקעטן, ווי די טרויבן.

קוילנוואַרפערס האָבן געגרעגערט!
שפריצנדיק ביקסן־פייער!
ראַמם! ראַמם! ראַמם! ראַמם! הינטער אונז אין באָדן.
בראַמם! ראַפּפ! ראַפּפ! בראַמס! קראַק! ראַמם! דאָס
גליען פון פונקען באַ דער ערד.

כ׳האָב אַוועקגעוואָרפן דעם רידל, און אַרייַנגעשפּרונגען
אין לאָך אַריין. הענזעל האָט זיך שוין אייַנגעקנוילט לינקס
לעבן מיר. ס׳איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אונזערע פיס.

פונוויַיטנס האָט עמעצער אַ געשריי געטון.

עמעצער איז שנעל פאַרבייגעלאָפן.

די גראַנאַטן האָבן זיך דערווייטערט צו דער הויכעניש
אַרויף.

כ׳האָב אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

הינטער די ביימער ווידער פונאַנדערגעפּאַלענע ראַקעטן.

בראַמם! גאָר נאָענט. ס׳האָט מיר געזשומעט אין די אויערן
פון דעם קראַך.

כ׳האָב אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

אַ מאָדנע גערויש דערלעבן, נישט דאָס איז געווען אַן
אויפרייסן פון עפּעס, נישט קיין געוויינלעכע דעטאָנאַציע פון אַ
גראַנאַט.

— רען — האָט געזאָגט העגזעל.

— יאָ, וואָס איז?

— גאָרנישט, כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן, ווי דו פילסט
זיך.

אַ משוגענער קראַך אין דער נאָענט!

באַם שיפּוע האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרץ־ברוינע כמאַ־
רע און זיך אין אַ ווייַלע אַרום פונאַנדערגעלאָפן.

מענטשן זענען פאַרבייגעלאָפן.

די גראַנאַטן זענען ווידער געפאַלן אינדערהויך און געוואָרן
זעלטענער.

עמעצער האָט זיך דערנענטערט און אַרייַנגעקוקט אין אונ־
זער לאָך. דאָס איז געווען לאַם.

— כ׳האָב נאָר געוואָלט זען, ווי עס גייט אייך.

ער האָט געשמייכלט בלאַס אין דעם גראָען פאַרטאָגיליכט.

כ׳בין אַרויסגעקראָכן און געכאַפּט אַ בליק אין שכנותדיקן לאָך, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגען דער מאָדנער גערויש. אַ טונקעלער קאָץ, אונטער וועלכן עמעצער האָט געיאָמערט.

— וואָס איז דיר דען ?

ער האָט נישט געענטפערט. דאַן האָב איך ערשט דערזען: אין קאָץ איז געווען אַ גרויס, צעדריוולט לאָך.

כ׳האָב עטוואָס אונטערגעהויבן דעם קאָץ.

כ׳האָב דערזען זאַנדערס פּנים, ווי אויך צעפליקט, רויט פלייש — כ׳האָב נישט געוואָלט זען מער — ער האָט געגוססט.

כ׳האָב זיך געמוזט זאָרגן וועגן פלוטאָן.

ווייקערט איז געזעסן אין זיין לאָך און אויסגעזען שרעקלעך.

— ביסטו דאָ געווען אַליין ?

— ניין, דאָ איז נאָך געווען עלסנער.

— און וואָס איז מיט אים געשען.

— ס׳האָט אים אָפּגעריסן דעם שאַרבן. אַלץ איז דאָרט געשטאַנען אָפן.

— אָבער ער לעבט נאָך ?

— כ׳ווייס נישט. ער איז זיך גאַנץ רויק אַוועקגעגאַנגען. דאָס איז געווען שרעקלעך.

ווייקערט האָט מיך נאָך אַלץ אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן.

אַ שטיקל ווייטער האָט מען עמעצן פאַרבאַנדאַזשירט. די גאַנצע גרופּע איז געווען פאַרוווּנדעט אָדער טויט.

כ׳האָב מיך אומגעקוקט. ווידער זענען געפאַלן ראַקעטן.

— אין די לעכער ! — האָב איך געשריגן און בין געלאָפן צו אונזער עמענונג. הענזעל איז דאָרט נישט געווען.

מענטשן זענען מיר אַנטקעגנגעלאָפן.

איינער האָט געהאַלטן אינדערלויפטן אַ רויטע האַנט ווי אַ לייכטער.

בראַמם! קראַמפּפּ! ראַמס! פּע — אַרר!

ס'זענען פאַרבייגעגאַנגען צוויי אָפיצירן. איינער איז געווען אונזער פּולקאָווניק. ער איז געגאַנגען גלייך. דער צווייטער האָט זיך שרעקעוודיק אומגעקוקט.

ראַמם! אַפּפּ! ראַמממס! קאַרר!

דער אָנגריף האָט זיך משמעות נישט איינגעגעבן.

ס'זענען זיך צעפלויגן שטיקלעך שטיין אַרום.

כ'האָב מיך איינגעקנוילט נאָך טיפער אין לאָך.

וואָס טוט נאָך הענזעל אינדרויסן?

ס'האָט געקראַכט און געקנאַלט, דאָ נענטער, באַלד ווייטער.

ס'האָבן געיאָגט איבער אונז גראָע וואָלקנס פון אויפגעריסענע גראַנאַטן.

ס'האָט זיך געשפּירט וואָס אַמאָל שטאַרקער פון פולווער.

אַ קלאַפּ אין מיין איינגעבויגענעם, לינקן פוס! עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן.

כ'האָב עס אָנגענומען און תיכף צוריקגעכאַפּט די האַנט. ס'איז געווען גליענדיק הייס.

עמעץ איז פאַרבייגעלאָפן שרייענדיק. דאָס איז נישט געווען הענזעל.

כ'האָב דערקענט אַן טוך־פאַלד אויף דער קני, אַז דער דער שפּליטער האָט מיר גאָרנישט געטון. מ'דאַרף זיך איבערדעקן מיטן קאָפּ, און דאָס ווי ווייט מעגלעך פאַלדיק.

כ'האָב גענומען הענזעלס קאָפּ און באַטראַכט דעם גראַנאַט־שפּליטער פון פריער. ער געהאַט די גרויס פון אַ שטיקעל מיט צוויי צייניקע שאַרפן.

כ'האָב דערהערט דערנענטערן זיך אַ הילצערנעם טאָן, וואָס אַמאָל שאַרפער:

אַפּפּ!

דאָס איז מסתּם געווען אַ שווערער בלינדגייער.

ראַ — ממ — פּאַ — פּאַ!

די ערד האָט זיך געטרייסלט.

ניין, דאָס איז געווען אַ גאַנץ שווערער גראַנאַט, וואָס האָט ערשט דעטאָנירט אין באָדן.

געשרייען אין פיל ערטער.

אַ קלאַפּ אויף מיין קאָפּ!

דער שפּליטער האָט קוים געהאַט די גרייס פון אַ גומי-מעקערל.

דער פּולווער-גערוך איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

כ'האָב אַ קוק געטון אויפן זייגער. זיי האָבן שוין געשאָסן אַ שעה צייט אָן אויפהער. צי וועט עס אַזוי דויערן אַ גאַנצן טאָג? און ווען ס'זאָל מיך דערביי... יאָ, מ'דאַרף זיך סוף כּל סוף דאָס אויך פאָרשטעלן,

העע — יו! — האָט זיך דערטראָגן.

שטיקער ערד זענען געפאַלן אויף מיין קאָפּ.

ווען מ'זאָל ווערן פאַרוווּנדעט וואָלט מען זיך געקאָנט פונדאַנען אַרויסקריגן. אָבער — דאָס איז נישט קיין יושר. מען מוז דורכהאַלטן.

ווראַמס! כ'האָב אויפגעצאַפּלט.

אַלמאַי האָב איך זיך דערשראָקן? ווען ס'זאָל מיך — אָבער ווו איז הענזעל?

ס'האָט אויסגעזען נאָכצולאָזן.

כ'האָב מיך אויפגעהויבן.

נאָך אַ פּאָר גראַנאַטן טיפער. ס'איז געווען זייער העל. די זון האָט זיך לסוף דורכגעריסן.

— האָט איר געזען הענזעלן? — האָב איך געפרעגט בראַנדן.

— ניין.

די שרעק האָט מיך ממש פאַראַליזירט.

— דו, קום נאָר אַהער! — האָט אויסגערופן האַרטענשטיין, — מיר האָבן דאָ געפונען אַ פּראָוויאַנט-זאַפּאַס מיט סעלטער-וואַסער און סוכאַרעס; פאַרשימלט, אָבער ס'מאַכט נישט אויס.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ זעקעלע סוכאַרעס.

— ווייסטו, וואָס ס'איז מיט הענזעלן?

— ניין.

כ'האָב גענומען די סוכאַרעס און אַ פלעשל סעלטער־וואַסער.

ס'איז אָנגעקומען לאָם: — די פערטע קאָמפּאַניע האָט באַ־רייטנדיקע פאַרלוסטן. דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר און דער פירער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע זענען פאַרווונדעט.

— און וואָס איז מיטן שטורעם?

— האָט זיך אינגאַנצן נישט איינגעגעבן, כמעט אַלע פי־רערס זענען טויט. זיי זענען פאַרקראָכן אין דער פינצטער צו ווייט אויף רעכטס און געלאָפן שיעור נישט לענגאויס די פראַנ־צויזישע ליניעס. די רעשטלעך ליגן נאָך אין די גראַנאַטן־טרעכ־טערס, הארט פאַר די פראַנצויזן.

— פאָרזיכטיק! — האָב איך געשריגן. — ס'הויבט זיך ווידער אָן! — כ'האָב ווידער באַמערקט די אַראָפּפאַלנדיקע ראַקעטן־טרויבן.

מיר זענען אַריינגעשפרונגען אין די לעכער.

גראַנאַטן האָבן געררוישט, שפליטערס האָבן געוואָיעט און געפליוסקעט איבער אונז. שווערע גראַנאַטן האָבן זיך אַהערגע־קייקלט, אויפגעטרייסלט די ערד און געוואָרפן שטיקער ליים אַרום זיך. כ'האָב מיך אַוועקגעלייגט גאַנץ טיף אין לאָך און געגריזשעט סוכאַרעס.

אַך, אפשר ווייסן די סאַניטאַרן, וואָס ס'איז געשען מיט הענזעלן?

דאָס פייער האָט זיך מיר אויסגעוויזן שוואַכער, ווי דאָס לעצטע מאָל. ס'האָט געדויערט ביז צוועלף אַזייגער מיט צען מינוט.

כ'בין אַרויסגעקראָכן פון לאָך גלייכצייטיק מיט לאַמען.

דער וויצע פעלדפעבל פענער פון צווייטן פלוטאָן האָט זיך אַהערגעשלייכט און אַנידערגעפאַלן פאַר לאַמען אויף די קני. ער האָט זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַר די ברוסט.

— הער לייטענאַנט — האָט ער געקרעכצט — כ'האָב גע־קריגן — אַ גראַנאַט... אין די ברוסט... איך...

— רעדט נישט — האָט געזאָגט לאַם. — איר דאַרפט אייך נישט אַנטשולדיקן. רעץ, פיר אים אַהין צום סאַניטאַרן־שוצגרוב!

כ'האָב אים אָנגענומען אונטערן אָרעם און אים אַראָפּגע־פירט איבערן שיפּוע. כ'בין אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, און דערנאָך האָב איך אים געהאָלפן. ער האָט קוים געקאָנט גיין.

כ'האָב אים אַוועקגעזעצט באַם איינגאַנג. דאָרט איז ער געוועזן גאַנץ געשיצט.

— צי האָט איר געזען הענזעלן?

— יאָ, דאָ איז ער. אָבער — האָט געפּליסטערט דער סאַ־ניטאַר — רעד נישט מיט אים קיין סך. ס'האָט אים אַרויסגעריסן אַ האַלב געזעס.

— צי איז דאָס געפערלעך?

— דאָס געלענק שיינט צו זיין אין אָרדענונג, אָבער ס'איז אַ שרעקלעך גרויסע ווונד.

כ'האָב זיך פּאַרטיפט אין טונעל. אויף אַ הילצערנער פּריטשע איז ער געלעגן אויפן בויך מיט די שטיוול צו מיר.

— הענזעל! — האָב איך שטיל אויסגערופן.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט צו מיר: — כ'דאַנק דיר זייער, וואָס דו ביסט געקומען. אָבער גיי ליבערשט, דו האָסט דאָרט צו טון און וועסט אויסהאַלטן ביזן סוף.

כ'האָב נישט געקאָנט ענטפערן פאַר צער.

אינדרויסן איז געוועזן זייער העל. באַם שיפּוע זענען גע־שטאַנען עטלעכע נאָך נאַקעטע בעריאָזעס.

לאַם האָט מיך גערופן. לעבן אים זענען שוין געשטאַנען צוויי.

— מיר מוזן אויפסניי פאָרמירן די קאָמפּאַניע. דריי פלו־טאָנפירערס און אַ דריטל פון דער קאָמפּאַניע זענען אַוועקגע־קומען. אונטעראָפיציר רען נעמט איבער דעם ערשטן און צווייטן פלוטאָן, וואָס האָבן געהאַט די שטאַרקסטע פאַרלוסטן. דעם דריטן פלוטאָן באַקומט וויצעפעלדפעבל טרעפּטע, דעם פערטן נעמט אי־בער אונטעראָפיציר לאַנגענאַל. אָבער פאַראַן נאָך אַ שוועריקייט: דער אונטעראָפיציר בוש איז לענגער אין דינסט ווי רען. ער איז

אָבער ערשט נאָר וואָס געקומען אין פעלד. כ'קאָן אים נישט אין אַזאַ קריטישן מאָמענט אָנטרויען קיין פּלוטאָן. ער וועט בכן אַריין אין טרעפּטעס פּלוטאָן. איך וועל עס מיט אים אַליין איבעררעדן. אָבער זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן אויסצורעדן עפּעס שלעכטס אויף בושן צוליבן דאָזיקן טעם!

כ'האָב איינגעטיילט אויפסנייַ מיינע גרופּעס און מיטגענומען מיט זיך אין גרובן ישראלן און וואָלפן, כדי זיי צו האָבן אונטער דער האַנט אַלס שליחים.

דאָס אַרטילעריע-פייער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

גראַנאַט-געשטאַנק, קראַכן, אַרומפליענדיקע שטיקער ערד!

נאָך אַ האַלבער שעה צייט האָט עס נאָכגעלאָזט. אַרום זײַנען געלעגן קאַצן, רידלען, העלמען, גאַז-מאַסקעס, רימענס, ביקסן, האַנטגראַנאַטן, טאָרניסטערס און פאַרבלוטיקטע שטיקער טוך. אין עפּעס אַ לאָך האָט אַ שפּליטער אַ זעץ-געטון אין אַ האַנטגראַנאַט, וואָס האָט געהאָנגען אויפן רימען פון אַ זעלנער; דער גראַנאַט האָט עקספּלאָדירט און אים כמעט צעריסן אויף שטיקער. דער אַנדערער, וואָס איז געלעגן לעבן אים אין לאָך, האָט אָנגעהויבן לויפן אַהין און אַהער מיט געשרייען און נישט געוווּסט, וואָס ס'טוט זיך מיט אים. כ'האָב אים געהייסן אַוועקפירן, ווייל ער האָט געקאָנט לויפן גאָט ווייסט וווּהין.

ווידער האָבן גענומען קראַכן און הודזשען די גראַנאַטן. עמעצער איז אָנגעלאָפן מיט אַ געשריי.

כ'האָב ארויסגעקוקט. דאָס איז געווען דער לייטענאַנט האָרנונג.

— צי איז נאָך פאַראַן אָרט. דאָרט ווייטער טוט זיך מוראדיק.

— דאָרט, דערלעבן, הער לייטענאַנט — האָב איך אויסגערופן. אין מיין לאָך איז נאָך, וואָס אַן אמת, געווען גענוג פּלאַץ, אָבער כ'האָב אים נישט געוואָלט האָבן לעבן מיר.

ער איז בכן געזעסן דערלעבן און אויפגעשריגן בײַ יעדן שאָס.

די שיסערייַ האָט נישט לאַנג געדויערט.

— הא, ישראל, האסטו געהערט? — האט געזאגט וואלף מיט זיין לאנגזאמען לשון — ווי דער לייטענאנט פון דער צווייטער קאמפאניע האט געברילט? אזא מין בהלה מאכט דאך קיינער נישט פון אונז, הגם מיר האבן נישט אזא אחריות ווי ער.

— אך, שטילער! — האט געזאגט ישראל.

די זון איז גראד אונטערגעגאנגען. און ווידער האבן זיך באוויזן די ליכט-טרויבן.

כ׳בין צוריקגעלאפן.

ס׳האט געקראכט, געהודזשעט און געטרייסלט.

ססס! איז אריבערגעפלויגן הארט איבער מיין קאפ אהינטער.

ראמם! קארר! ווראממס!

כ׳האב זיך אראפגעבויגן טיפער.

ס׳האט מיר געזשווישט אין די אויערן.

עפעס האט א קלאפ-געטון אין מיין העלם.

כ׳האב זיך אינגאנצן איבערגעדעקט מיטן קאפ.

פראמם! הארפ! קעטש! רום—רום—פא! רא! הראטש! פארר!

גאט מיינער, דאס איז דאך שרעקלעך.

כ׳האב זיך צונויפגעקראמפט. און ווען עס פאקט עמעצן, דערשפירט ער צומאל נישט קיין שום ווייטיק — אן עק — און פטור! וואס איז דען אייגנטלעך פאראן דערין שלעכטס?

— — — — — — — — — — — —

— ווער שלאפט עס דא!

— אונטעראפיציר רען, הער לייטענאנט! ער איז געשלאפן די גאנצע צייט, בעת מ׳האט אונז באשאסן — האט געזאגט ישראל.

— האט ער געקאנט דערביי שלאפן? — האט געפרעגט לאם.

כ׳האב נישט געזען גארנישט אונטערן קאפ. אבער כ׳האב געהערט שמועסן נאך אנדערע מענטשן, און אלע האבן זיך גע-וווּנדערט.

כ׳האב זיך נישט גערירט, ביז זיי זענען אוועקגעגאנגען.

דערנאך האב איך אוועקגעמאכט דעם קאפ.

ס׳איז געווען נאכט. איבער מיר האבן געפונקלט די שטערן.

ס'האָט געמוזט זײַן קאַלט. אָבער כ'האָב מיך געשפּירט וואַרעם און גוט.

מ'האָט פאַרבײַגעטראָגן פאַרווונדעטע. כ'בין אויפגעשטאַנען נאָך אײַנגאַנצן דערשטוינט, וואָס כ'בין געשלאָפן אַזוי לאַנג.

כ'האָב דערהערט די שטים פון ישראלן און צוגעגאַנגען צו אים.

— כ'האָב פאַראָרדנט — האָט ער געזאָגט — אַז די גרופּעס זאָלן מעלדן זייערע טעגלעכע פאַרלוסטן; דו ביסט געשלאָפן, האָב איך דיך בכן נישט געוואָלט איבערוועקן. — מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו לאַכן. — אָבער ווי האָסטו געקאָנט שלאָפן בײַ אַזאַ קראַכן? מיר זענען אַלע געשטאַנען אַרום דײַן לאָך און די גאַנצע קאָמפּאַניע האַלט, אַז די קוילן האָבן איבער דיר קיין שליטה נישט.

V

אַרום האַלבער נאַכט האָט לאַם געהייסן צונויפרופן אונזע פלוטאָנפירערס.

— די ווייטער אַרויסגערוקטע טיילן פון פולק ווערן איצט צוריקגעצויגן. דאַן וועלן מיר בילדן די פאָדערשטע ליניע. די פלוטאָנען פון טרעפטע און לאַנגענאַל וועלן באַזעצן דאָ דעם שיפּוע. רענס פלוטאָן וועט דערהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער שכנותדיקער דיוויזיע. אָט איז דער וועגווייזער.

מיר האָבן געריכט. ס'איז געווען פולשטענדיק פינצטער. מתחילת זענען מיר געגאַנגען גלייך אויף רעכטס. דערנאָך האָבן מיר זיך אַראָפּגעדרייט אַהינטער דורך אַ וואַלד אָן אַ וועג און דורך הויכע קשאַקעס, פול מיט אָפּגעבראָכענע צווײַגן און מיט גראַנאַטן-טרעכטערס אין דער ערד. אַ שמאָלער, מיט גראָז באַוואַקסענער פּאַס, דערנאָך אַ נישט הויך סאָסנע-וועלדל. כ'האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז מיר ענדערן כסדר די ריכטונג. ווידער אַ לאָנקע.

אונזער וועגווייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומ-

געקוקט אין אַלע זייטן. כ׳האָב געקאָנט אונטערשיידן עטלעכע טונקעלע פּונקטן, אָבער מער נישט.

— מיר מוזן זוכן — האָט געזאָגט דער פירער.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער אין דער פינצטער. אויף דרערד איז געלעגן עפּעס שוואַרצס. דער וועגפירער האָט זיך אָנגעבויגן.

— דאָס איז אַ טויטער פראַנצויז, אָבער נישט דער, וואָס איז געלעגן נאָענט פון אונזער פּאָזיציע.

האַרט פאַר אונז אַ געדיכטער בעריאָזע־וואַלד. די ערד צעאַקערט פון גראַנאַטן און העל.

— פּאָרזיכטיק! דאָ ליגט אַלץ פול גראַנאַטן!

ס׳איז געשטאַנען אַ האַרמאַט מיט אַן אַמוניציע־וואָגן, פאַר אים טויטע פערד.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט אויף לינקס, אין אַ גרוב.

— דאָ איז דער שוצגרוב!

כ׳בין אַריינגעגאַנגען. דאָרט איז געזעסן אַ לייטענאַנט מיט זיבן מאַן.

— קומט איר פאַרטרעטן מיין קאָמפּאַניע? — כ׳פאַרהאָף, אַז איר זענט שטאַרקער פון מיר. אָטאָ־דאָס דאָ איז מיין רעשט. אַלץ, וואָס כ׳האָב אייך איבערצוגעבן, זענען פינף לייכטע קוילנוואַרפערס.

— מיר האָבן כמעט נישט קיין מענטשן, וואָס זאָלן זיך קענען אויפן דאָזיקן געווער, הער לייטענאַנט!

— און מיר האָבן איבערהויפּט קיין איינעם נישט. אַהאַ, און נאָך עפּעס: די פעלדוואַכן פון דער שכנותדיקער דיוויזיע געפינען זיך אַ הונדערט פופציק מעטער רעכטס פון אונז. איר מוזט אָנקניפּן פאַרבינדונג. — ער האָט זיך עפּעס מאָדנע צעשמייכלט. — אַלזאָ, כ׳ווינטש אייך מער גליק, ווי מיר האָבן דאָ געהאַט. יאָ, הערט זיך איין, מ׳דאַרף זיין בּאַטאָג פאָרזיכטיק מיטן אַרויסרוקן פּאָסטנס, כדי זיי נישט אויסצושטעלן אויף קיין אומנויטיקער באַשיסונג.

ער איז אַוועק מיט זיינע זיבן מענטשן.

כ׳האָב געשיקט ישׂראלן צו לאַמען, אַז ער זאָל מעלדן דאָס פאַרבייטן. דערנאָך האָב איך פונאַנדערגעשטעלט פּאָסטנס און האָב אַרויסגענומען די מענטשן, וואָס האָבן זיך געקענט אויף קוילנוואַרפערס. זיי זענען געווען אינגאַנצן פיר מאַן, און אַלע האָבן געקענט נאָר דאָס שווערע, אָבער נישט דאָס לייכטע מאַשין־געווער. כ׳האָב אַוועקגעשטעלט דריי אָפּטיילונגען מ. ג. מיט איין אָנפירער און דריי געהילפן. ס׳איז מיר נאָך בכן געבליבן דריי גרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון האַרטענשטיין, ווייקערט און סענדיג.

— און ווו ווען מיר זיי איינשטעלן? — האָט געפרעגט האַרטענשטיין.

אין דעם שוצגרובן, אין וועלכן ס׳איז געווען דער לייטענאַנט, האָט נאָר געקאָנט אַריין צען ביז צוועלף מאַן. כ׳האָב דאָרט איינגעשטעלט האַרטנשטיינס גרופּע און מיך ווייטער אומגעקוקט. דער ראָוו, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, איז געווען אַ גרויסער איינשניט פאַר אַ האַרמאַט. ס׳איז אין אים נאָך געשטאַנען אַ האַרמאַט פון שווערן קאַליבער מיט אַ צעבראָכן ראָד.

מיר האָבן געפונען נאָך אַן איינגאַנג. אָבער דער סופיט פון שוצגרובן האָט געפעלט און די בעלקעס זענען געלעגן אַרום צעשמעטערטע.

— דאָ איז פאַראַן נאָך אַ האַרמאַטן־איינשניט — האָט געזאָגט סענדיג.

דערלעבן האָבן מיר געפונען נאָך צוויי שוץ־גרובנס. כ׳בין אַריין מיט ווייקערטן אין איין שוצגרוב. עמעצער האָט אָנגעצונדן ליכט. פאַר אונז אין ווינקל איז געלעגן אַ מת. ווייקערט איז צוריקגעשפרונגען. אויף ד׳ערד איז געלעגן אַ צווייטער. ווייקערט האָט געקוקט אַ דערשראָקענער.

זיינע מענטשן זענען פאַרשטאַרט געוואָרן.

— זייט נישט קיין נאַראָנים! — האָב איך געזאָגט. — מיר׳ן זיי אַרויסטראָגן פונדאַנען.

איינער פון זיי האָט זיך דערנענטערט, כדי אויפצוהויבן

רעם, וואָס איז געלעגן אויף דר׳ערד. ער האָט שפּאָטיש געלאַכט.
כ׳האָב אים געוואָלט צוהעלפן. דאָ האָט זיך ווייקערט אָפּגערופן: —
אָבער דער מתים־גערוך וועט דאָך פאַרבלייבן!
— סאָ זוכט אייך אַליין אויס אַ מקלט! — האָב איך גע־
ענטפערט. כ׳האָב געוואָלט אַרויסגיין.
— מ׳יר האָבן נאָך הייגט גאָרנישט געגעסן! — האָט זיך
נעקלאָגט איינער.
— כ׳וועל בעטן דעם הער לייטענאַנט, אַז ער זאָל אונז
ערלויבן אויפצועסן די צווייטע זאַפּאַס־פּאָרציע.
— כ׳האָב זי שוין נישט.
— טאָ קאָן איך דיר גאָרנישט העלפן. הלמאַי האָסטו זי
אויפגעגעסן פריער?
— מ׳דאַרף דאָך פרעסן, אַז מ׳איז הונגעריק! — האָט עמע־
צער אָפּגעברומט.
— און פונוואַנען זאָל איך אייך נעמען? — כ׳בין אַרויס־
געגאַנגען צו סענדיגן. ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט
אין זיין שוצגרוב.
דערווייל זענען פאַרגאַנגען צוויי שעה, זינט מיר זענען
דאָ אַהערגעקומען. ס׳האָט מיך באַאומרויקט ווייקערטס גרופּע.
וואָלף האָט אַהינגעטראָגן מיין געפּעק צו האַרטענשטיינען
און מיר צוגעגרייט אַ געלעגער. מיר איז אויסגעקומען מאָדנע,
וואָס עמעצער באַדינט מיך.
— איז נאָך ישראל נישט צוריקגעקומען?
— ניין.
— כ׳מוז איצט אָנקניפּן פאַרבינדונג אויף רעכטס. וואָלף,
קום מיט! דו, האַרטענשטיין, נעמסט דערווייל איבער דעם פּלוטאָן!
מיר האָבן גענומען די ביקסן. אינדרויסן האָב איך גע־
טראָפן ווייקערטן.
— כ׳האָב געפונען נאָך אַ שוצגרוב.
ער האָט אים מיר געוויזן. ער איז געלעגן אַמווייטסטן אויף
לינקס. עטוואָס אָן אַ זייט.
— דו מוזט דאַ אויך אַוועקשטעלן פּאָסטנס!

— ס׳איז דאָ אַזוי אומהיימלעך! — האָט ער געזאָגט. — צו וואָלט איך נישט געקאָנט באַקומען קיין קוילנוואַרפֿער?

— מיר מוזן דאָס פֿריער זען בײַטאָג. כ׳קאָן נישט דערלויבן די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך נאָכאַמאָל איבערטראָגן, ווײַבאַלד כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז נויטווענדיק.

כ׳בין אַוועק מיט וואָלפֿן אויף רעכטס. אָבער צי איז דאָס געווען די אָנגעוויזענע ריכטונג?

מיר זענען אַרויף אויף אַ לאָנקע. דאָ איז ווידער געלעגן אַ טויטער פֿראַנצויז. די לאָנקע האָט זיך אויפֿגעהויבן משופּע אַרויפֿצו און איז מיט יעדן טריט געווען מער צעשאָסן.

מײַן רעכטער פֿוס האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין דראָט. ס׳האָט אויסגעזען צו זײַן אַ צעשאָסענע דראָט־נעץ.

פֿאַר אונדז האָט זיך קוים אויסגעשפּרייט אַ ווײַסער וואַלד.

— שטיי, ווער איז דאָרט?

— פֿאַרבינדונגס־פּאַטרול, דריטע קאָמפּאַניע.

דאָס איז געווען אַ פּאָסטן פֿון אונדזער פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין אַ טיפֿן גרובן. מיר זענען אַראָפּ אין דעם גרובן. דאָרט זענען געלעגן עטלעכע. איינער האָט זיך אויפֿגעהויבן: — פֿונוואַנען קומט איר?

לויטן אופֿן פֿון רעדן האָב איך משער געווען, אַז דאָס איז געווען אַן אָפֿיציר. ער האָט מיר געשטעלט אַ מאַסע פּראַגעס. כ׳האָב רעכט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט.

— אָבער אויב אַזוי מוזט איר ליגן פֿאַר אונדז? און אונדז האָט זיך געדוכטן, אַז מיר זענען דאָ די פֿאָדערשטע ליניע.

ער האָט אָנגעוויזן ווײַטער אויף רעכטס.

דאָ האָט אויסגעזען בכלל נישט צו זײַן קיין שוצגרובנס. דער גאַנצער ראָוו איז פֿול געווען מיט שלאָפֿנדיקע מענטשן. מיר זענען בכן אַרויסגעגאַנגען און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ הויכן וואַלד.

פֿלוצלינג בין איך שטיין געבליבן. רעכטס איז געשטאַנען אַ טונקעלער געגנשטאַנד. כ׳האָב עס דײַטלעך געזען. דאָס איז געווען אַ וואָגן, אָבער —

כ׳האָב זיך דערנענטערט צו אים, אָבער כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט פעסטשטעלן. כ׳האָב עס שוין געקאָנט מיט דער האַנט אָנטאַפּן, און דאָך נישט געוווסט. — כ׳בין צוגעגאַנגען נאָך נעענ־טער. ס׳האָט געשטונקען. דאַן האָב איך דערזען: פון אַ וואָגן האָבן אַראָפּגעהאָנגען די פאָדערשטע פיס און דער קאָפּ פון אַ פערד.

אַרום זענען געלעגן ביימער, צווייגן, בעלקעס, דראָט־ראָל־קעס און אייזערנע פלעקענער.

— טוט אַ קוק דאָרט! — האָט געזאָגט וואָלף.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ בוים. פון אַ דיקער צווייג האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ פערד, מאָדנע דאַר, נאָר הויט און ביי־נער. סאַראַ גראַנאַטן האָבן דאָס געמוזט זיין, וואָס האָבן געקאָנט אַרויפשליידערן אַ פערד אויף אַזאַ הויך.

ש — קרעמעם! אין די חורבות.

מיר זענען געלאָפן שנעל ווייטער.

די פעלדוואַך פון דער שכנותדיקער דיוויזיע האָבן מיר געפונען אַ דרייסיק טריט פאַרן הויפּטגרובן, אין אַ זייטיקן אָקאָפּ, וואָס האָט געפירט אויף פאָרנט. ס׳האָט דאָ געהערשט אַ היפּשע אומאָרדענונג.

זיי זענען שוין אַזוי געלעגן דריי טאָג, און דער אָנפירער פון דער פעלדוואַך האָט נישט געוווסט נישט וועגן אונז, נישט וועגן דעם, ווו ס׳געפינט זיך די הויפּטאָפּטיילונג.

מיר האָבן זיך אומגעקערט קווער דורכן פעלד און דערזען איינגיכן אונזער בעריאָזע־וועלדל.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. פאַר הארטנשטיינס אָקאָפּ זענען געשטאַנען אפשר צען מאַן מיט צוויי שווערע קוילנוואַר־פערס.

ישראל איז מיר האַסטיק אַקעגנגעקומען.

— דער הער לייטענאַנט האָט דיר געשיקט אַ פלוטאָן שווער מאַשינגעווער און דיך געלאָזט גריסן און דערלויבט אויפצוזעצן אַ זאַפּאַס־פּאָרציע.

— און ווו זאָל איך אייך איינאָרדענען? מיר האָבן נאָר איין שוצגרובן, און אין אים ליגן צוויי מתים.

— אַך מיר וועלן זיי אַרויסשליידערן — האָט געזאָגט דער פּלוטאָנפירער פון מאַשינגעווער. — דאָס איז געווען אַ סערזשאַנט.

— דער הער לייטענאַנט גייט! האָט אויסגערופן ישראל.

— גוט מאָרגן, רען! — האָט געזאָגט לאַם און מיר דער־לאַנגט די האַנט. — כ׳מוז עפּעס איבעררעדן מיט דיר און מיטן סערזשאַנט שאַץ.

מיר זענען אַוועק עטוואָס פאָראויס; ער האָט אַרומגעקוקט די געגנט, וואָס האָט אָקאָרשט אויפגעטויכט פון דער דעמערונג. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ קליינעם היגל. רעכטס איז גע־לעגן אַ ברייטער באַרג מיט צוויי פלאַכע הויקערס. זיי האָבן געגלאַנצט מאָדנע בלאָ־ווייס.

דאָס איז דער ווייסער באַרג, וועגן וועלכן ס׳גייט אַ קאַמף זינט אַ רייע טעג. די געפאַר דראָט אונז פון יענער זייט און פון פאָרנט. די לאַגע פון אונזער פּאָזיציע איז אַ גינסטיקע, אָבער זי איז ווי אַן איינזאַמער אינזל. דאָס איז דער געפערלעכ־סטער פונקט פון דער גאַנצער דיוויזיע. פילסטו זיך דאָ גענוג שטאַרק?

— יאָ, כ׳האָב דריי גרופּעס, צוויי שווערע און פינף לייכטע ק. וו.

— אָבער דו האָסט דאָך נישט צו זיי קיין גענוג אויסגע־שולטע מענטשן.

— ניין, נאָר פיר. אָבער דער סערזשאַנט וועט אפשר קאָנען צולערנען די איבריקע.

לאַם האָט געקוקט אויף מיר, ישובנדיק זיך.

— סערזשאַנט שאַץ, איס נעמט אויך איבער די אָנפירונג איבער אונזערע קוילנוואַרפערס און זיי פונאַנדערשטעלן אויף די אנטשפּרעכנדיקע ערטער. אָבער אין מאָמענט פונם קאַמף וועט איר דאַרפן האָרכן די באַפעלן פון אונטעראָפיציר רען.

ער איז צוריק אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע שליחים.

ס'איז געוואָרן גאַנץ העל, כ'האָב זיך אומגעקערט אין שוץ־גרוב. ישראל האָט אויפגעעפנט פאַר מיר און פאַר זיך אַ פושקע פלייש־קאָנסערוון און עס דערוואַרעמט איבער אַ ספּיריטוס־לעמפל. מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אינעווייניק אַביסל סוכאַרעס, און ווען זיי זענען ווייך געוואָרן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו עסן.

ישראל איז געווען אַ פידלמאַכער און געהאַט בליצנדיקע, ברוינע אויגן. וואָלף איז געווען אַן אַרבעטער, אַ זייער געלאַסענער און שווייגעוודיקער מענטש, מיט עטוואָס טעמפּע, בלאָקוי־אויגן, ער איז אָבער כּלל נישט געווען נאַריש. ער פלעגט תּמיד זיצן אין אַ ווינקל און זיך צוהערן צו ישראלס לעבהאַפטע רייד, צו וועלכע ער פלעגט זיך פון מאָל צו מאָל אַריינמישן מיט אַ פּאָר לאַנגזאַמע ווערטער. ער איז אַלט געווען קוים נײַנצן יאָר, איז געווען הויך און שלאַנק, האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער ריינקייט פון זיין אָנצוג און זיינע הענט.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

VI

כ'האָב אויפגעוואַכט מיטאָגצייט און דערשפּירט אַ שטאַרקן הונגער. אַגב איז היינט געווען מיין געבורטסטאָג.

— דו — האָב איך געזאָגט צו האַרטנשטיינען — מ'וואָלט געדאַרפט אַרויסשיקן אַ פּאַטרול דאָרט אַהין, וווּ דו האָסט נעכטן געפונען די סוכאַרעס.

— גוט, ס'קאָן דאָרט אַהינגיין קעטנער מיט נאָך עמעצן; ער איז אַ זייער געשיקטער חברהמאַן... באַזונדערס באַם כאַפּן לייז. ער שטעקט נאָר אַריין די האַנט אונטער דער בלוזע און האָט זיי שוין.

קעטנער האָט דאָס געהערט און געלאַכט: — יאָ, דאָס איז אַן עסק פאַר מיר! אָבער כ'וויל בעסער גיין אַליין.

כ'בין אַרויסגעגאַנגען און מיך אַרומגעקוקט. דער שוצגרובן מיטן אָפּגעריסענעם דאַך איז מסתּם געווען אַן עקספּלאָדירטער אַמוניציע־מאַגאַזין. אַרום זענען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפן־

גראַנאַטן פֿון אַ האַלבן מעטער די גרייס. ווען כ׳זאָל קאָנען וויסן, צי זיי זענען נאָך געפֿערלעך? פֿאָרנט באַם משופּע־שטיי־ענדיקן האַרמאַט, ווו בראַנד איז איצט געשטאַנען אויף דער וואַך, זענען זיי לגמרי נישט געלעגן.

— צי ווייסטו ווו עס שטייען אונזערע פּאָסטנס? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— ניין. — ער האָט מיך שרעקעוודיק אָנגעקוקט. ער איז באַכנישט געהאַט געקומען צו זיך זינט דעם נעכטיקן הוראַגאַן־פֿייער.

— זעסטו דאָרט לינקס דעם גראַנאַט־טרעכטער? דאָרט ליגט דער קאָמפּאַניע־פֿירער מיט צוויי פּלוטאָנען. דערנאָך איז דאָ אַ גרויסער בלייז ביז צו אונז, און העט, פֿון הינטן, אויף רעכטס, געפֿינט זיך די פֿאָדערשטע פֿעלדוואַך פֿון דער שכנותדיקער דיוויזיע.

כ׳האָב זיך אַליין דערשראָקן, זאָגנדיק דאָס. ווען די פֿראַנ־צויזן זאָלן דאָ אָנגרייפֿן אין ברייטן קרייז, וואָלטן מיר זיי אַליין געמוזט אָפּשטויסן. און דאַן וואָלט איין פּאָסטן נישט געקאָנט צוגלייך שיסן און אַלאַרמירן. מ׳האָט בכן געדאַרפֿט אַוועקשטעלן אַן אַלאַרם־פּאָסטן.

כ׳בין אַוועק אויף רעכטס ווייטער. אין נאָענטסטן איינשניט האָט זיך געפֿונען אַ שווערער קוילנוואַרפֿער. דערלעבן זענען אין צוויי שוצגרובנס געלעגן 35 מאַן. כ׳בין אַריין אין סענדיגס שוצ־גרובן, ווו ס׳זענען געלעגן די לייכטע קוילנוואַרפֿערס.

— אַלמאַי האָט איר נישט אַרויסגעשטעלט קיין שום קוילנ־וואַרפֿער?

— קיינער האָט אונז וועגן דעם נישט געזאָגט.

— איז דאָ נישט געווען דער סערזשאַנט שאַץ און אייך אָנגעוויזן די ערטער?

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט תמעוואַטע. כ׳האָב מיך געבייזערט.

— סענדיג, דו מוזט תיכף אַוועקשטעלן אַלאַרם־פּאָסטנס. בל־זמן ס׳איז רויק, דאַרף מען זיך אונטערלערנען, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט קוילנוואַרפֿערס. אויף וואָס דען האָבן מיר די מאַ־שינקעס?

— און וואָס וועט זיין היינט מיטן עסן? מיר האָבן שוין וינט דריי טעג נישט געהאַט אין מויל עפּעס אָרנטלעכס, און די אייזערנע פּאָרציעס זענען אויפגעגעסן.

— כ׳האָב שוין אַרויסגעשיקט מענטשן. וויבאַלד כ׳וועל עפּעס קריגן, וועל איך אייך שוין צוּוויסן טון.

אינדרויסן האָט אַ קראַך־געטון אַ גראַנאַט.

— ס׳הויבט שוין ווידער אָן דאָס טינוף! — האָט געזידלט טענדיג.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען. דער אויפרייס איז פּאָרגעקומען האַרט פאַר די פּאָסטנס. ס׳האָט זיך נאָך געטראָגן דער גראַנאַט־רויך.

וואָס זאָל איך זאָגן שאַצן? מ׳וועט אים דאַרפן אָרנטלעך אָנזידלען.

כ׳בין אַוועק צום צווייטן שוצגרוב. שאַץ האָט געשפּילט מיט די גרופּן־פירערס אין קאָרטן.

— איר האָט צומאָל נישט געזאָגט די מענטשן, וואָס באַדינען די קוילנוואַרפערס, אַז איר נעמט איבער זיי די אָנפירונג?

ער האָט מיך אָנגעקוקט האַלב הויכמוטיק, האַלב פחדניש פון דער זייט.

— מיר מוזן זיך וועגן דעם אָפּרעדן. ווו ווילט איר דען אַוועקשטעלן די קוילנוואַרפערס בעת אַן אָנגריף?

— דאָ אויבן — האָט ער אָפּגעענטפערט גלייכגילטיק און געוואָרפן אַ קאָרט.

— וואָס, אַלע פינף קוילנוואַרפערס אויף קוים זעקס מעטער די ברייט? — כ׳בין בלאָס געוואָרן פאַר כעס.

— נו, וויבאַלד איר ווילט, קאָנט איר זיי אויסשטעלן ערגעץ אַנדערש.

כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן דערויף. צי האָב איך געזאָלט פשוט אַרויסגיין און אַרויסגעבן די אַנטשפּרעכנדיקע באַפעלן? וואָס וואָלט לאַם געזאָגט דערצו?

— צי קאָנט איר מיר נישט צוטיילן עפּעס אַן אינסטרוקטאָר?

— גוט — טרומף! — ער האָט אַ קנאַל־געטון אַ קאָרט אויפן טיש.

— ווענען? — האָב איך געפרעגט און אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר כעס.

— אָטאָ יענעם, דעם יעפרייטאָר יאַנעצקי.

— קאָן איך אים מיטנעמען?

— טוט, וואָס איר ווילט.

— טאָ וועל איך טאַקע טון! — האָב איך אַ געשריי־געטון און בין אַרויס מ׳ט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. זיי האָבן מיך באַגלייט מיט אַ געלעכטער.

כ׳האָב צונויפגערופן מיינע גרופּנפירערס און די באַדינונגס־לייט פון לייכטן מאַשין־געווער און אויסגעזוכט פאַר זיי די אַנט־שפּרעכנדיקע ערטער.

— מיר שטייען דאָ באַם געפערלעכסטן פּונקט פון גאַנצן דיוויזיע־אָפּשניט. ליידער גיט זיך דער אָנפירער פון די ש. מ. ג. נישט אָפּ קיין חשבון דערפון.

— דערדאָזיקער שאַץ, דאָס איז אַ פאַלשער הונט — האָט געזאָגט האַרטנשטיין. — כ׳האָב שוין געזען, ווי ס׳האָט אים אַמאָל אַרויסגעוואָרפן דער קאָמפּאַניע־פירער.

— כ׳האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל אונז געבן עמעצן צו אינסטרוירן, אָבער ס׳שיינט מיר, אַז מיר וואָלטן געמעגט אומזיסט וואַרטן, און מיר מוזן זיך דאָס שנעל אויסלערנען. זאָל בכן איט־לעכער נעמען אַ קוילנוואַרפער אין זיין שוצגרוב און די, וועלכע קאָנען זיך דערויף, וועלן אייך געבן די נויטיקסטע אָנווייזונגען.

דערווייל האָט זיך די לופט געטרייסלט פון שווערע גראַ־נאַטן רעכטס אויפן ווייסן באַרג.

דער גאַנצער שיפּוע איז געלעגן אין אַ גראָווייסער כמאַרע. אויך פון דעם ראָוו, וואָס האָט זיך געפונען הינטער אונז, האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער גאַנצער ברייט זיילן רויך פון די אויפרייסנדיקע גראַנאַטן. מ׳האָט אויך געשאָסן שטאַרק אין דער ריכטונג פונם שיפּוע, באַ וועלכן מיר זענען נעכטן געלעגן, נאָר

די רויך־וואָלקנס האָבן דאָרט אויסגעזען טונקעלער, אפשר צוליב דעם וואַלדיקן באָדן.

— מיר מוזן גוט אַכטונג געבן — האָב איך געזאָגט. — ווייבאַלד די פּראַנצויזן וועלן זיך אַריינרייסן אין קעגנאיבערליגנדיקן וואַלד, קאָנען זיי אַרומרינגלען יענע פּלוטאָנען, און אַפילו זיי איבערפאַלן פון הינטן.

— דער בלייז איז משונהדיק גרויס! — האָט געזאָגט ווייקערט און אַהינגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, קוים וועלן נאָר די פּאָסטנס אַכטונג געבן! — האָב איך געענטפערט.

קעטנער האָט זיך אומגעקוקט איינגעבויגן, טראָגנדיק אין אַ וואָלענער דעקע עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געקלאַפּט ווי גלאָז.

— לאָמיר זיך דאָ נישט ווייזן אַזויפיל! — האָט געזאָגט האַרטנשטיין. — די פראַנצויזן קאָנען אונז זען פון ווייסן באַרג.

קעטנער האָט אַראָפּגעלאָזט די דעקע. — כ'האָב מיך געמוזט שפּילן אין אינדיאַנער. כ'קום צו גיין צום פּראָוויאַנט־לאַגער און דערזע, אַז דאָרט שטייט אַ פּאָסטן. טראַכט איך מיר: גלייכער נישט פרעגן, נאָר אָפּוואַרטן! אינדעם האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן. כ'זעץ מיך אַריין אין אַ גראַנאַט־טרעכטער און וואַרט. און אָט הער איך, ווי עמעצער זאָגט צום פּאָסטן, אַז בעת אַזאַ פייער וועט דאָך קיינער דאָ נישט קומען לאַטכענען, ער קאָן בכן אַוועקגיין. האָב איך זיך תיכּף אַהינגעשלייכט און אָט וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט.

ער האָט געברענגט נישט בלויז סעלטער־וואַסער און סוכאַרעס, נאָר אויך געטרוקנטע געמיזע אין קלעצלעך, עטוואָס פייכטע.

כ'האָב פאַרטיילט דעם פּראָוויאַנט און אַוועקגעשיקט ישראלן צו לאַמען, כדי געוויר צו ווערן, צי די פעלדקיך וועט היינט אָנקומען און ווו זי וועט זיך שטעלן. דאָ אַהער האָט זי דאָך נישט געקאָנט פאַרפאָרן, מחמת דער באָדן איז געווען דורכגעשניטן מיט גרובנס.

דערווייל האָט זיך האַרטנשטיין געברענגט אין אונזער

שוצגרוב אַריין אַ לייכטן קוילנוואַרפער און אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

בראַנד, וואָס איז געווען אויכגעבילדעט אויף שווערן מאַ־שינגעווער, האָט עס אַרומגעטאַפּט פאַרלעגן מיט די פינגער און אָנגעהויבן מיט פאַרגלייזטע אויגן:

— דער קוילנוואַרפער איז אַ זעלבסטלאָדנדיק געווער. ער באַשטייט...

— לאָז געמאַך מיט די שטותים — האָט איבערגעריסן האַר־טענשטיין — און ווייז אונז, ווי אַזוי מ׳שיסט מיט אים!

בראַנד האָט אים באַטראַכט פאַרלעגן און געוואָלט אויפ־מאַכן דאָס דעקל. אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען.

— טראָג דיך אַוועק! — האָט געזאָגט קעטנער און אָנגע־הויבן אַליין צו באַקוקן דאָס געווער. אַלע האָבן גערעדט גלייכ־צייטיק. האָבן אַרומגעטאַפּט דאָס געווער און עס אָפּגעשרויפּט. זיי האָבן ענדלעך אַרויסגעצויגן די לופּע.

— אָבער אַזוי אַרום קאָן מען נישט מיט אים שיסן — האָט געזאָגט בראַנד.

— פאַרוואָס?

— ווייל אין דעם קילער איז נישטאָ קיין וואַסער.

— טאָ וועלן מיר צוגיסן סעלטער־וואַסער — האָט גע־טענהט קעטנער.

עמעצער איז אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפּ.

— פאַרוואָס טוט דאָ קיינער נישט אַכטונג! — האָט געשריגן לאַם. — די פראַנצויזן גרייטן זיך צום אָנגריף באַם ווייסן באַרג. ווו איז דער סערזשאַנט שאַץ?

— וואָלף אַלאַרמירט לינקס! ישראל רעכטס! — האָב איך געשריגן.

— דאָ בלייבן! — האָט געשריגן לאַם — צו וואָס זאָלן זיך אַלע ווייזן? נאָר דאָס שווערע מאַשינגעווער.

ער איז אַרויסגעלאָפן, איך הינטער אים.

— ווו איז שאַץ?

— דאָ, הער לייטענאַנט?

ער איז אַריינגעלאָפן. כ׳האָב געהערט אונטן זידלען. ס׳איז אַרויסגעלאָפן שאַץ מיט זיין גאַנצער באַנדע און מיטן צווייטן קוילנוואַרפער.

— דאָרט! — האָט אויסגערופן לאַם. — צי זעט איר דען נישט? אויפן לינקן שיפוע פון באַרג, האַרט איבערן רוקן.

זיי האָבן אַהינגעקוקט.

— סאַראַ מרחק? — האָט געשריגן לאַם צו שאַצן. דער האָט אויפגערעגט אַריבערגעקוקט.

— פירהונדערט! — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— ניין הונדערט! — האָט לאַם געברילט, — גרייטן זיך!

— מ. ג. איינס פערטיק!

— קאָמענדירט־זשע! — האָט געשריגן לאַם.

— אין לאַנגע סעריעס, פייער! — האָט געזאָגט שאַץ.

דער רעכטער קוילנוואַרפער האָט גענומען גרעגערן. לאַם האָט געקוקט דורך דער לאָרנעטע. באַם לינקן קוילנוואַרפער האָט מען ערשט צוגעגרייט די באַזע.

— אָפּהאַלטן דאָס פייער! — האָט געברילט לאַם. דאָס גרעגערן האָט אויפגעהערט. — וווהין שיסטו, מענטש? צי האָט איר דען פאַרלוירן די אויגן? איצט זענען זיי שוין נאַטירלעך פאַרשוווּנדן!

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ רוגזהדיקן בליק:

— קומט מיט מיר, אונטעראָפיציר רען און סערזשאַנט שאַץ! די אומנויטיקע מענטשן זאָלן מיר דאָ פאַרשווינדן!

ער איז צוגעגאַנגען אָן אַ וואָרט צום האַרמאַטן־איינשניט און זיך אַוועקגעשטעלט באַם הויביץ מיטן טויטן פערד. מיר זענען געשטאַנען אויף אַכטונג.

— אַלמאַי איז דאָ נישטאָ קיין פּאָסטן? — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און אונז אָנגעקוקט. — אַלמאַי האָט איר, סערזשאַנט שאַץ, נישט צוגעגרייט קיין פּאָזיציעס פאַרן צווייטן קוילנוואַרפער? צי האָט איר אָפּגעשאַצט דעם מרחק? און פון וואַנען זאָל איך וויסן דעם מרחק? — איר מוזט דאָס תיכף טון! כ׳וועל מאָרגן איבערקוקן אייערע פּאָסטנס, און אַחוצדעם

װעל איך מיטטײלן אײער קאָמפּאַניע, אַז איר האָט נישט דער־פּילט אײערע פליכטן. איר קאָנט גײן!

שאַץ האָט סאַלוטירט און איז אַװעקגעגאַנגען. לאַם האָט געקוקט אויף מיר; כ׳האָב באַמערקט, אַז ס׳איז אים שרעקלעך שװער געװען צום רעדן.

— שאַץ איז אַ געמײנער און ליגנערישער מענטש! כ׳קאָן אים שוין פון די צײטן פון דער רעקרוטן־אויסבילדונג. אָבער כ׳פאַרשטײ נישט, װאָס ס׳איז געשען מיט דיר! צי זאָל איך דאָ אַהערשיקן אַן אַנדערן פּלוטאָנפירער? דו מוזט טון כל התפעלות, כדי מיך צופרידנצושטעלן! כ׳זאָג עס דיר אָפן, אַז כ׳װעל דיך פון הײנט אָן קאָנטראָלירן. בײזאַהער האָב איך עס געהאַלטן פאַר אומנויטיק.

ער האָט אָפּגעאָטעמט אַן אויפגערעגטער און איז לאַנג־זאַם אַװעקגעגאַנגען.

— שטײ! האָט ער פּלוצלינג געזאָגט. — די קיך װעט אָנקומען פאַרטאָג. די מענטשן, װאָס גײען נאָך עסן, זאָלן זיך פאַרזאַמלען לעבן מײן שוצגרוב. גוטן טאָג!

ער איז אַװעקגעגאַנגען. כ׳האָב געטראַכט: מעגסט מיך קאָנטראָלירן, כ׳בין גאַנץ צופרידן דערפון. און װײ צו מיר, װי־באַלד דו װעסט געפינען עפּעס פאַרצװואַרפן!

כ׳האָב זיך כלל נישט גענומען צום האַרצן דעמדאָזיקן פאַרפאַל. נײן, די פאָרװורפן האָב איך אָנגענומען מיט אָנערקע־נונג, װאָרן זײ זענען געװען גערעכטע. איך בין מחויב געװען דורכצופירן די אָפּשאַצונג פונם מרחק.

כ׳בין דורכגעגאַנגען איבער די גרופּעס און אַרויסגעגעבן באַפעלן בנוגע די פאָסטנס און אָנגעזאָגט די עסן־טרעגער, אַז זײ זאָלן װי װײט מעגלעך מיטברענגען װאַסער פאַר די קױלנ־װאַרפערס.

דערװײל האָט מען אונז אָנגעהויבן צו באַשיסן. דאָס זענען געװען שװערע גראַנאַטן, װאָס זענען אָנגעפלויגן זײער שנעל און פונאַנדערגעװאָרפן גרויסע, שטילעט־פאָרמיקע שפּלי־טערס. אָבער זײ זענען געקומען װײניקסטנס רעגלמעסיק. דער

פאָסטן באַם לינקן האַרמאַט־איינשניט איז לייכט פּערוואונדעט געוואָרן אין אויער.

אויף אַרומרעדן די פאַרשידענע זאַכן מיט די גרופּעס איז מיר אַוועק כמעט דריי שעה, און דאָך איז מיר כסדר איינגע־פאַלן אַלעמאָל עפּעס נייעס צי האָבן זיי געוווסט, וואָס ס׳איז אַזוינס צייכנס פון פאַרשפּאַר־פייער, בעת מ׳פאָדערט אַרטילעריע־שוץ? און צי האָבן זיי געהאַט ביי זיך גענוג ליכטפּיסטאָלעטן און די נויטיקע אַמוניציע?

דאָס אַרטילעריע־פייער האָט אויפגעהערט. ס׳איז געוואָרן טונקל. כ׳האָב נאָכנישט געהאַט קיין נאָמענטלעכע ליסטע פון מיין פּלוטאָן.

די עסן־ברענגער זענען אַוועקגעגאַנגען. פון לאַמען איז אָנגעקומען אַ שליח: — דער הער לייטענאַנט פרעגט, צי ס׳זע־בען פאַראַן אַלע מכשירים צו דעם ל.מ.ג. און הייסט פאַרמאַס־קירן די שוצגרובנס, אַז מ׳זאָל באַנאַכט נישט זען קיין ליכט. פאַרטאָג צווישן פיר און זעקס דאַרפן אַלע וואַכן און אין פול־לער גרייטקייט וואַרטן אין די שוצגרובנס.

כ׳האָב מודיע געווען וועגן אַלעם די גרופּעס. דערנאָך האָב איך קאָנטראָלירט די פּאָסטנס און אויסגעפרעגט, צי זיי קענען די וויכטיקסטע פּונקטן פון דער געגנט.

מיינע לייט האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער באַדינונג פון קוילנוואַרפער. זיי האָבן געוואָלט אַלץ באַקוקן און באַטאַפּן. כ׳האָב מיך געוווּנדערט איבער זייער ברען.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. כ׳האָב געפילט אַ משונהדיקע ליידיקייט אין מאָגן. היינט האָב איך ווידער נאָר גע־געסן סוכאַרעס און געמיזע־קלעצלעך, געקאָכט אויף סעלטער־וואַ־סער. די עסן־ברענגער האָבן זיך נאָכנישט אומגעקערט, הגם זיי זענען אַוועק מיט פיר שעה צוריק.

כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט אינדרויסן און זיך אַרומגעזען איבער דער געגנט און דורכגעקוקט די פּאָסטנס.

אַרום האַלב פיר זענען ענדלעך אָנגעקומען די עסן־ברענ־גער, שווער באַלאָדנטע. איינער האָט אין אַ בלעכענעם טאָרניס־

טער געטראָגן וואַסער. אַן אַנדערער האָט געשלעפּט אַ שווערן זאַק מיט ברויט.

— ווו זענט איר דאָס געווען אַזוי לאַנג?

— צוערשט האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט — האָט געלאַכט ישׂראל. — דערנאָך איז די קיך נאָכנישט געווען, ווייל מ'האָט באַשאָסן דעם שאָסעע. בכלל קאָן זי נישט צופאָרן פאַר האַלבער נאַכט, ווייל זי טאָר זיך נישט אַרויסבויגן פון הינטער די הויכעניש, אײדער ס'ווערט פינצטער. און אַחוצדעם איז פון דעם קיך־פּלאַץ ביזדאַנען אַנדערטהאַלבן שעה וועג. דער הער פעלדפעבל האָט געהייסן זאָגן, אַז ער וואָלט וועלן וויסן יעדן טאָג דעם צאָל־כּח פון די פּלוטאָנען, ווייל דאָרט הינטן איז נישט מעגלעך געוואויר צו ווערן, וויפל ס'איז פאַראַן פאַרוואונדעטע. זיי האָבן נאָך בכלל נישט געוווסט, אַז מיר האָבן געהאַט אַזעלכע באַדייטנדיקע פאַרלוסטן.

דאָס עסן איז אויפן וועג אויסגעקילט געוואָרן. מיר האָבן נעמוזט שפּאָרן דעם ספּיריטוס און עס בכן אויפגעגעסן אַזוי. מיר האָבן אויך געהאַט קוים צוויי צינדמאַשינקעס. און פון זיי איז איינע שוין געווען כמעט אויסגעברענט.

דערווייל איז געוואָרן פיר אַ זייגער. כ'האָב געהייסן שטיין אַלע גרייט און בין אַוועק צו די אַנדערע גרופּעס. זיי האָבן פאַרגעסן אָן דעם באַפעל, אָדער זענען געווען צו פויל אים אויסצופירן. צי האָב איך אויך געזאָלט גיין צו שאַצן? יאָ, אפשר האָט ער נישט נעוווסט וועגן דעם באַפעל. כ'האָב אָנגעטראָפן אַלע שלאָפנדיק. כ'האָב אויפגעוועקט שאַצן און עס אים געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אומחשק און זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש. אָבער ער האָט נישט אויפגעוועקט זיינע מענטשן. דאָס גייט מיך גאָרנישט אָן — האָב איך געטראַכט און בין אַוועק צו די פּאָסטנס,

ס'איז ביסלעכווייז העל געוואָרן. ס'האָבן זיך געוויזן די קאָנטורן פון באַרג, צוזאַמען מיט זיינע צוויי קאָפּעס. אונזער אַרטילעריע האָט געדונערט פון הינטן. די גראַנאַטן האָבן גע־

רוישט איבער אונז און אויפגעריסן ווייט פאָרנט. די פראַנצויזישע אַרטילעריע האָט געשוויגן.

ס׳איז מיר אויפגעפאַלן אין אויג אַ קליינער היגל אויף אַ דרייסיק טריט פאַר אונז. צי האָט ער זיך נישט געצייגנט צום אויפשטעלן קוילנוואַרפערס. כ׳בין אַהינגעגאַנגען און אַראָפּגעקראָכן אין די גראַנאַטן־טרעכטערס, זוכנדיק אַן אָרט פאַר אַ גוט שיס־פעלד. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט טריט הינטער מיר.

— גוט מאָרגן, רען! — האָט געזאָגט לאַם, האַלטנדיק די הענט הינטערן רוקן. — איך קום אָקאָרשט פון דיינע שוצגראָבנס און האָב דורכגעקוקט די פּאָסטנס. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. אָבער שאַצן האָב איך געגעבן אַ היפּשע עליה. דעמדאָזיקן פוילן נפש איז צו שווער געווען אַפילו די מענטשן זיינע אויפצוּוועקן.

כ׳האָב זיך געוווּנדערט: לאַם האָט צו מיר כּסדר געשמייכלט און געהאַלטן די הענט פון הינטן, וואָס איז כּלל נישט געווען זיין געוווינהייט.

— דו — האָט ער געזאָגט — נעכטן איז נישט געווען די פּאַסיקע געלעגנהייט. — ער האָט זיך אָפּנהאַרציק צעלאַכט און אויסגעשטרעקט צו מיר אַ פּאַקעט, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. — נעכטן איז דאָך געווען דיין געבורטסטאָג?

כ׳בין פאַרבליפט געוואָרן אין דער ערשטער רגע.

— פונוואַנען ווייסטו דען דאָס?

ער האָט שמייכלנדיק געוויגט דעם קאָפּ אַהין און אַהער: — טרעף אַליין — אָבער ניין, ס׳וועט דיר נישט איינפאַלן, וואָרן ס׳איז צו פּשוט. כ׳האָב אַנומלט דורכגעקוקט די אידענטיטעטס־קאַרטן, האָב איך אָנגעטראָפן דיין דאַטע און זי מיר פאַרשריבן. אָבער טו נאָר אַ קוק, וואָס ס׳איז דאָרט פאַראַן אינעווייניק.

כ׳האָב אויפגעמאַכט דאָס פּאַקעטל. פון אויבן איז געלעגן אַ שעכטל פּאַפּיראָסן, און פון אונטן אַ בוך: Simplicius Simplicissimus.

— קענסטו דאָס?

— ניין, כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט דערפון.

— דאָס איז עפּעס פאַר ד״ר. דו ביסט צו אים ענלעך.

אָבער איצט איז די צייט פון וואַכן פאָריבער. איך בין שלעפּעריק.

VII

— רען! — האָט עמעצער אויסגערופן.

כ׳האָב אויפגעוואַכט. פון דעם איינגאַנג האָט זיך דערטראָגן עטוואָס ליכט. עמעצער האָט זיך באַוועגט צו מיר צו. אינדרויסן האָט געקנאַלט און געטראַסקעט.

— האָט עפּעס פּאַסירט?

מיר האָבן שוין דריי פאַרוווּנדעטע, און דאָרט האַלט מען אַלץ אין איין שיסן.

כ׳האָב זיך ראַש אויפגעהויבן און בין אַרויפגעלאָפן מיט די טרעפּ. אַרום ווייקערטס שטעל האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע, ווייסע שטויב־וואָלקנס.

— ווו זענען זיי געוואָרן פאַרוווּנדעט?

— דער ערשטער לעבן שוץ־גרוב, די צוויי אַנדערע באַם ל.מ.ג.

— וואָס שטייען איצט פּאַראַ פּאָסטנס?

— נאָר איינער פּאָרנט.

— זאָל אים ווייקערט צוריקציען, כּל־זמן דאָס פייער דויערט! מיר וועלן דאָ פאַר אייך איבערנעמען די באָאָבאַכטונג.

דער שליח איז אַ ווײַלע געגאַנגען פּאַמעלעך, גלייך ער וואָלט זיך געיִשובֿט. אָבער בעת ער איז אַרויף אין קרייז פון די גראַנאַטן, האָט ער גענומען אַזוי לויפן, אַז די לופט האָט אים געהודזשעט פאַר די אויערן.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט באַם איינגאַנג פון קאָרידאָר. צי האָב איך גוט געטון, הייסנדיק צוריקציען דעם פּאָסטן? שיינט מיר, אַז יאָ. כ׳האָב אָבער געדאַרפט וועגן דעם מעלדן לאַמען.

כ׳האָב אויפגעוועקט וואָלפן און אים אַוועקגעשיקט. כ׳האָב מיך געפילט מיד און שוואַך. דערצו האָט מיך עפּעס געביסן אין

האַלז. כ׳האָב אַראָפּגעצויגן די בלוזע און דורכגעזוכט דעם קאָ־
נער. און כ׳האָב גאָרנישט געפונען. אָבער אין דער האַלז־
בינד, האָט געשטעקט אַ גאַנצע נעסט פון יונגע לייז. כ׳האָב
זיי אַרויסגעקליבן און אַרויסגעוואָרפן. ווען דאָס וואָלט כאָטש
נישט געווען. כ׳האָב אויסגעטון דאָס העמד. אין די נעט זענען
געזעסן נאָך עטלעכע.

אינדרויסן האָט געשיינט די זון. אָבער אויף די טרעפ איז
געווען קאַלט. כ׳האָב זיך צוריק אָנגעטון. ס׳האָט געקראַכט און
געקנאַלט און געשליידערט אינדערהויך קאַלך־שטויב.

כ׳האָב אַראָפּגעקוקט צו דר׳ערד.

ראַמממס!

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. כ׳בין שיר נישט געהאַט איינגע־
שלאָפן. שיסן זיי שוין בכן אויך דאָ אַהער? אויבן, אין דער
בלאָער לופט, האָט גערוישט. צוויי קליינע אַעראָפּלאַנען האָבן
דורכגעצויגן שמאָלע קרייזן. באַם אויסקירעווען האָבן זיי געבליצט
זילבערן. ווייטער צו די פראַנצויזן צו האָט געמאַכט ברייטע קרייזן
אַ גרויסער אַעראָפּלאַן מיט ברייטע פליגל און ווידל, אָבער ווי
אָן אַ לייב. דערדאָזיקער פליער האָט געקירעוועט מיטן פייער
פון די פראַנצויזישע האַרמאַטן.

טאַק—טאַק—טאַק! פייער פון די קוילנוואָרפערס אינדער־
לופטן! צוויי דייטשע אַעראָפּלאַנען זענען צוגעפלויגן צו דעם
קליינעם זילבערנעם פויגל. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן. ווייסע
שראַפּנעלן־וואָלקנדלעך האָבן אויפגעטויכט און געבליבן שטיין
אינדערלופטן, ווי וואָלענע וואָלקנדלעך.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען, ווי איינער פון די זילבערנע
אַעראָפּלאַנען נעמט אַראָפּזינקען, וואָס אַמאָל שנעלער. ס׳איז
אַראָפּגעפאַלן אַ פליגל און זיך געוואַקלט אינדערלופטן ווי אַ
בלאַט. דערנאָך דער אַנדערער. דער גוף איז ארונטערגעפאַל־
ן ווערטיקאַל אַראָפּצו, מיטן ווירל אַרויף, איבערלאָזנדיק נאָך זיך
אַ שנור רויך. ברענענדיק איז ער אַראָפּגעפאַלן ערגעץ ווייט אין
שטאָלד.

קראַמממס! שטיקלעך קאַלך האָבן מיר אַ קלאַפּ־געטון אין

אָרעם. ס׳איז אָנגעלאָפן ווייקערט און זיך געשטעלט פאַר מיר אויף די טרעפּ.

— אונזער שוצגרוב איז פאַרשאָטן! — האָט ער געשריגן.

— וווּ זענען די אַנדערע?

— כ׳ווייס נישט. אונזער קוילנוואַרפער איז קאַפּוט.

ווידער איז אָנגעלאָפן צמעק.

צי איז זוער פאַרווּנדעט.

— יאָ, סטאָל אויגוסט, אָבער לייכט.

— ווו זענען די איבעריקע?

— זיי לויפן אַרום.

— ברענג זיי אַהער!

ער איז אַרויסגעלאָפן.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען. נאָר צוויי האָבן געהאַט זייערע ביקסן. זיי האָבן געזעדט אויפגערעגטע אַלע אויף אַמאָל.

— דער גאַנצער שוצגרובן איז איינגעלייגט.

— שטותים! כ׳בין אַרויס דער לעצטער. ס׳האָבן נאָר אַראָפּגעהאָנגען אַ פּאָר בעלקעס.

— אַך ניין, כ׳האָב דאָך געזען ווי דער גאַנצער סופיט איז איינגעפאַלן!

וואָס זאָל איך מיט זיי טון? האָב איך געטראַכט.

וואָלף איז צוריקגעקומען פון לאַמען.

— דער הער לייטענאַנט דאַנקט פאַרן ראַפּאָרט. ער אָבסערווירט אונזערע פּאָזיציעס פון אויבן. דאָרט, פון אויבן, זעט עס אויס אַזוי, ווי דאָ וואָלט שוין נישט געקאָנט בלייבן קיין לעבעדיק נפש.

כ׳האָב אַוועקגעשיקט ישראלן, כדי ער זאָל מעלדן וועגן דעם נייעם אומגליק און דעם פליער-קאַמף.

כ׳האָב נישט געקאָנט לענגער בלייבן צוזאַמען מיט די אויפגערעגטע מענטשן, מחמת מ׳האָט געדאַרפט זיך רויק איבערלייגן וואָס ווייטער צו טון.

כ׳בין בכן אַוועקגעלאָפן צו סענדיגן. דאָרט זענען ביזאַהער

געפאַלן נאָר עטלעכע שאָסן. מ׳האָט געקאָנט פון זיינע טרעפ אַריי-
בערקוקן צום ווייסן באַרג, אויף וועלכן מ׳האָט אויך לעבהאַפטיק
געשאָסן, אָבער פון דייטשישער אַרטילעריע. אַרום צוויי אַזייגער
נאָכמיטאָג האָט דאָרט אויפגעהערט דאָס פייער. אויך בא אונז
איז געוואָרן שטילער.

כ׳בין צוריקגעגאַנגען אין מיין שוצגרוב און עפּעס אויפגע-
געסן. דערנאָך האָב איך מיך געלייגט שלאָפן. ווייקערטס מענטשן
האָבן אַהערגעבראַנגט זייער געווער און זיך אויך געלייגט שלאָפן.

— — — — — — — — — — — —

— רען! — האָט געזאָגט ישראל. — דער הער לייטענאַנט
וויל צו וויסן, אַז היינט בײַנאַכט ווערט דערוואַרט אַ פּראַנצויזי-
שער אָנגריף. פון פינף אַזייגער אָן זאָל אַלץ אַלאַרמירט זיין.

— גוט! — האָב איך געזאָגט און געפּרוווט צוריק איינצו-
שלאָפן. אָבער צי האָט מען נישט געדאַרפט אויפסנײַ איינטיילן
די פּאָסטנס? און אַחוצדעם האָט מען געדאַרפט ווייקערטן געבן
אַ נייעם קוילנוואַרפער. אָבער ער האָט דאָך געהאַט נאָר נאָך
זעקס מאַן.

די אומרויִקייט האָט מיך געצוווּנגען אויפצושטיין. כ׳בין
אַרויסגעגאַנגען. דער ווייסער באַרג איז געווען איינגעהילט אין
אַ שטויב-וואָלקן, אַזוי אַז מ׳האָט נישט געקאָנט קיינזאַך
דערזען גענוי'ער. ביידע אַרטילעריעס האָבן שטאַרק געשאָסן.
דייטשישע אַעראָפּלאַנען זענען אָנגעפלויגן פון הינטן אויף אַ גאַנץ
קליינער הויך. גראַנאַטן זענען געפאַלן אויך אין דער ריכטונג
צו לאַמען.

כ׳בין אַוועק צו דעם איינגעלייגטן שוצגרוב און געפונען
דאָרט נאָך זיבן פּאַטראָנען-קעסטלעך צום קוילנוואַרפער. כ׳האָב
מיטגענומען צוויי און אַהינגעשיקט נאָך די איבעריקע.

— ראַ—ראַממס!

— דאָס איז עפּעס אַ גאַנץ שווערער קאַליבער! — האָט
געזאָגט האַרטנשטיין.

ווייקערטס לייט זענען צוריקגעקומען אָן אַן אָטעם מיט די
פּאַטראָנען-קעסטלעך.

— יעצט הייבן זיי אָן צו שיסן אַהער!

— ראַ—ראַמם!

— צום טייוול! דאָס מיינט מען אונז.

מיר זענען געזעסן און געוואַרט. ס׳איז שוין געווען פינף אַזייגער. — כל־זמן זיי שיסן, וועלן זיי דאָך נישט קומען.

סענדיג האָט געלאָזט מעלדן, אַז זיין וואַכמאַן פּאָרנט איז טויט, און דעם נייעם פּאָסטן האָט ער אַוועקגעשטעלט אין אַ בע־סער געשיצטן אָרט.

— זיי וועלן אונז נאָך דאָ אויך אויסשיסן! — האָט געזאָגט איינער פון וויקערטס לייט.

— האַלט ס׳מויל! — האָט געזאָגט האַרטנשטיין. — מיט דער דאָזיקער פּלוידעריי וועסטו גאָרנישט ענדערן!

דאָס פייער האָט אָנגעהאַלטן. איינמאָל האָט זיך דער גאַנ־צער שוצגרוב אַ טרייסל־געטון.

נאָך אַנדערטהאַלבן שעה איז געוואָרן שטיל. כ׳בין אַרויס־געגאַנגען. נאָר ערגעצווו פּונווייטנס האָבן געדונערט די האַרמאַטן. ס׳איז אָנגעלאָפן אַ שטאַפעט פון לאַמען.

— מיטן אָנקום פון דער דעמערונג זאָלט איר אַרויסרירן. דער הער לייטענאַנט דערוואַרט דיך דאָרט אויבן... איבער די שוואַרצע סאָסנעס!

— אַזוי ווייט פּאָרנט?

— ער האָט מיר געזאָגט: וואָס ווייטער פּאָרנט, אַלץ ווײ־ניקער אַרטילעריש פייער.

VIII

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר גערירט. — הינטער־אונז אין אַ לאַנגער רײ די קוילנוואַרפער. מיר האָבן זיך גערוקט איבער דער צעשאָסענער לאָנקע, און דערנאָך לענגאויס אַ וואַלד־זוים. ס׳איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער. מיטאַמאָל האָבן מיר זיך אַריינגעקריגן אין אַ דראָטנעץ, וואָס מ׳האָט אין וואַלד און אין דער פינצטער כלל נישט געקאָנט זען.

ס'האָט זיך מיר געדוכטן, אַז דאָס וועט נאָר זיין אַ פּאָר־דראָטן. אָבער מיר זענען אַריין אין דער נעץ וואָס אַמאָל טיפער, און דערצו זענען זיי נאָך געווען אַ טייל אָנגעשפּאַנט, אַ טייל ווידער האָבן לויז אַראָפּגעהאָנגען. די נעץ האָט געהאַט אפשר זיבן מעטער די ברייט. די קוילנוואַרפערס, וואָס האָבן זיך גע־רוקט פאַמעלעך, זענען געבליבן ווייט הינטער אונז. איך מיט ישראלן האָבן מיר זיך געלאָזט פאָרויס.

— רען! — האָט עמעץ אויסגערופן פון לינקס. דאָס איז געווען לאַם. ער איז געשטאַנען אין אַ פאַרלאָזענער באַטעריע־שטעל.

— כ'האָב הײנט פון אויבן געזען דאָס פייער בײַ אייך — האָט ער געשעפּטשעט. — כ'האָב געציטערט וועגן אייך. כ'האָב אַרומגערעדט מיטן פּולקאָווניק דידאָזיקע פּאָזיציע דאָ. אָט־דער פּונקט איז אויפן ערשטן בליק ממש משוגע. אָבער וואַרשיינלעך וועלן זיי אונז נישט באַשיסן. די פראַנצויזן טאָרן זיך אָבער בשום אופן נישט דערוויסן, אַז מיר ליגן דאָ. די שכנותדיקע די־וויזיע דאַרף אַרויסרוקן איר פעלדוואַך. די מוזט פעסטשטעלן צי זי האָט עס געטון. אין אַזעלכע זאַכן טרוי איך קיינעם נישט.

דערווייל האָבן די האַרמאַטן רעגלמעסיק געקנאַלט פון הינטן, און די קוילן זענען געפלויגן אין אַ בויגן איבער אונז מיט אַ זינגנדיקן טאָן. די אויפרייסן זענען געווען מאָדנע שטילע, הגם זיי האָבן נישט געקאָנט זיין זייער ווייט פון אונז.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ קוילן? — האָב איך געפרעגט.

— אַך, אַזוי, ווייסטו נאָכנישט דערפון. דאָס זענען די אַ. ג. גרינקרייץ־גראַנאַטן, וואָס זענען אָנגעפילט מיט א געפער־לעכן גאַז. אונזער אַרטילעריע וועט איצט מיט זיי יעדן אָוונט באַשיסן די פאָדערשטע פראַנצויזישע גרובנס.

מיר האָבן פאַרטיילט די שוצגרובנס. דאָרט זענען געווען פיר אַמאָליקע אַרטילעריע־שוצגרובנס, ענגע און שלעכט געבויטע. כ'האָב איבערגענומען דעם ווייטסטן פון רעכטס.

— ס'וועלן נישט אַריין אַלע — האָב איך געזאָגט צו לאַמען.

— כ׳האָב טאַקע אויך אַזוי געטראַכט. די איבריקע וועלן מוזן בלייבן אונטערן פרייען הימל.

— וואָס הייסט?

— קום מיט מיר! זאָל אויך מיטגיין דער באַטרעפנדי־קער גרופּנפירער און דער אָנפירער פון די ל. מ. ג.!

כ׳האָב מיטגענומען ווייקערטן און בראַנדן.

— שטיל! — האָט געפליסטערט לאַם.

מיר זענען אַראָפּגעשטיגן אונטן רעכטס. אין דער העלפט שיפּוע האָבן מיר ווידער אָנגעטראָפן אויף אַ דראָטנעץ. מיר זענען זי דורגעקראָכן פּאָרזיכטיק, גייענדיק איינער הינטערן אַנ־דערן. אונטן האָט זיך געצויגן אַ דורכגאַנג מיט אַ פלאַכן באָדן, וואָס האָט געפירט אויף רעכטס. דאָרט איז געווען פינצטער. אויף דר׳ערד דאָ און דאָרטן איינצלנע גראַנאַטן־טרעכטער צווישן גאַנץ נידריקע סאָסנעס.

— דאָ וועט שטיין די גרופּע און דער לייכטער קוילנ־וואַרפער.

— אָבער וויבאַלד מיר׳ן זיך דאָ איינגראָבן, וועלן די פּראַגנצויזן תיכף וויסן, ווו מיר זענען.

— יאָ, איר מוזט זיך בכן אַזוי איינאָרדענען, אַז ס׳זאָל פונדערהייך אויסזען ווי גראַנאַטן־טרעכטערס.

— הער לייטענאַנט — האָט געזאָגט ווייקערט — מיר האָבן אָבער דאָ אויף רעכטס קיין שום שוץ נישט.

כ׳האָב אַ קוק־געטון אויף דעם רעכטן, שטיילן שיפּוע, מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט דערזען אויף אַ מרחק פון צוואָנציק טריט.

— אָבער צי פאַרשטייט איר נישט? — האָט געפליסטערט לאַם. — פון אויבן. ווו ס׳שטייט רען, זעט מען אינגאַנצן נישט דעמדאָזיקן באָדן. דערפאַר טאַקע האָב איך אייך געשיקט אַהער, כדי איר זאָלט שיצן זיין רעכטן פליגל. און איר קאָנט טאַקע גאָרנישט זען רעכטס, אָבער רען זעט פון אויבן אַלץ ביז צום ווייסן באַרג. ער וועט בכן דאָרט אַוועקשטעלן אַ קוילנוואַרפער ספּעציעל צו אייער שוץ. ער וועט אין אַ נויטפאַל שיסן קווער

איבער אייך. און לאַגגענאָלס פלוטאָן ליגט אויף לינקס אַזוי, אַז ער קאָן באַשיסן די גאַנצע לאָנקע, וואָס שפרייט זיך אויס פאַר רענען. טרעפטעס פלוטאָן מיט צוויי קוילנוואַרפערס שטייט גרייט לעבן מיר, כדי צו ברענגען הילף אין די באַדראָטע ערטער. איר מוזט דאָך האָבן צוטרוי צו מיר!

כ׳האָב זיך פאַרשעמט, וואָס כ׳האָב אַליין נישט באַמערקט דאָס אַלץ.

אַ גרויסע טייל פון דער נאַכט איז אַוועק אויף אויסשטעלן די פאָסטנס און קוילנוואַרפערס. דערנאָך בין איך געגאַנגען מיט ישראלן צו דער שכנותדיקער דיוויזיע. כ׳האָב באַמערקט, אַז די פעלדוואַך איז געווען אַרויסגערוקט קוים אויף צוואָנציק מעטער. מיר זענען בכן געלעגן אַ פינף ביז זעקס הונדערט מעטער אַרויסגערוקט אויף פאָרנט. ווען כ׳בין צוריקגעקומען, איז שוין געהאַט אָנגעקומען דאָס עסן. ישראל האָט דערציילט, אַז אין לאַנגענאָלס פלוטאָן איז געווען צוויי פאַרוווּנדעטע. דערנאָך איז געקומען די צייט, ווען מיר האָבן געמוזט זיין אין פולער גרייט־קייט. ס׳איז נאָך געווען פינצטער. כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם טאָל און געזוכט די באַוואַכטע טרעכטערס.

—פאָרזיכטיק! — האָט פלוצלינג זיך אָפּגערופן אַ שטים הינטער מיר.

כ׳האָב דערזען אין אַ קוסט זיך באַוועגן אַ שטאָלערנער העלם. דאס איז געווען בראַנד׳ס שטים. כ׳האב זיך אנגעבויגן און באַמערקט, אַז דאָס, וואָס כ׳האָב געהאַלטן פאַר אַ קוסט, איז געווען אַ מיט צווייגן פאַרמאַסקירט לאָך. ס׳איז געלעגן דערין באַהאַלטן אַ קוילנוואַרפער.

— ווו זענען די איבריקע? — האָב איך געפרעגט.

— דאָ אונטן. מיר האָבן זיך איינגעגראָבן אין דעם טרעכטער און זיך געמאַכט בענק פון די ברעטער, וואָס זענען איבערגעבליבן אין דער פאַרלאָזענער באַטעריע.

כ׳בין אַוועק טאַפנדיק ווייטער. ווייקערטס טרעכטער איז געווען פאַרברייטערט, אָבער אומפאַרדעקט. דאַקעגן האָבן זיי

דאָרט אויעגעשפּרייט אַ קאָץ אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳האָט באַטאָג
געקאָנט אויסזען ווי אַ שאָטן פון טרעכטער.

דערווייל איז דער הימל בלאַס געוואָרן. כ׳בין אַרויפגעגאַנגען צו דער באַטעריע, וואס האט פון טאָל אויסגעזען ווי אַ באַפּעסטיקטער באַרג.

אונזער שוצגרוב האט געהאַט צוויי אַרויסגענג; איינער פון זיי איז געווען געווענדט צום ווייסן באַרג; דארט האט זיך באַזעצט ישראל און האַרטנשטיין. כ׳האב ביידע שטאַרק ליב געקריגן, באַזונדערס דעם מונטערן ישראל. ער האט גראד געגעסן ברויט און מיר אויך אפגעשניטן אַ שטיקל. דער ווייסער באַרג האט אנגענומען אַ בלאָלעכן אָפּשיין, גלייך ווי ער וואלט געלויכטן פון אינעווייניק. די וועלדער זענען נאָך געווען איינגעהילט אין נאַכט.

— זעט נישט דערדאָזיקער באַרג אויס ווי אַ קעמל? — האָט געפרעגט ישראל.

— דו מיינסט ווי אַ דראָמעדאַר — האָט אים פאַרבעסערט האַרטנשטיין. — זעסט דאָך, אַז ער האָט צוויי הויקערס.

— צי האָסטו אַמאָל געזען אַ דראָמעדאַר? — האָט געפרעגט ישראל נאָך אַ ווײַלע.

— יאָ, אין האַמבורג.

— האָסטו אַ סך אַרומגערייזט?

האַרטנשטיין האָט געגעבן מיט דער האַנט אַ צייכן צו שווייגן. אַ פינקפויגל האָט אָנגעהויבן צו זינגען. ער האָט געמוזט זיצן צווישן די צווייגן פון דער בעריאָזע, וואָס איז געשטאַנען אַ פינף טריט הינטער דעם שוצגרוב.

ישראל האָט געוואָרפן עטלעכע קרישעלעך ברויט אונטערן בוים.

דער פויגל האָט געזונגען.

האַרטנשטיין האָט אַהינגעוואָרפן אַ קליין שטיקל קאָנסערוון-ווורשט.

כ׳האָב באַטראַכט די בעריאָזע. באַם שפּיץ האָט זי שוין געהאַט אַביסל גרינס. — אָבער... צי האָט מען געקאָנט פאַרבייטן

די פּאָסטנס באַטאָג אַזוי, אַז מ׳זאָל זיי נישט זען? כ׳בין אַריי אין שוצגרוב. אַ שמאָלער קאָרידאָר האָט געפירט אין צווייטן חדר, און פון דאָרטן צום הינטערשטן אַרויסגאַנג. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען דאָרטן אַרומעט. פון ווייסן באַרג בין איך געווען געדעקט.

די האַרמאַטן־איינשניטן זענען געווען געדיכט לעבן אייניאַנדער און ענגע. דער פּאָסטן האָט נאָר אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ איבערן וואַל און געזען פאַר זיך דעם טונקעלען וואַלד און די אויפשטייגנדיקע לאָנקע. אָבער דער קיילעכדיקער שטאָלערנער העלם האָט זיך דייטלעך געזען פונוויטנס. אפשר וואָלט גוט געווען צו באַשמירן אים מיט קרייד? אָבער הינטער אונז איז געווען דער טונקעלער וואַלד, אויפן דאָזיקן פאָן וואָלט ער דאַן אַרויסגעטרעטן מיט טאָפּלטער דייטלעכקייט. כ׳האָב אויפגעהויבן עפּעס אַן אָפּגעשאָסענעם בעריאָזע־צווייג און אים אַרומגעוויקלט ארום מיין העלם. דער וואַכמאַן האָט געלאַכט. אָבער די אויפפאַלנדיקע, קיילעכדיקע פאָרם פון העלם איז געווען גאַנץ פאַרדעקט.

די קוילנוואַרפער־פּאָסטנס אין נאָענטסטן איינשניט זענען געשטאַנען צו הויך. כ׳האָב זיי אַוועקגעשטעלט טיפער און געהייסן באַדעקן די קוילנוואַרפערס מיט צווייגן, נישט פרעגנדיק כלל שאַצן. אונטער דעם בעריאָזע־בוים זענען פאַרשווונדן די אָקאָרשט אַהינגעוואָרפענע ברויט־קרישעלעך.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אין מיר האָט זיך געוועקט אַ קליינע בענקשאַפט, אָבער אַ גאַנץ שטילע. זיי וועלן אונז ערשט פאַרבייטן נאָכן אָנגריף פון די פראַנצויזן.

IX

כ׳בין נאָכנישט געהאַט געשלאָפן קיין שעה צייט, ח׳י מ׳האָט מיך ווידער אויפגעוועקט: — דער הער מאַיאָר מיטן לייטענאַנט זענען אינדרויסן.

דער מאַיאָר האָט נאָר געוואָלט באַקוקן די נייע פּאָזיציעס

און פאַראָרדנט, אַז מ׳זאָל באַנאַכט אַרויסשיקן האָרך-פּאָסטנס.
אין אַ ווײַלע אַרום איז ש׳ אַוועקגעגאַנגען.

די לייז האָבן מיך ווידער אָנגעהויבן בייסן. כ׳האָב מיך
אויסגעלויזט און זיך צוריקגעלייגט. אַרום צען אַ זייגער האָט
מיך אויפגעוועקט ישראל:

— אין דעם טאָל אונטן איז עמעצער פאַרווונדעט.

באַם רעכטן אויסגאַנג האָב איך דערהערט פון אונטן איי-
געם יאָמערן. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טון? מען האָט
דאָך באַטאָג נישט געטאָרט אַראָפּגיין אונטן.

אויף דעם ווייסן באַרג און לענגויס די בדייטע ראָון;
הינטער אונז האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע גראַנאַט-במאַרעס.

כ׳בין אַהינגעגאַנגען צום נאָענטסטן פּאָסטן, געהייסן שאַרף
אָבסערווירן דעם לינקן שיפּוע פון ווייסן באַרג און תיכף
מעלדן, ווען ס׳זאָל זיך עפּעס ווייזן.

— צי וואָלט איך נישט געקאָנט באַקומען קיין לאָרנעטע?

— כ׳וועל בעטן אַזעלכע.

כ׳בין אַוועק אויף לינקס.

ס—קראַמם! האָט אַ רויש געטון עפּעס איבער מיר און
אַריין אין באָדן. דאָ איז נאָך דער וואַלד געווען אין אַ גאַנץ
גוטן צושטאַנד.

רעכטס האָט זיך געפונען אַ לאַטרינע מיט אַ קרום אַרונ-
טערגעשאָסענעם דאַך. כ׳בין אַריין אַהין. כ׳האָב נישט געהאַט
קיין אַנדער פּאַפּיר אַחוץ בריוו-בויגעלעך, און מיך אומגעקוקט
נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר. דאָן האָב איך דערזען פון עפּעס אַ הויפן ברוכ-
שטיקער אַרוסשטאַרצן אַ נאַקעטן פוס. ער האָט אויסגעזען געלבלעך.

ס—פּאַרר! שר—קרעפּ!

כ׳בין געלאָפן ווייטער. דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער.
דאָ באַם שיפּוע רעכטס זענען געווען אויסגעגראָבן לעכער;
מ׳האָט דאָרט געזען קאָצן, טאָרניסטערס און גאַזמאַסקעס. לינקס
לעבן אַ הויכן גרוז-הויפן האָב איך דערזען אַ קאָפּ אין אַ שטאָ-
לערנעם העלם. ער האָט מיך דערשטוינט אָנגעקוקט.

— ווו ליגט דער הער לייטענאַנט?

— דאָ!
כ׳בין אַריינגעשפּרונגען אין אַן ענגן דורכגאַנג טרעפּ.
ראַממס!
אונטן האָט עמעצער געפּליסטערט אין דער פינצטער:
— שטילער, דער הער לייטענאַנט שלאָפט!
כ׳האָב זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דעם טונקעלן ליכט.
— זאָג דעם הער לייטענאַנט, ווען ער וועט אויפוואַכן, אַז מיר בעטן אַ לאַרנעטע און אַז אין טאָל ליגט עמעץ פאַרוווּנדעט.
אינדרויסן האָט געקראַכט אומאויפהערלעך. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט, כדי אָפּצוואַרטן ביז דאָס פייער וועט נאָכלאָזן. אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט באַהערשן די אומרויקייט. כ׳בין אַרויסגעלאָפן פון קאָרידאָר, און דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן לויפן לענגאויס דעם שיפּוע. דאָרט איז געווען רויקער. כ׳האָב זיך צוגערשט געשלייכט פּאַמעלעך. אין אַ געוויסן אָרט האָבן מיך פאַרהאַלטן שטעכיקע דראָטן. כ׳בין דורכגעקראָכן איבער זיי פאַרזיכטיק און דערזען ליגן אויף דר׳ערד אַ האַנט. זי איז געווען שוואַרץ און פלאַך, ווי אויסגעשניטן פון לעדער. ס׳האָבן זיך באַוועגט אויף איר קליינע, שוואַרצע זשוקעס: כ׳האָב זיך אָנגעבויגן איבער איר: אפשר האָב איך געקאָנט די האַנט? ניין, זי איז מיר געווען פרעמד.
פאַר מיין שוצגרוב האָב איך באַגעגנט אַ שיסער פון שאַצס אָפּטיילונג. ער האָט אפנים געוואַרט אויף מיר:
— צי וואָלסטו נישט געקאָנט אונז אויפקלערן די לאַגע? שאַץ זאָגט גאָרנישט. ווען זענען מיר אייגנטלעך אונטערגעוואָרפן?
— אויב ס׳גייט דערין, מיר!
— טאָ רעד אַלץ אַרום מיט אונז! שאַץ האָט נישט קיין אַנונג ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט אַ קוילנוואַרפער. ער איז געקומען ערשט נישט לאַנג פון עטאַפּ און אונזער לייטענאַנט ווייסט מסתּם נישט, סאַראַ פאַרשוין דאָס איז.
— כ׳וועל אייך גערן אונטערריכטן אין אַלעם, אָבער

איר מוזט קומען צו מיר. כ׳קאָן דאָך נישט באַפעלן שאַצן, וואָרן ער האָט אַ העכערע ראַנגע פון מיר.

— עט, אַ העכערע ראַנגע! דאָס איז אַ פוילער און אַ פּחדן! מיר ווילן האָבן אַן אָרנטלעכן פירער, דאָס זאָגן אַלע.

כ׳האָב זיך ווידער געלייגט שלאָפן. אָבער באַלד זענען געקומען ביידע ביקסן־פירער. כ׳בין ווידער אויפגעשטאַנען. הלוואי זאָלן די פראַנצויזן באַלד אָנגרייפן, כדי מ׳זאָל אונז ענדלעך פאַרבייטן. דאָס איז שוין געווען נישט צום אויסהאַלטן.

פאַרנאַכטצו האָבן אָנגעהויבן בילן אונזערע האַרמאַטן. כ׳האָב זיך אַרויסגערוקט אויף דער לאָנקע צוזאַמען מיטן האָרך־פּאָסטן. די לבנה האָט געשיינט, די גראַנאַטן־טרעכטערס האָבן געוואָרפן טיפע שאָטנס. אין איין טרעכטער איז געלעגן עמעץ אין אַ שטאָלערנעם העלם, מיט אַ ביקס באַם אָרעם.

— צי האָט מען אַרויסגעשטעלט האָרך־פּאָסטנס? — האָב אים געפּליסטערט.

— ניין.

מיר האָבן זיך דערנענטערט. דאָס איז געווען אַ מת.

אַביסל ווייטער זענען געזעסן אין דעם טרעכטער צוויי, אָנגעלענט אָן דער וואַנט, אויך טויט.

כ׳האָב אַוועקגעשטעלט דעם האָרך־פּאָסטן און זיך געלאָזט צום טאָל.

בראַנד איז געשטאַנען לעבן זיין לאָך און געציטערט איבערן גאַנצן קערפּער.

— וואָס איז מיט דיר?

— כ׳ווייס נישט, ס׳איז שוין זינט עטלעכע טעג אַזוי.

— צי איז דאָ עמעצער פאַרוווּנדעט?

— ניין, דאָס זענען געווען אין באָענטסטן לאָך צוויי. מ׳האָט זיי שוין אַוועקגעפירט אַהינטער.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ווייקערטן. ער איז געזעסן אויף דר׳ערד און געקוקט אויף מיר מיט דערשראָקענע אויגן.

— צי וועט מען אונז נישט פאַרבייטן אינגיכן? כ׳בין

..וזעסן דעם גאַנצן טאָג און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

— ווילסטו, כ'זאָל דיר ברענגען עפּעס צום לייענען?

— ניין, כ'האָב די פּסאַלמען. עפּעס אַנדערש קאָן איך נישט לייענען.

כ'האָב גאָרנישט געקאָנט זאָגן. אָך, ווי ער האָט זיך פאַרענדערט! זיינע אויגאַפּלען זענען געשטאַנען ווייס אין פּנים.

— מיר מוזן אויפשטעלן האָרך־פּאָסטנס! — האָב איך געזאָגט.

ער איז אַרויסגעקראָכן פונם לאָך און געבערענגט צוויי מאַן. מיר האָבן זיך געשלייכט פּאַרזיכטיק מיטן טאָל אויף פּאָרנט צו. דער באָדן האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן און זיך לייכט אַראָפּגעדרייט אויף רעכטס. דאָרט איז געשטאַנען אַן אומהיימלעך שוואַרצער וואַלד. כ'האָב אַוועקגעשטעלט די זעלנער אין צוויי טרעכטערס לעבן איינאַנדער און זיך אַרויסגערוקט מיט ישראלן נאָך ווייטער, כדי אויסצופאָרשן דעם באָדן פאַר אונז.

אויף דר'ערד זענען געלעגן עטלעכע מתים.

דער טאָל איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער.

דאָ זענען געלעגן נאָך מער טויטע.

לינקס זענען געשטאַנען דריי נידריקע הילצערנע בודעס. כ'האָב אַריינגעשיקט אַהין ישראלן און האָב אַליין אָבסערווירט דעם באָדן און דעם טונקעלן וואַלד, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון אונז נאָר אויף עטלעכע טריט. אַרום אונז האָט שרעקלעך געשטונקען.

— דאָרט זענען פאַראַן בלויז מתים — האָט געפּליסטערט ישראל.

— האָט איר מוט נאָך ווייטער מיטצוגיין?

— יאָ. — האָט געפּליסטערט ישראל.

מיר זענען געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם, דאָס געווער גרייט. פּאָרנט איז דער וואַלד געוואָרן שיטערער. אויף רעכטס איז געווען אַ נישט הויכע קאָפּע. כ'האָב זיך אומגעקוקט צו ווייקערטן. ער האָט נאָר געהאַט באַ זיך אַ ליכטפּיסטאָלעט.

— צײ צוריק! — האָב איך געפּליסטערט.

מיר זענען בײדע צוגעקראָכן צום ראַנד פון וואַלד. פאַר אונז איז געלעגן אין לבנה־שײן א לאָנקע, אויף איר עטלעכע ווײסע טרעכטערס.

— דאָרט! — האָט געפּליסטערט ישראל און געטײטלט פּאַרזיכטיק.

כ׳האָב געזען צוויי ווייסע שטרייפן אפשר פירהונדערט מעטער פאַר אונז, וואָס האָבן זיך געצויגן טיף צו אונז צו. דאָס האָבן געמוזט זיין די פראַנצויזישע גרובנס.

— וויבאַלד זיי ליגן אַזוי שיף צו אונז — האָב איך געזאָגט — טאָ וועלן דאָ לינקס נישט זיין קיין פראַנצויזן. מיר׳ן זיך איצט אומקערן אין אַ בויגן אויף לינקס צוריק.

מיר זענען אַרויפגעשטיגן מיטן וואַלד אויבן. אַ געדיכ־טעניש פון צווייגן. צווייגלעך האָבן געטרעשטשעט — ס׳האָט זיך נישט געלאָזט פאַרמיידן.

מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ דראַטנעץ.

— שטיי! ווער איז דארט? — האָט מען געשריגן פון אויבן.

— פּאַטרול רען! — האָב איך געשריגן. ס׳איז מיר געוואָרן זייער אומהיימלעך. כ׳האָב נישט געקענט די שטים, אבער כ׳בין געגאַנגען גאַנץ פּאַוואָליע ווייטער.

— ווער איז דארט? — האָט מען געשריגן פון אויבן.

— רען — האָב איך אפּגעענטפערט. — רען פון דער דריטער קאָמפּאַניע!

— זיי זאָלן נאָר אונז נישט וואַרפן אין די קעפּ קיין האַנטגראַנאַטן! — האָט געפּליסטערט ישראל.

ווער פון אונדזערע איז דא אַזוי ווייט אַוועק? האָב איך געטראַכט. און דאָך מוזן עס זיין דייטשן. כ׳האָב פונאַנדערגע־בויגן די צווייגן. אַ הויכער וואַל גרוז. אויבן איז געשטאַנען עמעצער מיט אַ האַנטגראַנאַט אין דער האַנט.

— לאָזט זיי צוקומען נעענטער! — האָט געפּליסטערט אַן אַנד׳ערע שטים.

— הער פעלדפעבל טרעפּטע! — האָב איך געזאָגט הויך.

אַ צוווייטער איז צוגעקומען צום ראַנד.

— אַך, רען? קומט נאָר ארויף!

אויבן האָב איך געטראָפן אפשר צוועלף מאַן. טרעפּטע האָט מיר דערלאַנגט די האַנט: — ס'איז שיר נישט געווען קיין אומגליק! צי געפינט איר זיך אַזש דארט אונטן?

— ניין, מיר ליגן אין דערדאזיקער ריכטונג... אבער ווי קומט דער הער פעלדפעבל אַזש דא אַהער?

— כ'וועל דא איצט ליגן יעדע נאַכט, לאָקערנדיק אויף פראַנצויזישע פּאַטרולן. ס'זענען נעמלעך פאַראַן סימנים, אַז זיי קומען דא אַהער פון צייט צו צייט.

כ'האָב מיך אומגעקוקט. דאס איז ווידער געווען אַן אַמאָליקע באַטעריע־שטעל. די האַרמאַטן זענען נאך דאָרט געווען, לאַנגע און הויכע קאַנאָנען.

מיר זענען דערנאך אַרויסגעגאַנגען פון הויכן וואַלד אויף אַן אַראָפּפאַלנדיקע לאָנקע. די לבנה איז שוין געשטאַנען נידריק און געמאַכט נאך שוואַרצערע שאטנס אין די גרויסע טרעכטער. דא און דארטן איז געלעגן אַ מת און געשטונקען. אבער די געגנט איז מיר פארגעקומען מאדנע אומבאַקאַנט. דא האָבן ערגעץ געמוזט זיין פונאַנדערגעשטעלט אונזערע האָרך־פּאָסטנס. מיר זענען געגאַנגען לאַנגזאַם און אַריינגעבליקט אין איטלעכן טרעכטער.

— דארט ליגט אונזערס אַ פּאָסטן – האָב איך געפּליסטעו'ט.

מיר זענען צוגעגאַנגען צום טרעכטער, אין וועלכן ער איז געלעגן.

— פאַר אונז אין וואַלד געפינט זיך טרעפּטעס פּלוטאָן — האָב איך געזאָגט צום וואַכמאַן.

ער האָט נישט געענטפערט. כ'האָב מיך אָנגעבויגן. ער האָט געשטונקען.

מיר האָבן לסוף געפונען אונזער האָרך־פּאָסטן עטוואָס ווייטער רעכטס.

כ'בין אַוועק אין שוצגרוב און אנגעצייכנט אַ סקיץ, וואָס האָט אילוסטרירט דעם רעזולטאַט פון אונזער אויסשפּירונג. דעם

סאל רעכטס, אין וועלכן ס׳איז געלעגן ווייכערט, האב איך אנ־גערופן מתים־טאל און די בודעס ווייטער פארנט — מתים־בודעס. פיטאַמאָל איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווייקערטס לייט קאָנען אנ־נעמען דעמדאזיקן נאמען פאַר אַ שלעכטן סימן, מחמת זיי זענען אַליין גראָד געלעגן אין מתים־טאָל. כ׳האָב בכן אויסגעשטראָכן דעם נאָמען און אָנגערופן דעם טאָל נאָך אונזער פויגל — דער פינקפויגל־טאָל.

ס׳איז אַריינגעקומען ווייקערט.

— הער, וואָס מיר האָט פּאַסירט! בעת כ׳האָב זיך אומ־געקערט פון פאָרנט, באַוואָפנט נאָר מיטן ליכטפּיסטאָלעט און זיך דערנענטערט צו די מתים, גיב איך אַ קוק, און אָט הויבט זיך איינער פון די מתים אונטער. איך בלייב שטיין. ער שלייכט זיך פּאָרזיכטיק צום וואַלד צו און פאַרשווינדט אין דער ריכטונג פון די פּראָנצוויזן.

— איז ער געווען באַוואָפנט?

— שיינט מיר, אַז נישט.

— אַלמאַי האָסטו אים ווייניקסטנס נישט מכבד געווען מיט אַ ליכטקויל?

— כ׳האָב טאַקע געטראַכט וועגן דעם, אָבער דערנאָך האָב איך מיר איבערגעקלערט, אַז ער וועט זיכער נישט זיין אַליין.

X

פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ שטילער רעגן. מיר האָבן אַהינגעוואָרפן דעם פינקפויגל קרישלעך ברויט. דערנאָך האָט אויך אָנגעהויבן צו זינגען אַ דראָזד־פויגל. איך בין געווען טרויעריק. מיינע אָרעמע מענטשן אין די לעכער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ! דערצו איז געווען קאַלט.

דער טאָג איז דורכגעגאַנגען רויק. נאָר אויפן ווייסן באַרג, וואָס איז געוואָרן מיטן יעדן טאָג פליכיקער, האָט געדונערט, ס׳איז אויך פאַרשוונדן דאָס ביסל גרינס אויף די שיפּועים.

כ׳בין געשלאָפן אומגעשטערט אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד.

אויפֿצומאָרגנס פֿאַרטאָג האָט ווידער גערעגנט. דערנאָך האָט זיך באַוויזן די זון, אָבער מיט איר צוזאַמען פֿראַנצויזישע אַרטילעריע-פֿליער. מ׳האָט באַשאָסן די באַטעריע אונטן, אין וועלכער מיר זענען געלעגן פֿריער, ווי אויך דעם טאָל הינטער אונז און דעם גרויסן, ווייסן גרובן, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש ביזן ווייסן באַרג.

ס׳איז אָנגעקומען אַ שליח: — דער הער לייטענאַנט פֿרעגט, וואָס ס׳הערט זיך באַ אײַך. דער לינקער טייל פֿון פֿולק-אָפּשניט געפֿינט זיך אין אַ הוראַגאַן-פֿייער. באַ דער צענטער קאָמפּאַניע זענען צוויי אָפֿיצירן פֿאַרוווּנדעט.

— דאָ איז רויק.

ס׳האָבן מיך געפּלאָגט די לייז. כ׳האָב געוואָלט וואַכן און גענומען אין האַנט אַרײַן דעם דורך לאַמען געשענקטן בוך. אָבער כ׳האָב בלויז סילאַביזירט און גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב געטראַכט וועגן די מענטשן אונטן אין טאָל. זיי זענען נאָר געווען צוויי אין דעם לאָך און געמוזט נאָכאַנאַנד וואַכן בייטנדיק זיך, און ווען מ׳האָט געדאַרפֿט גיין נאָך עסן, איז נאָר געבליבן איינער. און זיי האָבן זיך נישט געקלאָגט צומאָל!

דאָס לייענען האָט מיך געמאַטערט. כהאָב עס צוגעמאַכט און מיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּריטשע. כ׳האָב נישט געוואָלט אַנטשלאָפֿן ווערן.

— — — — — — — — — — — —

פֿאַר לאַנגעוואָלס פּלוטאָן גרייפֿן זיי אָן! זיי זענען אָבער אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דער הער לייטענאַנט קומט אָן מיט טרעפּטעס פּלוטאָן.

כ׳בין אויפֿגעשפּרונגען.

— אַלע גרייטן זיך!

כ׳האָב אַ כאַפּ געטון די ביקס און די גאַזמאַסקע און אַרויסגעלאָפֿן.

דער ווייסער באַרג איז געווען איין וואָלק-שטויב.

— אַלאַרמירן אַלע און באַזעצן! — האָב איך אַראָפּגעשריגן אין שוצגרוב אַרײַן.

כ׳בין אַוועקגעלאָפן צו די קוילנוואַרפערס.

פון לינקס האבן זיך אויפגעהויבן איבערן וואַלד רויטע ליכט־קוילן. פארנט האט מען גארנישט געזען.

אונזער אַרטילעריע האט געוואָיעט און געמרוטשעט פון הינטער די הויכעגישן.

מיר האבן זיך אומגעקערט אין די שוצגריבער
אלע האבן געפלוידערט איינער איבערן אַנדערן.

ווידער איז אנגעלאָפן אַ שטאַפעט: — דער הער לייטענאַנט לאזט צו וויסן טון, אַז די פראַנצויזן האבן זיך אַריינגעריסן לינקס אין די שוצגריבער. אבער זיי זענען געווארן אומעטום אפגעשטויסן אין אנגריף. וועגן דער שכנותדיקער דיוויזיע איז נישטא קיין שום ידיעה. מיטן אנקום פון דער נאַכט דאַרף מען גלייך שאַפן פאַרבינדונג!

אין אוונט האב איך מיך אַרויסגעקליבן מיט ישראלן אויפן וועג. ס׳איז געווען אַ לייכטער נעפל, דערביי אבער העל. כ׳האב געוואלט אויספירן דעם גרובן, וואס האט געפירט פון דער שכנותדיקער פעלד־וואַך אויף פארנטצו, אַזש ביז אַרויף צו אונזערע פּאָזיציעס. מיר זענען געגאַנגען דורכן טאָל און אויף דער אַנדער זייט דורך אַ קליין בעריאָזן־וועלדל.

— פונדאַנען אן פארזיכטיק! — האב איך געפליסטערט צו ישראלן. — ס׳וואלט מיך פארט געוווּנדערט, ווען די פראַנצויזן זאל זיך נישט איינגעבן באַם היינטיקן אנגריף זיך אַרויסצורוקן טיף אין אונזערע פאזיציעס אַריין!

מיר האבן זיך געשלייכט טריט באַ טריט, מיט די אויגן אַריינגעבויערט אין דער פינצטערניש.

דער גרובן האט זיך געפונען נאר צוואנציק טריט פון דעם בעריאָזע־וועלדל. קיינזאַך האט זיך נישט באַוועגט.

מיר זענען צוגעקומען צום גרובן און אַריינגעקוקט אינע־ווייניק.

באַ דער וואַנט פון שוצגרוב זענען געשטאַנען אָנגעלענט ביקסן, דייטשישע ביקסן לערך צוואנציק שטיק, צי איז פאַראַן

אין דער נאָענט עפּעס אַ פעלדוואַך? און פאַרוואס שטעלט זי דא אַוועק די ביקסן?

כ'האָב אַוועקגעצויגן ישראלן אָן אַ זייט.

דאָס איז מיר שטאַרק פאַרדעכטיק. — כ'קאָן מיר אבע' נישט דערקלערן, פאַרוואס... גיי דו לענגאויס דעם וועלדל, און איך וועל גיין לעבן גרובן.

— כ'וועל גיין מיט דיר — האט ער געפּליסטערט.

כ'האָב געשפּירט, אַז כ'פאַרליר די זיכערקייט.

— ניין — האָב איך אבער געזאגט — דו נוצסט מיר דאָ גארנישט. גיי דארט אַרום!

ער האט געפאלגט.

כ'האָב זיך געשלייכט לענגאויס דעם גרובן, נישט קאָנענדיק זיך באַפרייען פון אַ געפיל פון כסדרדיקן פחד. צי האָט דאָס געזאָלט זיין אַן התראה? אָבער סאַראַ שטותים!

די לופט איז געווען צו פאַרנעפּלט, כדי צו זען דעם גרובן־אָפּשניט הינטער אונז. ער האָט אָבער געמוזט זיין אין אונזער האַנט; אַנדערש וואָלט שוין לאַם זיך געווען דערוווסט און אונז מיטגעטיילט.

דאָס וועלדל האָט זיך געענדיקט. ישראל האָט זיך דער־נענטערט צו מיר, ער האָט אויך אויסגעזען צו זיין אומרויק.

מיר האבן זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו ס'האט געדאַרפט ליגן די פעלדוואַך. דארט איז קיינער נישט געווען. אין גרובן איז געלעגן בלויז אַ טארניסטער און עטלעכע האנט־גראַנאַטן.

מיר זענען בכן אַוועק צום ארט, ווו ס'האט זיך פריער געפונען די פעלד־וואַך. אויך דארט האבן מיר קיינעם נישט געטראפן. מיר האבן זיך אומגעקערט צום ווייסן גרובן.

— לאָמיר זיך אומקערן צום נאנטסטן פאסטן פון אונזער פולק.

דער וואַכמאַן האָט אונז אינפאָרמירט, אַז די שכנותדיקע דיוויזיע ליגט אין זעלביקן גרובן, ווו ער האָט זיך געפונען פריער, אַ פופציק מעטער פונדאַנען וועלן מיר באַגעגענען דעם באָנטסטן פלוטאָנפירער.

מיר זענען געגאַנגען מיטן גרויבן פּאָרויס.

ס'איז אונז אַרויס אַקעגן אַ פעלדפעבל מיט צוויי מאַן.

— אַלס [illegible]בינדונגס־פּאַטרול! — האָב איך געמאָלדן. — ווייסט דער הער פעלדפעבל, ווו ס'געפינט זיך די הויפט־וואַך, וואָס איז געלעגן דאָ פאָרנט?

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי: — פון וואַנען קומט איר?

— פון דאָרטן טאַקע.

— און איז זי שוין דאָרט נישטאָ? — האָט ער געפרעגט איבערגעשראָקן.

—ניין, מיר האָבן נאָר געפונען ביקסן.

— ווילט איר מיר דאָס ווייזן?

— יאָ, הער פעלדפעבל.

ער איז געגאַנגען האַסטיק פאָרויס. מיר זענען צוגעקומען צום אָרט, ווו ס'איז געלעגן דער טאָרניסטער און די האַנט־גראַנאַטן. ער האָט זיך שווייגנדיק אַרומגעקוקט.

— און ווו זענען די ביקסן?

— דאָרט ווייטער, הער פעלדפעבל.

ער איז געגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער פאָרויס. ער איז געבליבן שטיין באַ די ביקסן און זיך געווענדט צו זיינע מענטשן: — נעמט מיט ביקסן, וויפל איינער קאָן, איך גיי נאָך אייך.

ער האָט געקוקט אַ שווייגנדיקער, ווי זיי זענען אַוועק באַלאָדנטע מיט ביקסן.

— וווהין גייט איר איצט? — האָט ער נעפרעגט.

— דאָרט אַהין. — כ'האָב געוויזן אויף לינקס.

— און צוואָס?

— דאָרט געפינט זיך מיין פלוטאָן.

— אַך, איר זענט פלוטאָנפירער?.. אויב אַזוי קאָן מען רעדן אַ פּאָר אָפענע ווערטער. איז דערדאָזיקער מענטש זיכער? — ער האָט געקוקט חשדפול אויף ישראלן.

— אוטבאַדינגט זיכער, הער פעלדפעבל. — כ'האָב נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער פראַגע.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון גרובן און אונז אָפּגעפירט אַ שטיקל וועגס.

— איר מוזט מיר מזל זיין מיין אומצוטרוי, איך שטאַם פון מזרח-פרייסן, אָבער מיינע לייט זענען ס'רוב עלזאַסער. צי ווייסט איר וואָס ס'באַטייטן דידאַזיקע ביקסן? די כּלבים זענען אַריבערגעלאָפן צו די פראַנצויזן! — ער האָט אויסגעשפּיגן. — דאָס פאַרשטייט נישט קיינער, ווער ס'האָט זיך אַליין נישט איבערצייגט, וואָס ס'הייסט נישט טרויען זיינע אייגענע מענטשן! די צוויי, וואָס כ'האָב אַוועקגעשיקט מיט די ביקסן, געהערן אויך צו דערדאָזיקער באַנדע! איך אַליין וואָלט אויך גערן אַנטלאָפן אָבער נישט צו די פראַנצויזן, נאָר צו אייך. ווען כ'וועל איצט קומען צו מיין קאָמפּאַניע-פירער, וועל איך אים מוזן זאָגן: מיין פלוטאָן האָט געמאַאַנט ויברח! ווּהין דאָס? אָך, צו אַלדי רוחות! ער האָט ווידער כגענומען שפייען, אַז ס'האָט אים אַזש פאַרפעלט סלינע. — זאָל גאָט באַשירמען דייטשלאַנד! — ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק מיט לאַנגע טריט.

אונזער אַרטילעריע האָט געשאָסן לעבהאַפטיק פון פאַר-נאַכט אָן. דער ווינט האָט געבלאָזן צו אונז. מיר זענען אַריין אין טאַל, דאַסמאָל פון הינטן, ס'האָט געשטונקען וואָס אַמאָל שטאַרקער.

— דאָס מוז דאָך זיין דער גאַז פון אונזערע אייגענע גראַנאַטן — האָט געזאָגט ישראל.

ווייקערט און זיינע מענטשן האָבן געהאַט אַרויפגעזעצט גאַז-מאַסקעס; זיי האָבן אויסגעזען אין זיי ווי די מאַלפּעס.

אויבן באַ דער באַטעריע האָט מען נישט אַזוי געשפּירט דעם גאַז.

לאַם האָט שוין געוואַרט אויף מיר. מיין מעלדונג וועגן די איבערלויפערס האָט אים קענטיק באַאומרויִקט.

— אויך איך האָב פאַר דיר אַ נישט אנגענעמע ידיעה. פאַרטאָג דאַרפן אנקומען צו אונז פ רשטאַרקונגען.

— מיט וואס איז דאס אַן אומאָנגענאַמע ידיעה?

— נו, ערשטנס איז עס גאַנץ פּריקרע איינצוגלידערן פאַרשטאַרקונגען, בעת מ׳ליגט אין גראַנאַטן־טרעכטערס. טו נאר אַ טראַכט, עס קומען אָן מענטשן, זיי הערן אין דער פינצטער עטלעכע שטימען און מ׳שטופּט זיי אַריין אין די לעכער. און איך קאָן זיי נישט צומאל נישט זען, נישט הערן. זיי זענען מיר לגמרי פרעמד. און צווייטנס: וויבאַלד מ׳זאָל אונז פאַר־בייטן אין דער נאָענטסטער צייט, וואלט מען איינגעגלידערט די פאַרשטאַרקונגען ערשט נאך אונזער צוריקקער, פאַרשטייסטו עס שוין?

כ׳האב נישט געזאגט קיינעם דערפון, אפילו נישט דעם גרופּנפירער.

אונזער אַרטילעריע האט אויפגעהערט צו שיסן. דאך איז דער גאַז־גערוך נאך געווען גאַנץ שטאַרק.

פון טרעפּטעס פלוטאן איז אנגעקומען אַ ידיעה, אַז מיט אַ שעה צוריק האט אַ פראַנצויזישער פּאַטרול באַווארפן מיט גראַנאַטן די באַטעריע, וואס געפינט זיך פאַר אונז.

די עסן־ברענגער זענען צוריקגעקומען אָן וואָלפן. ער איז געווארן אויפן וועג לייכט פאַרוואונדעט.

— ווער וועט איצט זיין דער צווייטער שליח? — האט געפרעגט ישראל.

— כ׳וועל וועגן דעם אַ טראַכט טון.

— אפשר וועל איך נעמען איינעם פון די פריש־אנקו־מענדיקע.

ס׳איז ביסלעכווייז העל געווארן.

ס׳איז אנגעלאפן אַ שליח: — צום הער לייטענאַנט!

ער האט מיך אינפאָרמירט אויפן וועג: די פאַרשטאַר־קונגען זענען דאָ. דאס איז אבער אַ באַנדע! איין דריטל האט געמאַכט פּליטה ערגעץ אויפן וועג. און די איבריקע!..

כ׳האב געטראפן לאַמען פאַרן שוצגרוב אין דער גענעל־שאַפט פון עפּעס אַן עלטערן ווי־צעפעלדפעבל מיט אַראָפּגעהאַנ־גענע ליפּן; לעבן אים איז געשטאַנען אפשר צוואַנציק מענטשן.

— די פאַרשטאַרקונגען זענען אקאַרשט אָנגעקומען — האָט געזאָגט לאַם מיט אַ פאַרדראָסיקער מינע. — איצט קאָן איך שוין קיינעם נישט שיקן אין די לעכער. אין די שוצגרובנס איז נישטאָ פאַר זיי קיין אָרט. וויפל האָבן נאָך באַ דיר פלאַץ?

איצט וועט דער וויצעפעלדפעבל איבערנעמען מיין פלוטאָן, האָב איך געטראַכט. אָבער דערדאָזיקער מענטש קאָן זיך דאָך געוויס אויף גאָרנישט. דאָס זעט מען אָן אים אָן.

— נו, זיי וועלן מוזן אַריין צו מיר. — כ'האָב שוין נישט געהאַט קיין כוח צו פרעגן, ווי מ'דאַרף דורכפירן די נייע פאַרטיילונג פונעם פלוטאָן.

— וועסטו בכן קריגן אַלע אין דיין פלוטאָן אַריין — האָט לאַם געזאָגט מונטער. — דער וויצעפעלדפעבל זאַנדקאָרן וועט דיר ווערן צוגעטיילט אַלס פּראָוויאַנט-אונטעראָפיציר. כ'פאַרהאָף, אַז כ'וועל אים קאָנען שפּעטער פאַרווענדן צו אַנדערע צוועקן, ווען ער וועט זיך באַקענען מיט די פאַרהעלטנישן.

כ'האָב אָנגעקוקט אומדרייסט לאַמען.

— ווי זאָל איך זיי באַלד דאָ איינטיילן? — האָב איך געלאַכט. — באַ מיר גייט עס נישט עפּעס אַזוי...

— טו ווי דו ווילסט — האָט זיך לאַם צעשמייכלט. ער האָט זיכער באַמערקט, וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען.

— צי עמעצער פון אייך קאָן זיך אויף שווערן אָדער לייכטן מאַשינגעווער?

ס'זענען אַרויסגעטרעטן דריי.

— צי האָט עמעצער געהאַט נאָך עפּעס אַ ספּעציעלע שטעלונג?

ס'איז אַרויסגעטרעטן אַ קליינער, אָבער זייער ברייטער מענטש און געזאָגט מיט אַ גאַנץ לאַנגזאַמער, ווייַנענדיקער שטים:

— יעפרייטער פונקע, כ'בין געווען במשך צוויי יאָר אָרדינאַנס באַם קאָמפּאַניע-פירער.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט זיך צעשטראַלט זיין ברייט, שמוציק פּניב, און פון דער נאָז האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ טראָפּן.

ער האט אים אוועקגעווישט מיט דער אויבערפלאַך פון דער האַנט. כ'האב זיך נישט ווילנדיק צעלאַכט, און אַלע אַרום האבן מיטגעלאַכט. ער האט קענטיק אויפגענומען אונזער געלעכטער נאר אַלס צייכן פון פריינטלעכקייט, און האט זיך נאָך מער צעשמייכלט. כ'האב זיך איבערגעקלערט. ער האט מינדעסטנס פערציק יאר, און מוז אויך זיין אַ פּעיקער, ווײַבאַלד דער קאָמפּאַניע־פירער האט אים געהאַלטן אַזוי לאַנג.

— איר וועט זיין מיין שליח.

XI

נאכמיטאָג בין איך געזעסן מיט ישראלן און האַרטנשטיינען באַם אַרויסגאַנג פונם שוצגרוב אין דער ריכטונג פון ווייסן באַרג. נאָר פונדערווייטנס האט מען געשאסן ערגיצוו. אפשר זענען דאס געווען די לעצטע קאַמפן פון דערדאזיקער אפענסיווע?

מיר האבן אַהינגעווארפן ברעקלעך ברויט אונזערע פייגל. ס'איז געווען טרוקן און שטויביק. די יינגע בעריאָזן־בלעטלעך האבן אויסגעזען גרא. איבערן ווייסן באַרג האט זיך געטראגן אַ גרויסער וואלקן, ענלעך צו אַ גראען פּאַראַסאָל; פון אים זענען אַרונטערגעפאַלן דיקע טראפּנס אין דעם שטויב אַריין.

האַרטנשטיין האט דאס אַלץ באַאָבאַכט שווייגנדיק, מיט אַ פּאר טונקעלע קנייטשן איבער דער נאז.

ישראל האט צונויפגעצויגן דעם שטערן:

— די נייע לייט האבן דיך ליב, רען.

— זיי קענען דאך מיך נאכנישט.

— אבער פּארט, ווייל דו האסט געמאַכט פּאַר דיין שליח דעם פּאטער פונקע.

עמעצער איז אַרויף מיט די טרעפּ.

— גוטן טאג, רען. — לאַם האט זיך צוגעזעצט צו אונז. ער האט אויסגעזען בלאַס, אבער מונטער.

— דו מוזט מיר ווייזן געגנוי, וואס עס הערט זיך מיטן

וויסן באַרג. כ'האָב נעמלעך געמאלדן, אַז דאָרט זיצן די פראַנצויזן. דיזאיקע מעלדונג איז אַוועקגעגאַנגען צו דער דיוויזיע, אָבער ס'איז צוריקגעקומען אַ תשובה, אַז די מעלדונג שטימט נישט; דער גאַנצער באַרג זאָל נעמלעך זיין אין אונזער האַנט.

— דאָס איז נישט אמת! זעסטו דעם ראָוו צווישן ביידע קאָפּעס? דאָס איז די ערשטע ליניע פון די פראַנצויזן.

— ווי אַזוי־זשע האָבן זיי געקאָנט זאָגן, אַז זיי האָבן דעם גאַנצן באַרג? דאָס איז דאָך אַ בפירושער ליגן. אונזער אַרטילעריע שיסט דאָך כסדר אויף דער לינקער קאָפּע!

לאַם האָט אַהינגעקוקט אַ פאַרטראַכטער:

— דו האָסט מסתם קיינמאָל נישט נאָכגעטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז מעגלעך אַזאַ מעלדונג? הינטן,ביים שטאַב, ווייסן זיי דאָך נישט, ווי ס'זעט אויס אויפן פראָנט.

— צי שיקן זיי קיינעם נישט אַרויס?

— האָסטו שוין אַמאָל געזען באַ אונז עמעצן? און איבריקנס, אויך דאָס וואָלט גאָרנישט געהאָלפן. טו נאָר אַ טראַכט, אַז עמעצער זאָל דאָ אַהערקומען. דאָס אַלץ וואָלט זיך אים אויסגעוויזן ווי גלייכגילטיקע פעלדער און וועלדער. און ווען מיר וואָלטן אים נישט געוואָלט עפּעס ווייזן, וואָלטן מיר געזאָגט פּשוט: ס'איז דאָרט געפערלעך, אָדער: דאָרט קאָן מען נישט אַהינגיין באַטאָג.

אָבער דאָס מיליטער מוז דאָך מעלדן גענוי.

— זיי טוען דאָס אָבער נישט.

— כ'פאַרשטיי נישט פאַרוואָס?

— לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס מיליטער האָט געמאָלדן, אַז זי האָט באַזעצט איין שוצגרובן. ס'וואָלט אָנגעקומען תיכף אַ באַפעל, צו באַזעצן אויך די אַנדערע. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ משוגעת, מחמת קיינער וואָלט זיך דאָרט נישט געקאָנט דערהאַלטן אונטערן פייער פון דער פיינטלעכער אַרטילעריע.

— דאָס קאָן מיר גאָרנישט אַריין אין קאָפּ.

— מילא, ס'איז אָבער פאָרט אַזוי.

— צי אין יאָר 1914 איז אויך אַזוי געווען?

— זיכער נישט. דעמאָלט האָט נאָכנישט עקזיסטירט קיין שנאה צווישן פראָנט און די פון הינטן.

— אָבער ווער איז שולדיק אין דער שנאה?

—ביידע. יענע פון הינטן האָבן אויפגעהערט צו פאַר־שטיין דאָס מיליטער, זיגט די מלחמה איז געוואָרן אַ פּאָזיציע־מלחמה, און דאָס פראָנט־מיליטער האַלט, אַז עס ווייסט אַלצדינג בעסער און וויל נישט מער האָרכן, מחמת עס ברענגט דאָך די קרבנות.

דעמדאָזיקן טאָג און אויפצומאָרגנס בין איך געווען אין אַן אָנגעכמורעטער שטימונג. כ׳האָב זיך באַמיט אויסצושטרייכן פון זכרון דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט.

כ׳האָב מורא געהאַט זיך מודה צו זיין, אַז דאָס זענען געווען סימנים פון ירידה.

XII

מ׳האָט געשאָסן ווייניק. אָבער כ׳האָב ווידער געהאַט פאַר־לוסטן אונטן אין טאָל. אַ שפּליטער פון אַ גראַנאַט האָט גע־טראָפן אין קוילנוואַרפער, אַזוי אַז דאָס וואַסער איז אויסגע־רונען. מ׳האָט אים געדאַרפט אָפּשיקן צום פאַרריכטן. ווייקערט איז געווען אָפּגעמאַטערט און אויסגעזען ווי אַ שווינדזיכטיקער. בראַנד האָט כסדר געציטערט און די אויגן זענען אים ווייס געוואָרן, אָבער ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. כ׳האָב דעמדאָזיקן יינגל זייער ליב געקריגן.

איינמאָל ביינאַכט איז אָנגעקומען לאַם און געפרעגט שאַרף:

— וווּ איז בראַנד?

— אונטן אין טאָל.

— פיר מיך אַהין!

די לבנה האָט געשיינט העל. כ׳בין געגאַנגען פאָרויס. וואָס האָט ער געהאַט אַזוינס צו בראַנדן? וואָס האָב איך גע־זאָלט לאַמען זאָגן, וויבאַלד ער זאָל האָבן עפּעס קעגן אים? לאַם האָט אויסגעזען צו זיין אין כעס.

— דאָ! — האָב איך געפּליסטערט.

פון דעם צווייגן-לאַבירינט האָט נאָר אַרויסגעקוקט אַ שטאָ-לערנער העלם.

— איר זענט בראַנד?

— ניין, הער לייטענאַנט!.. עמיל, קום נאָר אַרויף! דער הער לייטענאַנט וויל מיט דיר רעדן.

עפּעס אַ שאָרכן אונטן. פון צווישן די צווייגן האָט אויפ-געטויכט בראַנדס קאָפּ; ער האָט שנעל פאַרשפּיליעט דעם קאָל-נער.

— אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער האָט אייך דער גענעראַל-קאָמאַנדיר באַשאָנקען מיטן אייזערנעם קרייץ. איר האָט עס זיך כשר פאַרדינט.

לאַם האָט אים דערלאַנגט די האַנט. בראַנד האָט זי שרע-קעוודיק אָנגענומען און זי צוריק אָפּגעלאָזט.

— נעמט נאָר אויך דעם אייזערנעם קרייץ — האָט געלאַכט לאַם. בראַנד האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אים.

די איבריקע מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין לאָך, האָבן אים געווונטשן גליק.

— שטילערטס! — האָט געלאַכט לאַם. — איר וועט נאָך אויפוועקן אַלע פראַנצויזן.

לאַם האָט מיך אַוועקגעפירט אָן אַ זייט: — און איצט צום אַנדערן. ווען כ'האָב אָנגעהויבן מיין שפּרונג, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'רעד עפּעס שרעקלעך נאַרישס.

— די מענטשן וועלן דיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דו האָסט זיי אַזש דאָ געבראַכט אייזערנע קרייצן!

באַגינען איז געווען אַ נעפּל. כ'בין געגאַנגען לענגאויס דעם שיפּוע.

אין מיין באַטעריע האָב איך געזען סענדיגן זיצן אויף די טרעפּ און שרייבן אַ בריוו.

— דו! — האָב איך געזאָגט און מיך געזעצט אויפן אויבערשטן טרעפּל.

— היינט איגאָונט מוזטו...

קראַמם...

ס'דאַט מיר אַ גריליץ-געטון אין די אויערן. האָלץ-שפּליטערס זענען געפלויגן אַרום. דער גראַנאַט האָט אויפגעריסן האַרט אי-בער מיין קאָפּ. סענדיג איז אַראָפּגעפאָרן איבער די שטיגן. איך האָב זיך נאָך אים אַראָפּגעגליטשט. ער האָט אַרויפגעקוקט צו מיר.

— דו מוזט היינט אָוונט...

— העד נאַר! — האָט מיר איבערגעריסן סענדיג — צי ווייסטו אייגנטלעך, אַז אַלע זאָגן, אַז ביזט אומפאַרוווּנדבאַר? איצט הויב איך אויך שוין אַליין אָן צו גלויבן דערין. האָט עס דיר באמת גאָרנישט געטון?

— ניין — כ'האָב זיך אַרומגעקוקט. — דאָך, ס'האָט צעבראָכן די קאָלבע פון מיין ביקס.

סענדיג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: — דאָס איז אומדערהערט! דאָס איז אומדערהערט!

— איצט לאָז מיך דערענדיקן מיינע רייד! ובכן, דו וועסט היינט באַנאַכט פאַרבייטן ווייקערטן. דו וועסט האָבן אַ בעסערן פּאָסטן, ווי ער, מחמת דאָס וועטער איז איצט אַ וואַרעמערס, די טרעכטערס ווידער זענען שוין איינגעריכטעט.

— דו דאַרפסט זיך נישט אַנטשולדיקן, כ'וועל עס גערן טון.

כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט. פון די גראַנאַטן-דעטאָנאַציעס האָט געהודזשעט דער שוצגרובן אַרום מיר ווי אַ מושל. כ'האָב געגעניצט, און דערביי האָט מיר נאָכמער געזשוישט אין די אויערן. כ'האָב זיך באַמיט איינצושלאָפן. די לייז האָבן מיך געפּלאָגט. איצט לאָזן זיך אויך מיינע כּוחות אויס. דריי וואָכן דאָ אויפן פראָנט, באַנאַכט אַ כסדרדיק אַרומלויפן, און באַטאָג אַלע ווייל־ע אַלאַרמען.

כ'בין געלעגן וואַך. צו מיטאָג בין איך אויפגעשטאַנען, כּדי עפּעס טועם צו זיין. אָבער ס'האָט מיך נישט געהונגערט.

— וואָס איז מיט דיין ביקס? — האָט געפרעגט ישראל.

— אַך, גאָרנישט, מ'וועט דאַרפן זוכן אַ נייע. אינדרויסן ליגט דאָך אַ גאַנצע קופּע.

— און ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— אַך, לאָז מיך געמאַך!

כ׳האָב מיך ווידער אַרויפגעוואָרפן אויפן געלעגער.

פונקע האָט פאַרוויכערט אַ ציגאַר — ער פלעגט אים צו קייען אין די ציין — און דערציילט:

— מיין קאָמפּאַניע־פירער פלעגט תמיד זאָגן: אַז מ׳דאַרף זיך נישט אומנויטיק איינשטעלן אין סכנה. אָבער ווען ס׳איז געקומען דערצו, איז ער געשטאַנען ווי אַ מויער, הגם מ׳האָט אַרום און אַרום מי יודע ווי געשאָסן. דאָס איז טאַקע געווען אַ פיינער מאַן. און ווי ער האָט זיך דאָס געקאָנט אומגיין מיט מענטשן! נו, איך בין נאָר סטאָלער, און דאָס איז דאָך געווען אַ פאָרנעמער מאַן — הגם ער האָט נישט געשטאַמט פון אַדעל — אָבער אַזאַ פאָרנעמער מאַן — —

כ׳האָב געהערט דאָס אַלץ, הגם ס׳האָט מיך פיינלעך געלאַנגווייליגט. און דאָך האָב איך אים האָלט געהאַט צוליב זיין גוט הארץ. לסוף בין איך האַלב איינגעשלאָפן.

פון אויבן האָט מען אויסגעשריגן: — די פראַנצויזן אויפן ווייסן באַרג גרייטן זיך צום אָנגריף!

כ׳בין אויפגעשפרונגען און דערשפירט אַ שטאַרקן ווייטיק אין דער ברוסט.

גרייטן זיך! בלייבן אונטן! ישראל צום הער לייטענאַנט מיט אַ מעלדונג!

כ׳האָב אָנגעטון די גאַזמאַסקע און בין אַרויף מיט די טרעפּ, וואָס פירן צום ווייסן באַרג. כ׳האָב געשפירט אַ ווייטיק באַ יעדן אָטעם־צי.

אויפן ווייסן באַרג האָט מען נישט געזען גאָרנישט אַחוץ נעפּל, דורך וועלכן ס׳האָט געבלענדט די זון.

ס—קראַמם! — ס—קראַמם! איז געפאַלן הינטער אונז. איינצלנע ביקסן־שאָסן פונווייטנס. קוילנוואַרפערס האָבן געקלאַפּט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי שיסן אין אונזער ריכטונג. אויפן דייטשישן אָפּהאַנג פון באַרג האָבן זיך נאָכאַנאַנד אויפגעהויבן גראַנאַטן־וואָלקנס.

ס'האָט אַזוי נעהודזשעט פון די קוילנוואַרפערס, אַז מ'האָט אַחוץ זיי גאָרנישט געקאָנט הערן.

עפּעס אין מיין ברוסט איז נישט געווען אין אָרדענונג. צי איז דאָס געווען די שרעק פון אַלאַרם?

ס'איז אָנגעלאָפן עמיצער. ישראל האָט מיר דערלאַנגט דאָס קאָמפּאַניע־בוך פון די באַפעלן.

— קום אַריין! — האָב איך געשריגן. — וואָס לויפסטו איצט אַרום מיטן באַפעל־בוך.

— עט, דאָס קאַפּעלע שיסן! — האָט ער זיך צעלאַכט. ראַמם! ראַמם! אין טאָל.

ס'זענען אָנגעלאָפן צוויי. אויף די טרעפּ זענען אַראָפּ לאָם מיטן אָרדינאַנס.

וואָס הערט זיך דאָ? — האָט ער מיר אַריינגעשריגן אין אויער.

— גאָרנישט! — האָב איך צוריקגעברילט.

דאָס פייער פון די קוילנוואַרפערס האָט ביסלעכווייז נאָכגעלאָזט. ס'האָבן געטרוישט איבער אונז שווערע גראַנאַטן. וואָס זענען געפלויגן צו דער הויכעניש און דעם ווייסן ראָוו הינטער אונז. אונזער אַרטילעריע האָט געוואָיעט און געשפּיגן.

דערנאָך האָט דאָס אויך אויפגעהערט און ס'איז געוואָרן זייער שטיל.

קעגן אָוונט איז אָנגעקומען סענדיג. — צי וואָלטן אַנדערע גרופּעס נישט געקאָנט היינט ברענגען פאַר אונז דאָס עסן, כדי מיר זאָלן אין דער פּולער צאָל קאָנען פאַרבייטן די אין טאָל?

כ'האָב געהייסן האַרטשטיינען, אַז ער זאָל אַהינשיקן מערמענטשן, און האָב אַליין אַהינגעשיקט אויך פונקען און ישראלן.

קוים האָט נאָר אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין טאָל. ווייקערט איז מיר אַקעגנגעקומען אַן אויפרעגטער.

— כ'האָב ווידער פאַרלוירן דריי מאַן, דערין צוויי טויטע. כ'קאָן שוין נישט באַזעצן אַלע טרעכטערס.

— סענדיג וועט דיך פאַרבייטן. אָט קומען שוין אָן די ערשטע מענטשן.

מיטן צווייטן אָפּהאַנג פון טאָל איז עמעצער אַראָפּגעגאַנגען אונטן. ווער איז דאָס געווען? כ׳בין אים געגאַנגען אַנטקעגן, דאָס איז געווען אַ לייטענאַנט.

כ׳האָב זיך געמאָלדן. ער האָט העפלעך געגריסט.

— איך בין דער פירער פון דער שכנותדיקער קאָמפּאַניע. מיר האָבן נעכטן פאַרנומען די פּאָזיציעס. אייער קאָמפּאַניע האָט געמאָלדן, אַז אונזערע פּאָזיציעס זענען צו ווייט אַהינטערגערוקט, טאָ וועלן מיר זיך בכן איינגראָבן דאָ פאָרנט לעבן אייך. איך האָף אויף גוטער שכנותשאַפט און וואָלט אייך געווען זייער דאַנקבאַר, ווען איר זאָלט אונז וועלן אָנווייזן, ווי מיר זאָלן דאָס דורכפירן צום גינציקסטן; מחמת איר קאָנט דאָ די פאַרהעלטנישן בעסער פון מיר.

מיר זענען אַראָפּגעשטיגן איבערן שיפּוע. אויבן זענען געלעגן זיינע מענטשן, פונאַנדערגעשפּרייט אין טיראַלעריע, מיט די ביקסן גרייט, ווי אויפן איבונגס־פּלאַץ. גאָט מיינער! האָב איך געטראַכט. אַטאָ־די זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף דער מלחמה!

כ׳האָב אים געוויזן, ווי מ׳דאַרף איינריכטן די טרעכטערס, נישט אין קיין גראָדער ליניע, נאָר ווי מעגלעך אומרעגלמעסיק.

— דאָס טאָר איך נישט טון — האָט ער געזאָגט — דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר האָט מיר געגעבן אין דאָזיקן פּרט די שטרענגסטע אָנווייזונגען.

כ׳האָב זיך גאַרנישט אָפּגערופן; אין דאָזיקן פּולק זענען משמעות געווען ענערגישע פירער. מיר האָט מען אפשר געלאָזט צופיל פרייהייט.

ס׳איז אָנגעקומען לאַם און באַגריסט דעם לייטענאַנט: — ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס די שכנותדיקע דיוויזיע זוכט מיט אונז פאַרבינדונג!

— ווי איז דאָס מעגלעך! — האָט געפרעגט דער לייטענאַנט.

— ס׳איז אַ פאַקט.

— אויף אונז וועט איר, גלויב איך, זיך נישט האבן וואָס צו קלאגן.

מיר האבן זיך אומגעקערט.

— כ׳האב דיר עפּעס מיטצוטיילן — האט לאָם געזאגט ערנסט.

— צי האב איך ווידער עפּעס פאַרזוימט? — איז מיר אַדורך אין קאפּ.

ער איז געבליבן שטיין. ס׳איז געווען טונקל.

— דו האסט באַקומען די ראַנגע פון וויצעפעלדפעבל צוליב דער אַרויסגעוויזענער העלדישקייט לגבי דעם שונא.

כ׳האב אים געוואלט דאַנקען, — אבער צי איז דען דאס נישט געווען צופיל? כ׳האב דאך געהאַט דא די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין דער גאַנצער דיוויזיע!

פרייט דאס דיך דען נישט?

— אַדרבה, אַדרבה, נאָר איר מאַכט פון מיר אַ צו גרויס ווענז.

ער האט זיך צעלאַכט און געוואלט עפּעס זאגן. אבער ער האט געלאַכט וואס אַמאל העכער, ער האט מיר נאר דערלאַנגט דעם פּארטפעע און איז אַוועק ווייטער.

לעבן מיין שוצגרוב איז געשטאַנען האַרטנשטיין.

— נו, גראַטולירט רענען, ער איז געווארן וויצעפעלדפעבל! האט ער עס זיך פאַרדינט!

— יא, הער לייטענאַנט, ער האט עס הייליק פאַרדינט — האט יענער געענטפערט.

ס׳האט מיך געפּייניקט. ס׳האט מיר אבער הנאה געטון, וואס דאס האט באַ אים נישט אַרויסגערופן קיין קנאה; מחמת איך אַליין האב געהאַלטן האַרטנשטיינען פאַר טיכטיקער פון מיר.

VIII

ס׳איז אנגעקומען פונקט מיט די מענאַשקעס. — מיר האבן געהאַט פאַרלוסטן, פיר מאַן פון פלוטאן. ישראל וועט באַלד קומען, ער וועט עס איך בעסער דערציילן.

ישראל איז געקומען אַן אויפגערעגטער און אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס אַ זאַק און דעם טאָרניסטער מיט וואַסער. די פּאָלעס פון זיין בלוזע און קעשענעס זענען געווען פאַרשמירט מיט בלוט.

— זיי האָבן דאָס אַזוי ווייניק חברשאַפט! — בעת מיר זענען געשטאַנען בײַ דער קיך, איז אַרײַנגעפאַלן עטלעכע גראַנאַטן צווישן די מענטשן פון דער פערטער קאָמפּאַניע. און דערנאָך זענען ווידער אנגעפלויגן גראַנאַטן און איינער פון זיי איז אַרײַן אין קיכקעסל און באַגאָסן די פאַרוואונדעטע מיט הייסער זופּ. זיי האָבן אנגעהויבן שרײַען. און די גאַנצע באַנדע האט געמאַכט פּליטה, אָנשטאָט צו העלפן! כ׳האָב זיי גערופן מיט אַלע כּוחות, אַז זיי זאָלן מיר צוהעלפן, אָבער קיינער איז נישט צוריקגעקומען!

— יאָ, — האָט געזאָגט פּונקע — ישראל איז געווען דער איינציקער, וואָס האט זיך פאַרנומען מיט די פאַרוואונדעטע.

איינעם האט עס אָפּגעריסן ביידע פיס און אים באַגאָסן ווי גרויס ער איז מיט קאָכעדיקער זופּ. כ׳האָב אים געמוזט אויפלאָדענען אויף אַ וואָגן, און כ׳האָב נישט געוווּסט, ווי כ׳זאָל אים אַוועקלייגן, אַזוי האט אים אומעטום וויי־געטון!

זיי האָבן גערעדט איינער איבערן אַנדערן. פּונקע האט כּסדר איבערגעחזרט: — יאָ, ישראל איז דער איינציקער, וועלכער ווייסט, וואָס ס׳איז אַזוינס חברשאַפט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן, איז דער שמועס אַוועק
רויקער. בלויז ישראל איז געווען מאָדנע אויפגערעגט און אומרויק.

— ווען מיר זאָל עפּעס געשען... קיינער וואָלט מיר נישט געהאָלפן! — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל דיר העלפן — האָט געענטפערט פּונקע.

— דו וועסט מיר נישט קאָנען העלפן! דאָס איז געווען מיין לעצטער אָוונט! קיינער וועט מיר שוין נישט העלפן!

— וועסט נאָך לעבן לאַנג — האָט געזאָגט פּונקע.

ליבער גאָט פאַרגעסט נישט די גוטע מענטשן.

— עס, וואָס טויג מיר דאָרט! כ'פיל בחוש, אַז דאָס איז געווען מיין לעצטער אָוונט! — און כ'וואָלט נאָכנישט געוואָלט שטאַרבן!

זיי זאָלן נאָר נישט באַמערקן, אַז כ'בין געוואָרן וויצעפעלדפעבל! מערקווירדיק, ווי דערדאָזיקער געדאַנק איז פאַר מיר געווען שרעקלעך. כ'האָב אַוועקגעצויגן האַרטנשטיינען צו די טרעפ.

— זאָג זיי נישט, אַז כ'בין געוואָרן וויצעפעלדפעבל.

— פאַרוואָס נישט?

— כ'בעט דיך, זאָג עס זיי נישט! כ'האָב עפעס אַזאַ פאָרגעפיל.

אין אַ ווילע אַרום האָט ער געזאָגט: — דאָס האָט געמוזט זיין שרעקלעך דאָרט באַ דער קיך! ישראל שרעקט זיך דאָך נישט אַזוי לייכט, און איצט איז ער אינגאַנצן אויסער זיך.

כ'האָב אַהינגעקוקט צום ווייסן באַרג, וואָס איז זיך געלעגן מאָדנע שטיל. ער איז געווען זייער שיין.

— ערגעצווו מוז עפעס בליען — האָט געזאָגט האַרטנשטיין. עס שמעקט אַזוי אין דער לופט.

פאַר אונז האָבן זיך אויסגעשפרייט נאַקעטע קרייד-ווענד, און דער בעריאָזע-בוים האָט כמעט נישט געהאַט קיין בלעטל אויף זיך. ער האָט, וואָס אַן אמת, אויסגעשלאָגן אַביסל בליעכץ, אָבער די קנאָספן האָבן באַלד איינגעוועלקט... און דאָך איז דאָס געווען אַ ריח פון וועלכע ס'איז בלומען...

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט. ישראל איז שוין געשלאָפן. נאָר פונקע איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער און גערויכערט אַ ציגאַר.

— — — — — — — — — — — —

— באַפעל פון באַטאַליאָן! אַלע באַזעצן די פאָזיציעס! די פראַנצויזן גרייטן זיך צום אָנגריף! — האָט מען געשריגן פון אויבן.

מיר האָבן געכאַפט די גאַזמאַסקעס, ביקסן, העלמען און אַרויסגעלאָפן. כהרף-עין זענען באַזעצט געוואָרן די לעכער. די קוילן-וואַרפער זענען געשטאַנען גרייט.

די זון האָט געשיינט. אַרום איז געווען שטיל, נאָר פון גאַנץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ שטיל ברומען. מ'האָט אינערגעץ נישט געקאָנט דערזען קיין שום באַוועגונג. כ'האָב אַוועק-

בעשיקט פונקע צו לאָמען מיט אַ מעלדונג, אַז מיר שטייען גרייט, אָבער אַרום איז אײַנגעגאַנצן שטיל און נישט פֿאַראַן קיין שום סימנים פֿון אַן אָנגריף. דערווייל האָב איך פֿאַראָרדנט, אַז די מענטשן זאָלן אַנידערקניִען, כדי מ׳זאָל זיי נישט זען פֿון ווייסן באַרג, וואָרן דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען אויף אונז אַרטילעריע־פֿייער.

די שטילקייט האָט געהערשט ווייטער. מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפֿן רען, אַזוי שנעל, ווי ס׳האָבן אים נאָר געקאָנט טראָגן זיינע קורצע פֿיס: — ישׂראל איז טויט!

— וואָס?... צי האָט מען דען ערגעץ געשאָסן?

— ער ליגט אויפֿן שיפּוע אין וואַלד.

— און וואָס האָט געזאָגט דער הער לייטענאַנט?

— אַז מ׳זאָל צוריקגיין אין די שוצגרובנס.

כ׳האָב אַרויסגעגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקן באַפֿעל און אַוועקגעלאָפֿן לענגאויס דעם שיפּוע. כ׳האָב אים געזען שוין פֿונווייטנס ער איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויפֿן רוקן אונטער אַ סאָסנע. כ׳האָב אַנידערגעקניט לעבן אים. ער האָט נאָך געהאַלטן אין האַנט דעם באַפֿעל־בוך, וועלכן ער האָט געדאַרפֿט צוריקברענגען לאָמען. כ׳האָב עס אים נישט געהייסן. פֿאָרנט אויפֿן שטערן האָט ער געהאַט אַ בלוט־פֿלעק און זיין בלוזע איז געווען באַשפּריצט מיט אַביסל געהירן.

כ׳האָב גענומען דעם באַפֿעל־בוך און אים אַוועקגעטראָגן לאָמען.

צום טייוול מיט אַזעלכע אַלאַרמען — האָט ער געזידלט — כ׳האָב געשיקט דעם באַטאַליאָן אַ געזאַלצענע מעלדונג, אין וועלכער כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז מיר דאָ ווייסן בעסער פֿון זיי, צי עס שטייט פֿאָר אַן אָנגריף!... אינדערפֿרי וועלן מיר פֿאַרביטן ווערן דורך דער זעקסטער קאָמפּאַניע. די קיך וועלן מיר טרעפֿן אינמיטן וועג צום לאַגער.

כ׳האָב זיך אומגעקערט אין שוצגרוב, דורכגייענדיק ווידער פֿאַרן טויטן ישׂראל. פֿונקע האָט געקייט אין די ציין אַ שטיקל ציגאַר און זיך געקלאָגט איבער ישׂראלס טויט: — דאָס איז געווען

דער בעסטער מענטש, וועלכן כ׳האָב געזען. און ווי ער האָט פאַרגעפילט אַז ער מוז שטאַרבן! נאָר גוטע מענטשן האָבן אַזעלכע פאַרגעפילן.

האַרטנשטיין איז געזעסן אַריבערגעבויגן אויף פאָרנט און געצייכנט מיטן פינגער אויף דר׳ערד. כ׳האָב זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און ביטער געוויינט.

XIV.

קעגן אָוונט האָבן מיר באַגראָבן ישראלן באַם שיפּוע, אויפן אָרט, ווו ער איז געפאַלן. ס׳איז דאָרט געווען זייער שיין. מיר האָבן אים געוואָלט אויפשטעלן אַ קרייץ מיט זיין נאָמען און דעם טאג פון זיין טויט.

פאַרטאג איז אָנגעקומען די זעקסטע קאָמפּאַניע.

כ׳האָב תיכף אַוועקגעשיקט מיינע מענטשן, כדי זיי זאָלן זיך אַרויסקריגן פון געפערלעכסטן געביט נאָך איידער עס ווערט העל; איך אַליין מיט פונקען זעמיר נאָך געבליבן אַ ווײַלע.

מיך האָט פאַרביטן אַן ענערגישער וויצעפעלדפעבל. כ׳האָב אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק און נישט אַהערציען קיין אַרטילעריע־פייער.

— אַך, וואָס! — האָט ער אויסגערופן. — מיר האָבן נישט קיין מורא!

בעת מיר האָבן לסוף אַרויסגערירט, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם שיפּוע, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ גרובן, וואָס האָט געפירט דורכן וואַלד און זיך געענדיקט אויף אַ ברייטער לאָנקע. דידאָזיקע לאָנקע איז געווען גאַנץ גרין. דאָס איז געווען אַזוי מערקווירדיק, וואָס זי איז געווען גרין און נישט ווייס.

ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטאַרקער טוי. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די חורבות פון אַ ישוב. מיר זענען געווען דורשטיק. און מיר זענען אַריין אין עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם פאָלוואַרק, וועמעס ווענט זענען געווען געמאָלט אויף ראָ־

זע. באַ דעם ברונעם האָט געבליט בעז. די זון האָט געבליצט מיט די ערשטע שטראַלן איבערן האָריזאָנט. דאָס קלאָרע וואַסער האָט געבלישטשעט אין בעכער. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ׳האָב קיינמאָל אַזעלכס נישט געזען.

דערנאָך האָבן מיר געוואַנדערט ווייטער. פונקע האָט דערציילט וועגן זיינע קינדער. איך האָב געהערט, אָבער נאָר דעם טאָן פון זיינע ווערטער. כ׳האָב זיך געשפּירט מערקווירדיק לייכט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר געטראָפן די קאָמפּאַניע זיצן באַם ראַנד פון וועג. ווי ווייניק דאָס זענען געווען! זיי זענען געווען שמוציק און אומגעראַזירט, אָבער הייטער.

לעבן וועג זענען געלעגן טויטע פערד און צעשאָסענע װעגנס. עטוואָס אָן אַ זייט האָט מען געבויט עפּעס.

הינטער אַ הויכעניש איז געשטאַנען אונזער פעלדקיך. מיר האָבן באַקומען עסן, דערנאָך האָבן מיר זיך געלייגט אויף די בייכער, געגעסן און געוואַרעמט זיך אויף דער זון.

לאַם האָט צוויסן־געטון, אַז דאָס איז ערשט געווען דאָס נעכטיקע עסן, און אַז היינט פאַרנאַכט וועט נאָכאַמאָל אַרויסגעגעבן ווערן עסן.

זיי האָבן אַזש געהירזשעט פאַר פרייד.

מיר האָבן מאַרשירט דורך אַ הויכן וואַלד און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר שטאַרק מידע אָנגעקומען אין לאַגער. צווישן סאָסנעס איז געוואַקסן ווייך גראָז מיט ווילדע רויזן. מיר האָבן אויפגעשלאָגן געצעלטן און געשלאָפן ביז נאָכמיטאָג. ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין דאָס עסן געווען פערטיק. נישט ווייט האָט געשפּילט דער פּולק־אָרקעסטער; מיר זענען דאָרט אהינגעלאָפן. אָבער ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבן מיר זיך ווידער געלייגט אין די געצעלטן און געשלאָפן ביז אינדערפרי.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ הייטערער. מיר האָבן געבּרענגט וואַסער, זיך אַרומגעוואַשן און געראַזירט. לאַם איז אַרויסגעריטן באַגינען און איז צוריקגעקומען מיט אַ צווייגל קאַרשנבליעכץ און מיר דערלאַנגט דאָס צווייגל פון פערד אַראָפּ.

— וואָס זאָל איך דען טון דערמיט? — האָב איך געפרעגט.

— כ׳האָב געוואָלט, אַז זאָלסט עפּעס האָבן, וואָרן אין האָב געזען דעם גאַנצן בליענדיקן בוים — האָט ער זיך צעלאַכט.

זיין צופרידנקייט האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פאַר־לעגנהייט. ווייקערט האָט שוין אויך אויפגעוואַכט. כ׳האָב גענומען מיין קאַץ, האָב אים אַוועקלייגט אָן אַ זייט, אויפן שיפוע, האָב מיך אויסגעטון און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זון. כ׳האָב נישט געוואָלט זען קיינעם.

XV

אויפצומאָרגנס האָבן מיר זיך אומגעקערט אויפן פּראָנט. ווען כ׳בין אָנגעקומען צו די אַמאָליקע פּאָזיציעס, בין איך געווען דערשטוינט, ווי שרעקלעך וויסט ס׳האָט דאָ אויסגעזען. דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגערופן לאָנקע, איז געווען אַ טרעכטער־זופּ מיט איינצלנע גראָז־הויפנס. דער גראַנאַטן־געריך האָט זיך פונאַנדער־געטראָגן אַרום.

דער ערשטער טאָג איז אַדורך רויק.

אָבער איצט ערשט האָב איך באַמערקט, ווי פאַרמאַטערט מיר זענען געווען. נעכטן האָט ווייקערט אויסגעזען אַזוי פריש, היינט איז ער ווידער געווען גראָ און איינגעהויקערט. אינאָוונט האָבן צוויי מיטאַמאָל באַקומען הויכע טעמפּעראַטור און געמוזט תיכף אַוועקגעשיקט ווערן אין לאַזאַרעט אַריין.

באַנאַכט בין איך אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער. מיינע מענטשן זענען עפּעס פאַרטעמפּט געוואָרן. די דריי טעג רו האָבן זיי קענטיק צעשטרייט — זיי האָבן זיך ווידער דערוווּסט, אַז ס׳האָט ערגעץ עקזיסטירט פאַר זיי אַן אַנדער לעבן, ווי דאָס אייביקע ליגן אויף די פּאָסטנס אין די גראַנאַטן־טרעכטערס.

אינמיטן דער נאַכט האָט מיך אָנגעהויבן צו פייניקן דער הונגער. כ׳האָב אָבער גאָרנישט געהאַט צו עסן און זיך אַרומ־געשלעגנדערט אינדרויסן, ווייל כ׳האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. ס׳איז אויפגעגאַנגען די לבנה. היינטן אין טאָל האָט געהאָנגען נעפּל. דער ווייסער באַרג האָט געלויכטן מיטן פליך

מיסטיש דורך דער פינצטערניש. ס׳איז געווען ליכטיק כמעט ווי באַטאָג. כ׳בין אַהינגעגאַנגען צו ישראלס קבר, אויף וועלכן ס׳איז איצט געשטאַנען אַ הילצערנער צלם. די פרימאָרגן־קעלט האָט מיך דורכגעדרונגען און מיך געמאַכט שוידערן.

ווען מען האָט לסוף געברענגט דאָס עסן, האָב איך דער־שפירט אַ ווידערווילן. כ׳האָב מיט עקל אַראָפּגעשלונגען עטלעכע לעפל זופּ. און איצט האָט מען נאָך געדאַרפט וואַכן אַ צווייטע שעה!

כ׳האָב פאַרוויכערט אַ פאַפּיראָס. כ׳האָב נישט געקאָנט רויכערן. — אפשר האָב איך מיר פאַרדאָרבן דעם מאָגן. מיר האָבן באַקומען שנאַפּס. כ׳האָב אַריינגעגאָסן אַביסל אין מיין פעלדבעכער און אויסגעטרונקען. כ׳האָב געשפּירט, אַז עס קריכט מיר צוריק אין האַלז און בין שנעל אַרויסגעלאָפן, מיינענדיק, אַז כ׳וועל אויסברעכן.

— דער פינקפויגל איז היינט נישט געקומען — האָט גע־זאָגט האַרטנשטיין. — נאַר דער דראָזד.

לסוף האָב איך מיך געלייגט שלאָפן. כ׳בין אָבער קנאַפּ געשלאָפן; כ׳האָב געהערט אַלצדינג, און די געהערטע זאַכן האָבן זיך פיינלעך פאַרפלאָכטן מיט אַנדערע דמיונות.

נאָכמיטאָג האָט מען אויסגערופן: — די פראַנצויזן גרייפן אָן אויפן ווייסן באַרג!

כ׳בין אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. אויפן פראַנצויזישן שיפּוע האָב איך געזען מענטש אַרויפקלעטערן און פאַרשווינדן אין די פאַרטיפונגען. מ׳האָט שוין דאָרט נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן גרובנס און טרעכטערס. אויפן דייטשישן שיפּוע זענען געוואַקסן די גראַנאַטן־וואָלקנס ווי קוסטעס. רויטע ליכטקוילן האָבן אויפ־געריסן אינדערלופטן. פון הינטן האָט אָנגעהויבן צו בילן אונזער אַרטילעריע. דאָס דייטשישע פאַרשפאַר־פייער איז געווען אומגע־ווייגלעך שטאַרק. אויף די שוצגרובנס האָבן אויפגעטויכט אויף אַ ווײַלע געשטאַלטן און צוריק פאַרשווונדן — מ׳האָט נישט געוווסט, צי זענען דאָס דייטשן אָדער פראַנצויזן.

מיטאַמאָל האָבן פון רעכטס אָנגעצויגן אין גאַלאָפּ צום

באַרג פּיעכטאָע־קאָלאָנעס. זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן טונקל אַקעגן העלן הימל. איין מענטש האָט אויסגעזען צו געבן אָנווייזונגען — ער איז געווען געוויקסיקער און שטאַרקער פון אַנדערע. די קאָלאָנעס האָבן זיך צעטיילט. כ׳האָב שוין געזען נאָר דעם אָפּיציר. פּלוצלינג האָט אויפגעטויכט אויף דער רעכטער קאָפּע עפּעס אַ מענטש אויף, פון לינקס אַ צווייטער; זיי זענען געגאַנגען מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטן און זענען פאַרשוווּנדן אין דער דייטשישער זייט.

— האָסטו דאָס געזען? — האָט געפרעגט האַרטנשטיין.

— יאָ, דאָס איז געווען אַ קאַמף אויף ווייס געווער. כ׳האָב עס מיר פאָרגעשטעלט אַנדערש. ס׳זעט אויס גאַנץ פּרימיטיוו.

עטלעכע זענען דורכגעלאָפן לענגאויס דעם באַרגרוקן פון רעכטס. דער צושטאַנד פון דער לעצטער צייט איז ווידער צוריקגעשטעלט געוואָרן. אַלמאַי באַוועגט מען כסדר מיט דער וואָגשאָל? נאָר כּדי זיך קעגנזייטיק אויסצומוטשען?

אין דערדאָזיקער נאַכט בין איך ווידער אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער. ס׳איז אָנגעקומען אַ שליח פון לאַמען, אַז כ׳זאָל זיך שטעלן פאַר אים.

ער איז געזעסן באַ אַ ליכט פאַר אַ שמאָלן שרייבטיש און געשריבן.

— זעץ דיך אַוועק לעבן מיר אויף דער באַנק. כ׳האָב געוואָלט מיט דיר דורכרעדן, וועמען כ׳זאָל אויפגעבן אויף אויסצייכענונג. די קאָמפּאַניע איז מיר געוואָרן אַזוי פרעמד, אַז כ׳קאָן שוין כּמעט קיינעם נישט. זינט ס׳איז דאָ געוואָרן עטוואָס שטילער, מוז איך שרייבן אַזויפיל מעלדונגען, אַז כ׳האָב פאָריקע נאַכט קוים געקאָנט איינמאָל אַרויסגיין צו לאַנגענאָלס פּלוטאָן. כ׳מוז זיך פּשוט פאַרלאָזן אויף מיינע פּלוטאָנפירערס, אַז זיי טוען זייערע פליכטן.

אין זיין שטים האָט מען געפילט אַ מידקייט.

זינט מ׳האָט פאַרטאָג געבּרענגט דאָס עסן, איז מיר געוואָרן איבלדיק. כ׳האָב מיך געצווונגען ווייניקסטנס עפּעס צו עסן. דריי

אַזייגער פאַרטאָג צו עסן מיטאָג, אין היץ! נאָך צוויי שעה גו וואַכן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אוממעגלעך!

כ׳האָב מיך אָוועקגעזעצט אויף די טרעפּ לעבן האַרטנשטיי-נען. מיר זענען געזעסן שטום לעבן איינאַנדער. ער האָט שוין נישט געוואָרפן קיין קרישלעך; קיין פייגל זענען נישט געווען און קיין געזאַנג האָט זיך נישט געהערט.

ער האָט נאָר געאָטעמט און געזעסן אָן באַוועגונג. מיר האָבן געשוויגן, און די שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שרעקלעכער פּוסטקייט. וועגן וואָס האָט מען דען געקאָנט רעדן? וועגן גאָרנישט, וועגן גאָרנישט.

האַרטנשטיין איז אויפגעשטאַנען: — נו, איצט איז אויס! — און איז אַראָפּ אין שוצגרוב. אָבער דאָס איז עס נישט געווען. ער האָט געזאָגט עפּעס, און דאָס איז געווען גוט פון זיין זייט. כ׳האָב אַ קוק געטון אויפן זייגערל. מיר האָבן נאָך געמוזט אַ שעה וואַכן. אָבער כ׳בין אויפגעשטאַנען און מיך געלייגט שלאָפן. און כ׳בין דאָך געווען פרייער און געדאַרפט געבן אַ ביישפּיל.

כ׳האָב געהאַט אַן אומרויקן שלאָף. אינדרויסן האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן, ערגעץ אין דער נאָענט. כ׳האָב געהערט אַלץ, אָבער מיט עפּעס אַ גלייכגילטיקייט. איינמאָל האָט זיך אַ טרייסל געטון דער גאַנצער שוצגרוב. פון דעם באַלקן האָט זיך גענומען שיטן זאַמד. פּונקט האָט גערעדט מיט עמעצן, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז דער וואַכמאַן לינקס איז פאַרוווּנדעט גע-וואָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען האַרטנשטיין: — איצט שיסט מען צו לאַמען. איבער אונז קרייזט אַרום אַ פראַנצויזי-שער אַרטילעריע-פליער.

רו — ראַמם! האָט אויפגעריסן אין דער נאָענט.
קראַ — ראַמם!
כ׳בין אַריבערגעקראָכן אויף פאָרנט.
עפּעס איז פאַרבייגעפלויגן דערלעבן.
כ׳האָב זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

הינטער מיר עפּעס אַ מענטשלעך געריש.

האַרטנשטיין האָט מיך אָנגעקוקט אַ דערשראָקענער. דאָס איז שוין געווען אינדרויסן.

עמעצער איז אַרונטערגעלאָפן צום טאָל.

פונקע איז אים נאָכגעלאָפן און זיך צוריקגעקערט.

— ער איז משוגע געוואָרן! — האָט געזאָגט האַרטנשטיין און אַוועקגעלאָפן אויף לינקס.

כ׳בין ווידער אַראָפּ אין שוצגרוב. כ׳ווייס נישט, פאַר־וואָס; כ׳בין געגאַנגען גאַנץ געלאַסן, גענומען מיין גאַז־מאַסקע, די ביקס און דעם העלם. דער באַלקן איז געווען הינטן אַראָפּ־געדריקט, עפּעס אַ קאָפּ האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט פון הינ־טערן גרוז. אַ מת. אויף עפּעס אַ קאָץ איז געלעגן אַן איבער־געדרייטע מענאַשקע מיט אויסגערינענער זופּ.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען.

ראַ — ראַמם! לינקס.

האַרטנשטיין און פונקע זענען פאַרשוווּנדן.

קראַמם!

שטיקלעך בלאָטע האָבן מיד אַ שפּריץ געטון אין פּנים, כ׳האָב אָנגעהויבן צו לויפן לענגאויס דעם שיפּוע.

ישראלס גרוב האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טרעכטער, אויף וועמעס ראַנד ס׳זענען געלעגן שטיקלעך פון הילצערנעם קרייץ, פאַרשאָטן ביז דער העלפט.

מיין איילעניש איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. כ׳האָב געהאַט פאַרגעסן אָן עפּעס און מיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס.

כ׳בין אַראָפּגעלאָפן צו לאַמען. כ׳האָב נאָר דערזען זיינע שטיוול אויף דער פּריטשע און דעם וואָלענעם קאָץ.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק.

— הער לייטענאַנט! — האָב איך געזאָגט. — מיר זענען געוואָרן פאַרשאָטן.

— ביסטו פאַרוווּנדעט?

כ׳האָב נאָך נישט געהאַט געטראַכט וועגן דעם.

— ניין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. כ׳האָב נישט געוואַגט אים אָנ־צוקוקן. ער איז געשטאַנען פאַר מיר.

— וויפל פאַרלוסטן האָט איר ?

— כ׳ווייס נישט.

— דו ווייסט נישט ? — האָט ער געזאָגט שאַרף.

כ׳האָב דאָך אַליין געוווּסט, אַז כ׳האָב נישט געטון מיין פליכט.

— מיר קאָנען דאָס נישט אַזוי לאָזן — האָט ער גע־זאָגט רויק. — איך וועל גיין מיט דיר.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. ער איז געבליבן שטיין.

— קוק מיך נאָר אָן !

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די אויגן דרייען זיך אין אַלע זייטן, כדי אויסצומיידן זיין בליק.

— קום מיט ! — האָט ער געזאָגט רויק. — מיר וועלן פאַראָרדענען צוזאַמען, וואָס מען דאַרף. האָסטו בכן נישט קיין אַנונג, וואָס דאָרט איז געשען ?

— בילמאָווסקי איז אַנטלאָפן, ער איז קיינמאָל נישט גע־ווען קיין איבערגעשפּיצטער, און איצט איז ער שוין גאָר אינ־גאַנצן פאַרנאַרישט געוואָרן.

לאַם האָט מיך אויסגעפרעגט. דערווייל האָט דאָס געשי־סעריי אויפגעהערט. ביסלעכווייז איז אַלץ געוואָרן קלאָרער.

— נו, און איצט גיב אַרויס פאַראָרדענונגען ! — האָט לאַם געזאָגט מונטער. — איך וועל בלייבן מיט דיר.

כ׳בין געווען פאַרצווייפלט, האָב אָבער אַלץ פאַראָרדנט און פעסטגעשטעלט די פאַרלוסטן. צוויי זענען געלעגן אונטן פאַרשאָטן, איינער איז געווען פאַרווונדעט. אַחוצדעם זענען פינף געווען אומטויגבאַר צום קאַמף. זיי זענען געזעסן אויפגערעגט און טעמפּ אין די שוצגריבער.

— כ׳גיי איצט צוריק — האָט געזאָגט לאַם. — כ׳וועל זיך באַמיען, אַז מ׳זאָל אייך פאַרבייטן.

כ׳בין געווען אין אַ מאָדנעם צושטאַנד. ס׳האָט זיך מיר געדוכטן, ווי כ׳וואָלט כסדר פאַרלוירן דעם זכרון און אים אָפּגעווונען אויפסניי. מיך האָט געפּייניקט דאָס געפיל פון אומדערפילטער פליכט. כ׳האָב מיך געפילט דערביי עלנט און פול מיט אומדערקלערלעכער בענקשאַפט. ווען כ׳האָב אַ קוק געטון אויפן וואַלד, האָב איך געבענקט נאָך אים, און ווען כ׳האָב געטראַכט וועגן די הברים, האָט מיך אַרומגענומען אַ בענקשאַפט נאָך זיי.

אינאָוונט איז אָנגעקומען אַ שליח: — דער הער לייטענאַנט לאָזט צוּוויסן טון, אַז די גאַנצע קאָמפּאַניע וועט באַגינען פאַרביטן ווערן און אָפּגיין הינטן, אין לאַגער.

XVI

אַ טאָג נאָך דער פאַרבייטונג איז געקומען צו מיר לאַם פאַרנאַכטצו.

— גייסטו מיט מיר אַביסל שפּאַצירן ?

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס אַ סאָסנע־וועלדל.

— הער זיך איין ! — האָב איך געזאָגט צו אים — כ׳האָב אַ שר׳עך שלעכט געוויסן.

— אלמאי דאָס ?

— בעת אונזער שוצגרוב איז איינגעפאַלן, האָב איך מיך נישט באַהערשט. כ׳בין מיר פאָרגעקומען זייער אומערלעך; וואָרן כ׳האָב מיך פריער געלייגט שלאָפן, הגם כ׳האָב עס נישט געטאָרט.

ער האָט געקוקט שווייגנדיק אויף דר׳ערד.

— האָסטו דיך דען געקאָנט באַהערשן ?

— אָבער דאָס איז געווען מיין חוב.

— אָבער כ׳פרעג דיך, צי דו האָסט עס געקאָנט ?

— כ׳ווייס נישט, און דאָך, אפשר.

צי האָסטו זיך שוין אַמאָל פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס ס'איז אַזוינס אַ נערוון־דערשיטערונג?

— נו, אַ דערשיטערונג.

— דאָס זאָגט נישט פיל. באַ יעדער שרעק בלייבט וועלכער ס'איז איינדרוק אין דער ספּערע פון באַוווסטזיין. דער מענטש גיט זיך איבער דעם איינדרוק. אָבער ער איז טאַקע אוממשותדיק. ווער ס'פאַרמאָגט די גייסטיקע קראַפט, כּדי קלאָר צו קוקן אויף אומדערוואַרטע געשעענישן, דעם איז דער פּחד פרעמד. דו דאַרפסט זיך גיכער שעמען, וואָס דו קאָנסט נישט צוליב דעם זיך פריי אַרומקוקן. און טו נאָר אַ קוק דאָרט אויפן בליענדיקן קאַרשנבוים — צוליב דעם האָב איך דיך טאַקע אַהערגעפירט — טו נאָר אַ קוק אויף אים! זעסטו עפּעס? — ער האָט געלאַכט.

— נו, ער בליט. — כ'האָב ווייטער נישט געזען גאָרנישט. ער האָט געלאַכט וואָס אַמאָל העכער. כ'בין אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל כ'האָב נאָך אַלץ גאָרנישט געזען.

— ס'איז טאַקע נישטאָ אויף אים גאָרנישט מער — האָט ער געלאַכט

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, אין וואָס ס'איז אים געגאַנגען.

— און זאָג מיר, ווי־זשע איז איצט דיין נערוון־דערשיטערונג מיט אַלע אירע פאָרשטעלונגען?

— ער איז אַוועק. — ס'איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן. — אָבער הער זיך איין! ס'איז פאָרט פאַראַן עפּעס אין דעם קאַרשנבוים. ער איז, נעמלעך באמת שיין — האָב איך געלאַכט.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט ער אויסגערופן און געוואָרן מיטאַמאָל ערנסט.

— אָבער ווייסטו וואָס? דו ביסט שרעקלעך דערשעפּט. כ'וועל דיר דאָ נישט געבן קיין שום פליכטן, און טאָמער וועלן מיר ווידער גיין אויפן פראָנט, וועט אונז דער מאַיאָר צוטיילן אַ גאַנץ רויקע פּאָזיציע. ער האָט גערעדט מיט מיר זייער

העפּלעך און מיר מודה געווען, אַז ס'וואָלט אוממעגלעך געווען איבערצוהאַלטן אַזוי אַ לענגערע צייט.

— כ'האָב מיך שוין נישט וויניק געוווּנדערט, וואָס די מענטשן אין די לעכער האָבן דאָס ביזאַהער אויסגעהאַלטן — האָב איך געזאָגט.

— און איך האָב מיך געוווּנדערט, וואָס קיינער האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. דערצו דאַרף מען זיין אומגעהויער גוטמוטיק — אָדער שרעקלעך נאַריש.

XVII

מיר האָבן ווידער אָפּמאַרשירט אויפן פראָנט און פאַרנומען פּאָזיציעס אין וואַלד, אין אַ גאַנץ רויק אָרט. טרעפּטעס און לאַנגגעגאָלס פּלוטאָנעס זענען געלעגן אין דער ערשטער ליניע. מיין פּלוטאָן איז געלעגן צוזאַמען מיט לאַמען, אַ פיר הונדערט מעטער פון הינטן, אין אַ שטאָלניע מיט נײַן איינגענג. אַן אומענדלעכע צאָל טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט אַהין. אונטן איז געווען אַ לאַנגער, פּעך־שוואַרצער קאָרידאָר, פון וועלכן ס'האָבן געפירט זייטיקע וועגן אין די שוצגריבער. דאָרט האָט זיך געהערט פון נאַסן קרייד, צעווייקט האָלץ און שימל. אַלס טישן און געלעגערס האָבן מיר באַנוצט שטויסן בוק־האָלץ; מחמת אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע איז געווען צו פייכט. די שטאָלניע איז געווען אומבאַוווינט שוין זיבנט חדשים.

ווען כ'בין אַראָפּ אונטן, האָט מיך אַרומגענומען אַ שוידער. מיר האָבן אָנגעצונדן ליכט. דער פלאַם האָט געברענט טריב. פונקע האָט ווי תמיד גערויכערט אַ ציגאַר. אָבער ער האָט אים נישט געשמעקט. אויך די איבעריקע האָבן גערויכערט; איך האָב עפּעס נישט געהאַט קיין חשק דערצו. אינגיכן איז די לופט געוואָרן אומדערטרעגלעך, גלייך זיי וואָלטן גערויכערט שוואָמען. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. פון צייט צו צייט זענען אַראָפּגעפאַלן פון באַלקן אין די ליידיקע קאָרידאָרן טראָפּנס וואַסער. ווי שרעקלעך פּוסט דאָ איז געווען! אין איי-

נעם פון די נאָענסטע שטאָלניעס איז געלעגן לאַם מיט זיינע מענטשן, ווייטער איז אַלץ רעכטס און לינקס געווען פוסט. אייגנטלעך איז עס געווען גאַנץ גלייכגילטיק, צי עמעצער איז נאָך דאָרט געלעגן, אָבער — כ'האָב נישט געוווסט, פאַרוואָס, — ס'איז געווען אימהדיק.

נאָכדעם ווי מיר זענען געשלאָפן אַ גאַנץ קורצע צייט, האָבן אַלע זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויסקריגן אינדרויסן.

— מיר טאָרן דאָס נישט — האָב איך געזאָגט — ס'זענען שוין איינמאָל איינגעשאָסן געוואָרן אַלע ניין אַרויסגענג פון דער שטאָלניע; דריי זענען נאָך ביזאַהער נישט געוואָרן אָפּגעגראָבן און דערפאַר טאָר זיך קיינער נישט ווייזן.

— אָבער מיר קאָנען זיך דאָך ווייניקסטנס זעצן אויף די טרעפּ?

די טרעפּ זענען געווען געווענדט אויף צפון, האָט טאַקע דאָרט נישט אַריינגעדרונגען קיין איין זונענשטראַל. מיר האָבן נאָר געזען פאַר זיך די בלענדנדיק ווייסע, מיט זון באַשיינטע קרייד־וואַנט.

כ'האָב אין דער שטאָלניע כמעט נישט געהאַט וואָס צו טון, אָבער ס'האָט מיר געפעלט די רויקייט, כדי עפּעס צו לייענען. דערצו איז דאָס ליכט געווען אַ שלעכטס. כ'בין געלעגן דעם גרעסטן טייל פון טאָג ווי אין האַלבשלאָף. אין צווייטן טאָג איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כ'האָב היץ, דערהויפּט אינדערפרי, בעת ס'פּלעגט אָנקומען די פעלדקיך. כ'האָב געגלויבט, אַז די רו וועט אויף מיר ווירקן צום בעסטן, האָב איך בכן נישט געזאָגט וועגן דעם קיינעם. אָבער די אַנדערע נאַכט האָב איך געשפּירט אַזאַ שטאַרקן קאָפּשווינדל און איבלעניש, אַז כ'האָב באַשלאָסן צו זאָגן אַלץ לאַמען. לאַם איז גראָד געווען מיטן מאַיאָר פּאָרנט אויף דער פּאָזיציע. כ'האָב זיך בכן אַוועקגעלייגט און מיך צוגעדעקט מיטן קאָץ. נישט קוקנדיק דערויף האָט מיך געשוויז'ערט פאַר קעלט. אין אַ ווײַלע אַרום איז מיר געוואָרן בעסער. האָב איך מיך בכן נישט געמאָלדן קראַנק. ס'איז מיר פאָרגעקומען אומגעהויער געמיין, אַז אַ פלוטאָנפירער זאָל זיך

מעלדן קראַנק אויף דער פּאָזיציע, פּנים אל פּנים מיטן שונא.

מיטאָגצייט האָב איך דערשפּירט הונגער און געגעסן מיט אַפּעטיט. כ׳האָב גערעכנט, אַז ס׳וועט מיר צוריק בעסער ווערן. אָבער אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך מיין צושטאַנד באַדייטנדיק פאַרערגערט. פונקע האָט מיך געוואָלט צווינגען, אַז כ׳זאָל עפּעס עסן. כ׳האָב אָבער באמת נישט געקאָנט. דערצו האָט מיך געפּייניקט אַ כסדרדיקער פּחד, און ס׳האָט מיך געשוידערט פאַר קעלט. אָבער כ׳האָב פאָרט געוואָלט איבערוואַרטן נאָך איין טאָג.

אינדערפרי בין איך אַוועק צו לאַמען. ער איז געגאַנגען מיט מיר אין סאַניטאַרן-שוצגרוב און איבערגערעדט שטילערהייט מיטן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט מיך געהייסן אויסטון דאָס העמד, דערנאָך האָט ער מיך אַרומגעקלאַפּט און לאַנג באַהאָרכט.

— דערדאָזיקער מענטש מוז אַוועק פון פראָנט. אָבער איר קאָנט אים אויפהאַלטן באַ דער קאָמפּאַניע. דאָס וועט זיך לאָזן מאַכן. איר דאַרפט אויסנוצן דעם שיינעם וועטער און די גוטע לופט אין וואַלדלאַגער! דאָס איז דער בעסטער סאַנאַטאָריום, און ווען כ׳וועל זיך אומקערן אין עטאַפּ, זאָלט איר זיך ווידער מעלדן צו מיר. און ווער גייט עס דאָרט נאָך?

איינער פון די סאַניטאַרן האָט אריינגעפירט בראַנדן. ער האָט אויסגעזען שרעקלעך, מיט טיפע רינגען אונטער די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויפן דאָקטאָר מיט פּחד.

— כ׳קאָן שוין דידאָזיקע זאַך — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און אים קורץ באַטראַכט — די לונגען זענען אין אָרדענונג. דער וויצע-פעלדפעבל קאָן אים מיטנעמען מיט זיך. איר דאַרפט ליגן אַ סך אויף דער זון. דאָס איז כלל נישט אַזוי געפערלעך, ווי עס זעט אויס. מיר האָבן איצט פיל אַזעלכע פאַלן — ער האָט זיך געווענדט צו לאַמען — דערהויפּט אין אייער קאָמפּאַניע.

— צי קאָנען זיי גיין אַליין? — האָט געפרעגט לאַם.

— יאָ, גאַנץ רויק.

לאָם האָט אונז אַרויסבאַגלייט און מיר האַרציק דערלאַנגט די האַנט: — רו דיך דאָרט אויס אַביסל אין עטאַפּ, און דערנאָך וועלן מיר שוין זען. די טאָרניסטערס וועל איך אייך אָפּשיקן היינט באַנאַכט מיט דעם משא־וואָגן.

די זון איז גראָד אויפגעגאַנגען. דאָס גיין איז מיר געווען אָנגענעם.

כ׳האָב געוואָלט נעמען בראַנדן אונטערן אָרעם, אָבער ער האָט געזאָגט: — כ׳קאָן אַליין.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען שטיל דורך די גרובנס, איבער דער גרינער לאָנקע, ביז מיר זענען אַרויפגעקומען אויפן וועג.

מיר זענען גיך מיד געוואָרן און זיך אַוועקגעזעצט אין דעם וועג־ראָוו. כ׳וואָלט איצט גערן געגעסן עפּעס אָדער געטרונקען. אָבער מיין טאָרניסטער איז נאָך געווען אויף דער ליניע.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. לעבן אַ טייך איז געשטאַנען אַן איינגעפאַלענע מיל, אַרומגערינגלט מיט בליענדיקן בעז. אונטן אין וואַסער האָבן זיך באַוועגט ווי די שלאַנגען גרינע געוויקסן. דערנאָך זענען מיר אַריין אין וואַלד און זיך געררוקט פאַרויס מיט דער סטעזשקע, אויף וועמעס ראַנדן ס׳זענען געוואַקסן רויטע יאַגדעס צווישן גרינע בלעטער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט מידע, אָבער גליקלעכע. מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער און ווידער גערוט און מיר זענען אָנגעקומען ערשט מיטאָגצייט אין לאַגער, ווי קינדער אויף אַן אויספלוג.

די פּאָזיציע־מלחמה 1917־18

1

כ׳האָב געהאַט דאָס רעכט אַרומצוגיין פּוסט־און־פּאַס גאַנצע טעג. אָבער אינגיכן איז מיר דאָס ליידיקגיין נמאס געוואָרן. כ׳האָב געלייענט דעם Simplicius Simplicissimus.

איך און בראַנד זעמיר געגאַנגען יעדן אינדערפרי מיט די קאָצן צו אַ דרומדיקן שיפּוע, ווו ס׳איז געוואַקסן ווייך גראָז און יונגע סאָסנעס. דאָרטן האָבן מיר זיך אויסגעטון נאַקעט; דערנאָך האָב איך מיך איינגעוויקלט אין קאָץ און מיך געלייגט אויף דער זון. כ׳האָב שטאַרק געשוויצט, אַז ס׳האָט מיר אַזש אַראָפּגעקאַפּעט פון שפּיץ נאָז. דערנאָך האָב איך מיך אַוועקגעלייגט, האַלב אָנגעטון, אין שאָטן. נאָך אַ געוויסער צייט פלעג איך ווערן זייער מונטער.

דעם איבעריקן טייל פון טאָג פלעגן מיר ליגן צווישן די יאַגדעס. ס׳איז דאָרט געווען אַזויפיל, אַז ס׳איז גענוג געווען צו רייסן זיי אַרום זיך, אַפילו נישט אויפשטייענדיק.

אַ טאָג פאַרן צוריקקומען פון דער קאָמפּאַניע פון פראָנט, האָבן מיר צונויפגעקליבן אַ מאַסע יאַגדעס פאַר לאַמען, האַרטנשטיינען און פונקען.

נאָך אַ וואָך צייט בין איך צוריקגעקומען צו מיינע כוחות. אַזוי, אַז כ׳האָב שוין געבענקט נאָך עפּעס אַ טעטיקייט. דער דאָקטער, וועמען כ׳האָב דאָס געזאָגט, האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ: —

מייט אַביסל געדולדיק! — אָבער כ׳האָב שוין אַליין נישט גע־גלויבט, אַז כ׳בין קראַנק.

II

בראַנד האָט זיך אומגעקערט מיט דער קאָמפּאַניע אויפן פראָנט, דערקענגן ווייקערט, יאָער און עטלעכע אַנדערע האָבן פלוצלינג געקריגן היץ און זענען געקומען צוריק. דידאָזיקע דערשיינונג האָט זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אויך אין אַנדערע קאָמפּאַניעס; פלוצלינג האָט די היץ דערגרייכט פערציק גראַד.

דערנאָך איז אונזער פּולק צוריקגעצויגן געוואָרן פון פראָנט און אָפּגעגאַנגען אין אַ לאַנגען מאַרש ווייט אַהינטער אין אָפּ־געלעגענע, דורך די מלחמה אומבאַרירטע דערפער, אין וועלכע די איינוווינער פלעגן אינאָוונט זינגען און שפּילן אויף גיטאַרעס. ס׳האָט מיך צעגעשטערענגט דער מאַרש. בראַנד, יאָער און אַ פּאָר אַנדערע זענען געווען אַזוי דערשעפּט, אַז דאָס לעצטע שטיקל מאַרש האָבן זיי געמוזט פאָ׳ן אויף די וועגעלעך פון די קוילנ־וואַרפערס.

כ׳האָב זיך ווידער אימגעקערט צום דינסט אין דער קאָמ־פּאַניע.

מיר האָבן נראַד געצאיבט אויף אַ לאָנקע, ווען ס׳איז אָנ־געלאָפן אַ שליח פון באַטאַליאָן.

— וויצעפעלדפעבל רען איז אָפּקאָמאַנדירט צום שטורם־באַטאַליאָן. ער דאַרף זיך שטעלן היינט דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, גרייט צום אָפּמאַרש, פאַר דער באַטאַליאָן־קאַנצעלאַריע.

— דער דינסט באַם שטורם־באַטאַליאָן — האָט געזאָגט לאַם — וועט פאַר דיר זיין בעסער, איידער אין די שוצגרובנס.

מיך האָט דאָס נישט זייער איבערצייגט. כ׳האָב איבריקנס נישט געהאַט קיין רעכטן באַגריף וואָס ס׳איז אַזוינס אַ שטורם־באַטאַליאָן.

פאַר דער קאַנצעלאַריע פון באַטאַליאָן האָב איך געטראָפן אַ יונגן לייטנאַנט, עטלעכע אונטעראָפיצירן און יעפרייטערס.

— וויצעפעלדפעבל רען פון דער דריטער קאָמפּאַניע מעל־דעט זיך צום באַפעל!

דער לייטענאַנט האָט זיך פאַרנויגט און געגריסט: — לינד־נער.

כ׳האָב זיך באַמיט צו דערשטיקן אַ שמייכל, אָבער אפשר האָבן פאָרט געציטערט די מוסקלען פון מיין פנים, מחמת ער האָט זיך פאַררויטלט: — ערשט נעכטן בין איך נאָמינירט געוואָרן אַלס לייטענאַנט.

— צי זאָל איך פעסטשטעלן, אויב אַלע זענען אויפן אָרט? — האָב איך זיך געפרעגט אויס פאַרלעגנהייט. לינדנער האָט קוים אויסגעזען פון אַ יאָר צוואַנציק.

מיר האָבן אַריינמאַרשירט אין אַ גרינעם טאָל.

— וואָס איז אייגנטלעך אַ שטורם־באַטאַליאָן, הער לייטע־נאַנט?

— כ׳ווייס אַליין נישט גענוי. כ׳ווייס נאָר, אַז מיר דאַרפן זיין אויסגעבילדעט דורכצופירן פּאַטרולן און אַטאַקן.

וויאַזוי קאָן מען דען אין עפּעס אַזוינס אויסגעבילדעט ווערן? — האָב איך געטראַכט.

אונזער אינסטרוקטאָר איז געווען אַ יונגער אָפיציר מיטן אייזערנעם קרייץ ערשטן קלאַס. ער האָט געהאַט אַ בערלינער אַקצענט און איז געווען מחוץ דעם דינסט אָנגעבלאָזן און גאווה־דיק, אָבער אין דינסט האָט ער פאַרגעסן אָן אַלעם. ער פלעגט דאַן זיין יוגנטלעך אוממיטלבאַר און פול מיט ברען.

די זון האָט געבאַקן. מיר האָבן געמוזט שלעפן קוילנוואַר־פערס און וואַרפן האַנטגראַנאַטן, אַראָפּלאָזן זיך אין גרובנס און קריכן געררוישלאָז. תחילת האָט עס מיך זייער אָנגעשטרענגט. כ׳פלעג שוויצן באַ יעדער געלעגנהייט, און די אומגעבונג איז מיר אַ פּאָר מאָל צערונען געוואָרן פאַר די אויגן, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. דערנאָך איז עס מיר געוואָרן פון טאָג צו טאָג לייכטער. דער דינסט האָט געדויערט פון פרימאָרגן ביז אָוונט, נאָר מיט צוויי אָדער דריי שעה מיטאָג־הפסקה. כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט אויף אַרומצוטראַכטן און מיך געפילט גוט.

לינדנער פלעגט תמיד זיין מיט מיר צוזאַמען, אַפילו מחוץ דעם דינסט.

— כ'קאָן מיך נאָך עפּעס נישט אַריינפּאַסן אין מיין אָפּי־צירן־ראָל — האָט ער געזאָגט צו מיר. — מיין פאַמיליע איז שרעק־לעך שטאָלץ דערויף, ווייל ס'איז קיינער פון זיי אַזוי הויך נישט דערגאַנגען. אָבער דאָס איז כלל נישט מיין פאַרדינסט. אין שלום־צייט וואָלט דאָס געווען אוממעגלעך.

III

האַרבסט־צייט האָב איך זיך לסוף אומגעקערט צו דער קאָמפּאַניע. קיינער האָט זיך שוין נישט געפרעגט וועגן מיין קראַנקייט. איך אַליין פלעג זיך דערמאָנען וועגן דעם, ווי וועגן עפּעס גאַנץ פרעמדס. כ'האָב מיך געפילט פולשטענדיק געזונט.

כ'האָב זיך געמאָלדן באַ לאַמען; ער איז גראָד געזעסן אין דער קאָמפּאַניע־קאַנצעלאַריע. ער האָט גענומען עפּעס אַ בלעטל פון טיש און עס מיר דערלאַנגט.

לייטענאַנט ר. לאַם ווערט באַשטימט אַלס שטאַב־אָפיציר פון ערשטן באַטאַליאָן. אויבערלייטענאַנט לעסבערג נעמט איבער אויף זיין אָרט די אָנפירונג פון דער דריטער קאָמפּאַניע.

— ווער איז דאָס?

— ער קומט פון דיוויזיע־שטאַב. פאַראַן נעמלעך אַ באַפעל, אַז די שטאַב־אָפיצירן מוזן דורכמאַכן דעם פראָנט־דינסט.

— און דאָס איז אַ גענוגנדיקער גרונט, אונז צוצונעמען די אָנפירערס?

— באַרויק דיך, כ'וואָלט אַזוי אויך געגאַנגען אין שטאַב אַריין.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט לאַם צונויפגעזאַמלט די קאָמפּאַניע.

— כ'בין געוואָרן איבערגעטראָגן אין באַטאַליאָן־שטאַב און כ'פאַרלאָז אייך היינט. איר פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז כ'טו עס מיט אַ שווער האַרץ. אָבער לייכטער מאַכט מיר מיין אַוועקגיין

דער גלויבן, אַז כ׳לאָז איבער מיין נאָכפאָלגער אַ גוטע קאָמפאַ-
ניע. אויף ווידערזען, קאָמפאַניע!

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

— אַזעלכע וועלן מיר שוין נישט קריגן מער — האָט גע-
זאָגט וואָלף, וואָס איז שוין געווען אויסגעהיילט פון זיין ווונד.

פונקע איז געזעסן אין ווינקל, געקייט דאָס שטיקל ציגאַר
און געמורמלט עפעס וועגן גוטע מענטשן.

איינאָוונט האָט זיך פאַרשפרייט דער קלאַנג, אַז דער בייער
אָנפירער איז שוין געקומען.

— און ווי זעט ער אויס?

— ער טראָגט אַ מאָנאָקל אין אויג און אַ שפיצרוט אין
האַנט.

— דאָס שטינקט מיט עטאַפן-דינסט.

כ׳האָב באַמערקט, אַז די גאַנצע קאָמפאַניע האָט אים שוין
נישט ליב, און דאָס נישט אייגנטלעך צוליב זאַכלעכע טעמים,
נאָר דערפאַר וואָס ער איז נישט געווען לאַם.

אויפצומאָרגנס באַ דער זאַמלונג האָט ער זיך באַוויזן. דער
פעלדפעבל האָט געקאָמענדירט אַכטונג און אים אָפגעגעבן ראַפאָרט.

— ס׳איז מיר היינט אָנגעטרויט געוואָרן די אָנפירונג פון
דער דריטער קאָמפאַניע. כ׳האָב געהערט פיל גוטס וועגן דער
קאָמפאַניע. כ׳רעכן, אַז די קאָמפאַניע וועט זיין די בעסטע אין
פולק. מיט גאָט, פאַרן קיניג און פאָטערלאַנד! דאָס איז געווען
תמיד און וועט אויך פאַרבלייבן אונזער דעוויז. און דערמיט באַגריס
איך אייך! רוט! פעלדעבל, כ׳בעט מיר פאָרצושטעלן די
אונטעראָפיצירן!

— וויצעפעלדפעבל רען!

— איר טראָגט וויקל-קאַמאַשן. איז דאָס אין פולק דער-
לויבט, פעלדפעבל?

— ער איז געקומען ערשט מיט צוויי טעג צוריק פון
שטורם-באַטאַליאָן.

— דאָס איז גוט, מיר׳ן דאָ צונויפשטעלן אַ גאַנצן שטורם-
פלוטאָן. איבריקנס שטייט, ווי כ׳זע, די גאַנצע קאָמפאַניע אויס-

געמישט ווי קרויט מיט אַרבעס, אַלטע לעבן יונגע און ריזן לעבן קאַרליקעס. צי האָט קיינער נישט געפּרווט דאָס צו ענדערן?

— ניין, הער אויבערלייטענאַנט. די ביזאַהעריקע אָנפירערס פלעגן תמיד דערלויבן, אַז די באַקאַנטע זאָלן זיין נאָענט לעבן איינאַנדער.

— דאָס איז אוממעגלעך. דאָס זעט דאָך כּלל נישט אויס ווי מיליטער. מיר וועלן תיכּף איבערפאָרמירן. איר, רען, קומט מיט מיר און ווייזט מיר אָן די מענטשן, וואָס זענען טויגבאַר פאַרן שטורם־באַטאַליאָן.

כ׳האָב אָנגעוויזן אויף וואָלפן.

— גוט.

כ׳האָב אָנגעוויזן אויף פונקען.

— דעם? פונוואַנען נעמען זיך בכלל אין דער קאָמפּאַניע אַזעלכע אַלטע לייט? כ׳ווינטש זיך אייך צו זען דאָס אַנדערע מאָל אַרומגעוואַשן און אָנגעטון אין אַ בעסערער בלוזע!

מיר האָבן צונויפגעשטעלט דעם נייעם פּלוטאָן מיטן אונטעראָפיציר האַופע און דעם יעפרייטער זעגנער אַלס גרופּנפירערס! אַ דריטער גרופּנפירער האָט נאָך געפעלט.

— ווי הייסט איר? — האָט געפרעגט לעסבערג אַן אַכצניעריקן יונגל מיט שטראַלנדיקע, בלאָע אויגן, וועמען כ׳האָב באַכנישט געקאָנט.

— העהנעל, הער אויבערלייטענאַנט! — האָט אויסגעשריגן דאָס יונגל.

כ׳האָב אָנגעקוקט לעסבערגן פון דער זייט.

ער האָט געהאַט אַ בלאַסן, עטוואָס אָנגעשוואָלענעם פּנים און ליפּן, וועמעס ווייכקייט ס׳איז מיר נישט געפעלן.

IV

לעסבערג האָט צוליב דער פאָרמירונג לויט דער גרייס נאָכמער פאַרשאַרפט קעגן זיך די אַנטיפּאַטיע פון דער קאָמפּאַניע, בפרט בײַ די יעניקע, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין די פרי־

לינגס־קאַמפן, האָבן זיך צונויפגעלעבט מיט איינאַנדער און זיך געמוזט מיט אונז פונאַנדערשיידן. דאָס זענען אָבער געווען די איינציקע, וואָס האָבן אָפן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג. פונקע האָט אים אַפילו פאַרטיידיקט אין זיין אומגעהויערער גוטמוטיקייט, הגם לעסבערג פלעגט אים תמיד באהאַנדלען מיט ביטול און אים אָפט געהאַט עפעס פאָרצוואַרפן אין זיין האַלטונג אָדער אין זיין אָנצוג.

אין טאָג נאָך דער פאָרמירונג האָבן מיר אָפמאַרשירט אין די שוצגרובנס. אין דערדאָזיקער נאַכט האָט זיך לעסבערג נישט באַוויזן. ער איז ערשט געקומען צומאָרגנס אינדערפרי, כדי זיך אַלץ דורכצוקוקן. כ׳האָב אים געוויזן מיין פלוטאָן־אָפשניט. עפעס אַן עלטערער זעלנער האָט אויסגעקערט דעם גרובן.

— דער מאַנגל אין זויבערקייט בא אייערע לייט וואַרפט זיך פשוט אין די אויגן. כ׳וועל דערויף שטרענג מדקדק זיין. דערדאָזיקער מענטש זעט אויס ווי אַ דבר־אחר.

— דאָס וועט זיין אוממעגלעך, כל־זמן מיר וועלן נישט באַקומען קיין בעסערע שוצגרובנס, ס׳רוב פון זיי האָבן אַזעלכע ענגע אַרויסגענג, אַז מ׳מוז אַרויסקריכן אויף אַלע פיר און מ׳ווערט דערביי איינגאַנצן שמוציק.

— בא מיר איז נישט פאַראַן קיין אוממעגלעכקייטן! — האָט ער אָפגעענטפערט שאַרף.—מיר מוזן דאָס אומבאַדינגט דורכפירן!

אין נאָענטסטן אָקאָפּ־איינגאַנג איז געזעסן איינער, האַלב אויסגעטון, און געזוכט לייז. ער האָט זיך אויפגעהויבן פאַרלעגן, האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שטעלן אויף אַכטונג, מחמת דער איינגאַנג איז געווען צו נידריק.

— שטעלט אייך אָרנטלעך אַוועק! — האָט אים אָנגעשריגן לעסבערג.

דער זעלנער איז אַרויסגעגאַנגען און פאַרשטעלט מיט זיך דעם גרובן.

— וואָס האָט דערדאָזיקער מענטש איצט צו טון? — האָט מיך געפרעגט לעסבערג.

— איצט האָבן די מענטשן פרישטיק־הפסקה, הער אויבער־לייטענאַנט.

— ווי לאַנג ?

— דאָס איז נישט אַזוי גענוי פעסטגעשטעלט ; אַחוצדעם איז איצט די צייט פון שלאָפן.

— פארוואָס איצט ?

— ווייל זיי האָבן געהאט באַנאַכט טראַנספּאָרטן ; הייַנטיקע נאַכט זענען אָנגעקומען אייזנבאַן־שינעס און מיטעלע מינעס פאַר די מינענוואַרפער.

— ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט ?

— פון האַלבער נאַכט ביז פאַרטאָג.

— האָבן זיי מסתּם אַ הוליע־געטון !

— די מינעס זענען זייער שווער און מ׳מוז זיי טראָגן פאָרזיכטיק.

כ׳האָב באַמערקט, אַז לעסבערג האָט געזוכט עפּעס איינ־צווווענדן, אבער ער האָט זיך משמעות צו ווייניק געקענט דערויף.

— אונטעראָפיציר פון גרובן־דינסט ! — האָט זיך געמאָלדן דער לאַנגער זענגער.

— האָט איר זיך שוין היינט געוואַשן ? — זענגער האָט ווירק־לעך געהאַט אַ זייער ברודיק פּנים.

— ניין, הער אויבערלייטענאַנט, מיר האָבן נישט קיין וואַסער אין גרובן.

— דאָס איז נישט קיין תּירוץ ! ווער עס וויל נאָר, דער וועט שוין אַביסל וואַסער באַקומען. מיין ליבער רען ! דאָס איז אויסגעשלאָסן ! מיר זענען דאָך נישט קיין גזלנים־האָרדע, נאָר אַ קאָמפּאַניע פון זיין מאַיעסטעט ! — דידאָזיקע שיינע ווער־טער זענען אים קענטיק אַליין געפעלן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ פּאָסטן. דאָס איז געווען אַ יונגער, רויטבאַקיגער חברהמאַן, וואָס האָט געמאָלדען שאַרף.

לעסבערג האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— נו, זאָגט־זשע מיר, וואָס איר האָט דאָ צו אָבסערווירן !

דאָס יונגל האָט דערקלערט.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער.

— אַזוי דאַרפן זיין אַלע מענטשן אין אייער פּלוטאָן, אַזוי פריש און גלייך!

— דאָ איז די רעכטע גרענעץ פון מיין פּלוטאָן־אָפּשניט, הער אויבערלייטענאַנט!

— די פּלוטאָנפירערס מעלדן זיך אין מיין שוצגרוב עלף בזייגער! אַדיע!

כ'האָב זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט זענגערן.

— אָבער מיט אים איז זיך לייכט אן עצה צו געבן — האט ער געלאַכט. — אינגיכן וועלן מיר וויסן, ווען ער מאַכט די איבערבליקן, און דאַן וועלן מיר אַוועקשטעלן אינדרויסן סאַמע שיינע בחורים.

אַרום עלף אַזייגער האבן זיך צונויפגעקליבן די פּלוטאָנפירערס לעבן זיין שוגרוב. ער האָט אונז פאַרגעהאַלטן אפשר צוויי שעה נאָכאַנאַנד די פאַרשידנסטע עברות און אויפגעגעבן די מיטלען, ווי אַזוי זיי מתקן צו זיין.

לסוף האָט ער אונז באַפרייט.

— וואָס זאָל מען דאָ טון, הער לייטענאַנט? — האָב איך געפרעגט דעם אָנפירער פון ערשטן פּלוטאָן. — דאָס איז דאָך אוממעגלעך. באַס דאָזיקן סיסטעם וועלן דאָך די מענטשן פשוט נישט האָבן קיין צייט זיך אויסצושלאָפן.

— מען זאָגט: יאָ, און מען טוט, ווי מ'וויל — האָט זיך צעלאַכט דער לייטענאַנט. טרעפטע האָט אויך מיטגעלאַכט. מיר איז גאָרנישט געווען צום לאַכן, כ'האָב זיך געזאָרגט וועגן מיינע מענטשן. און וואָס האָב איך איצט געזאָלט טון? האָרכן מוז מען דאך, און גלייכצייטיק זאָרגן וועגן די אונטערטעניקע.

V

ס'איז אָנגעקומען ווינטער.

דער פאַסטאָר שלעכטע איז אַוועקגעגאַנגען פון אונז. זיין

אָרט האָט פאַרנומען עפּעס אַ יונגער גלח. ער איז געווען דער־בײ װיצעפעלדפעבל אין אונזער פאָלק. און ער האָט אויך גע־פּרעדיקט אין דאָזיקן אוניפאָרם. דער האָט אונז שוין נישט גע־פּייניקט מיט דער פראַגע, אַלמאַי גאָט האָט דערלאָזן צום אויס־ברוך פון דער מלחמה, נאָר ער האָט דערציילט זייער פּשוט בוּן מיט גרויס פרישקייט זאַכן פון דער ביבל. דער רושם פון זיינע ווערטער איז געווען אַזוי גרויס אז מ׳פלעגט אַזש דערנאָך רעדן און די באַראַקן וועגן זיינע דרשות.

אָבער איינמאָל איז ער געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט און אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם פראָנט. דאָס איז געווען אַ מערקוויר־דיקער מענטש.

— דער קייזער האָט נישט באַדאַרפט אָנהויבן די מלחמה — האָט ער געזאָגט אין זיין דרשה און קורץ דערנאָך: — דער קיי־זער האָט נישט אָנגעהויבן די מלחמה.

די דרשות פון דאָזיקן מענטש האָבן מיך כּלל נישט געאַרט, כ׳האָב געהאַט אַ געוויסע הנאָה זיך צוצוהערן, ווי אַזוי ער קומט אייגנטלעך צו זיינע אויספירן. איינמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט: — ס׳דאַרף פאַר אייך זיין אַ גליק צו שטאַרבן פאַרן קיניג און פאָטערלאַנד!

צי האָט דער גלח גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם, ווי מיר פילן אָפּ די מלחמה? אָדער אפשר האָט ער געהאַלטן די מלחמה פאַר אַ גוטע זאַך? צו וואָס האָט ער באַרירט פון דער בימה דעמדאָזיקן אָנגעווייטיקטן פונקט פון מלחמה?

אַ טאָג נאָך דערדאָזיקער דרשה האָט געהאַלטן איינער פון די אָפיצירן אַ פאָרטאַג, אין וועלכן ער האָט אויפגעקלערט, אַלמאַי מיר פירן מלחמה און צו וואָס ס׳איז אונז נויטיק געווען בעלגיע. — וואָס? פאַרהאַלטן דאָס פאַרשאָלטענע בעלגיע? צוליב וועלכע ס׳איז אויסערלעכע נוצן זאָלן מיר זיך באַלאַסטן מיטן דאָזיקן פאָלק? — שוין־זשע מיינען אונזערע פירערס, אַז די מלחמה װעט אונז בעסער שמעקן, וויבאַלד זיי וועלן אונז אויסדערציילן זייערע אייגענע זאָרגן?

כ׳בין אַריינגעפּאַלן אין גריבלעניש. וואָס איז דען דאָס פּאָטערלאַנד? אַ פאַרעלטערטער אויסדרוק? אָבער ס׳איז דאָך פּאָרט עפּעס. און כ׳האָב עס אפשר ליב אויך.

IV

מ׳האָט געזאָגט, אַז אין מערץ וועט פּאָרקומען אַ גרויסע דייטשישע אָפּענסיווע. כ׳האָב געמוזט מודה זיין, אַז לעסבערג האָט גוט אויסגעבילדעט די קאָמפּאַניע. אפשר איז זי געווען באמת די בעסטע אין פּולק. זי איז געווען בעסער פּאָרגעבריייט, איידער אין יאָר 1914 באַם אַרויסמאַרש.

מיטאַמאָל איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַ קלאַנג: דער אויבערלייטענאַנט קערט זיך צוריק אום צום שטאַב. ער האָט זיך בכן אַרויסגעדרייט. ער איז ספּעציעל צו דעם צוועק אַוועק אין אור-לאָפּ. אָבער פאַרן אַוועקגיין האָט ער נאָך געזאָלט אונטערנעמען אַ גרעסערן פּאַטרול, כדי צו כאַפּן געפאַנגענע. און דערנאָך האָט מען דעם פּולק געזאָלט איבעררוקן פון פראָנט אויפן אָרט פון דער אָפּענסיווע.

לעסבערג האָט געהייסן אַוועקשטעלן באַם וואַלדלאַגער אַן איבונגס-טאָוול, וואָס האָט נאָכגעמאַכט די פיינטלעכע שוצגרובנס לויט פליער-אויפנאַמעס. דערויף האָבן זיך געזאָלט איבן די אויסדערוויילטע מענטשן.

ס׳איז געקומען צו מיר האָופּטע: — איך נעם נישט קיין אָנטייל אין דער אונטערנעמונג.

דאָס האָט מיך זייער געחידושט. ער איז געווען דער בעסטער פּאַטרולן-פירער אין דער קאָמפּאַניע.

— היתכן?

— דער אויבערלייטענאַנט האָט מיר געוויזן דעם פּלאַן, און דאַן האָב איך אים געזאָגט: דאָס וועט זיך נישט איינגעבן. פאַראַן צופיל מענטשן דערביי.

— ווייסטו, וויפל?

—דער לייטענאַנט לינדנער זאָל זיין דער אָנפירער. אַחוץ-

דעם נעמען אָנטייל די שטורעם־טרופּן פון העהנעל און זענגער און נאָך עטלעכע פון אַנדערע פּלוטאָנען. עס זאָלן אויך דערביי זיין פּיאָנעון, כדי אויפצורייסן אינדערלופט די פראַנצויזישע דראָטנעצן, און אַ גאַנצע מאַסע אַרטילעריע און מינעוואַרפערס און מאַשינגעווער.

טאָ ווער איך עס אויך נישט מיטמאַכן, האָב איך גע־טראַכט קאַלט.

ס׳איז אָנגעקומען דער באַשטימטער פּאַטרולן־אָוונט.

ס׳איז אויפגעפלויגן אַ ליכט־ראַקעט און דאָס שיסן האָט זיך אָנגעהויבן. — אַ גראָבער פעלער, האָב איך געטראַכט, דער באַפעל אָנצוהויבן דאָס פייער מיט אַ ליכטצייכן פון דעם אָרט, פונוואַנען מ׳וויל אַטאַקירן. אַ קלוגער קעגנער וועט תיכף פאַר־שטיין אַלץ.

פון הינטן האָט געקנאַקט און געברומט.

כאַך — כאַך — כאַך — ש! זענען געפלויגן אינדערלופטן די שווערע מינעס און דעטאָנירט מיט ברייטן קראַך. דאָס גרעגערן פון די קוילנוואַרפערס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב נישט ווילנדיק איינגעבויגן דעם קאָפּ, הגם איך האָב געוווסט, אַז זיי האָבן בכיוון געשאָסן צו הויך און נאָר געזאָלט פאַרטומלען דעם שונא. דאָס האָט שוין געדויערט גאַנצע מינוטן. — צו לאַנג! צו לאַנג! דאָס קאָן נישט געלונגען! די שטורעם־טרופּן האָבן פאַר־לאָזט די גרובנס. דערווייל האָט מען געשאָסן אומאויפהערלעך ווייטער.

אַ קראַכן נישט ווייט. צי האָט מען אויגעריסן די דראָט־נעצן, אָדער ס׳איז גאָר אַ פראַנצויזישער גראַנאַט?

ראַמם! ראַמם! ראַמם! ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פראַנ־צויזישע פאַרשפּאַר־פייער מיט אומגעוויינלעכער קראַפט:

כ׳האָב געציטערט פאַר אויפרעגונג. העהנעל, זענגער און דער גרעסטער טייל פון מיין פּלוטאָן זענען געווען פאָרנט.

עמעצער איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם גרובן, הינטער אים אַנדערע.

וואָס איז דען אייגנטלעך געשען? — האָט געשריגן זענגער.

—פאַרוואָס האָט מען אונז געהייסן צוריקגיין? — האָט געפרעגט העהנעל.

— פאַרוואָס האָט איר נישט אָנגעגריפן? — האָט געשריגן לעסבערג.

— דער לייטענאַנט לינדנער האָט געשריגן פון פאָרנט: צוריק! צוריק! — האָט געזאָגט העהנעל.

לינדנער איז אַריינגעשפרונגען אין דעם גרובן. אַרום האָט מען שטאַרק געשאָסן.

— דאָס האָב איך נישט גערופן „צוריק!" נאָר די פיאָנערן, ווייל די דראָטנעץ איז נאָכנישט געווען אויפגעריסן.

— ובכן, איצט פאָרויס! — האָט געשריגן לעסבערג אויפגערעגט.

זענען די שטורם-טרופן גרייט? — האָט געפרעגט לינדנער.

— ניין, איצט איז אַלץ אויסגעמישט! — האָט געשריגן זענגער, כדי מ'זאָל אים קאָנען הערן. — כ'האָב נאָר דאָ צוויי מענטשן!

— רופט אַהער די אַנדערע! — האָט געשריגן לעסבערג.

— הער אויבערלייטענאַנט! — האָט העהנעל געזאָגט רויק — ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן!

— כ'קען נישט קיין שום „נישט איינגעגעבן!" — האָט געשריגן לעסבערג.

— הער אויבערלייטענאַנט! — האָט געזאָגט זענגער. — דער פּלאַן איז געווען פאַלש צונויפגעשטעלט.

— צוריקרוקן זיך! — האָט געשריגן לעסבערג און איז אַוועקגעגאַנגען. מ'האָט נאָך כסדר שטאַרק געשאָסן פון ביידע זייטן.

לאַם איז געקומען צו לויפן: — דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדיר פרעגט, וויפל ס'זענען דאָ געפאַלענע? ס'איז דאָך שוין באַוווסט מסתם!

— אַלץ דורכגעפאַלן!

ער האָט מיך שטאַרק אָנגעקוקט: — היתכן?

כ'האָב אים אָנגעהויבן אַריינשרייען אין אויער, כדי ער

זאָל מיך פאַרשטיין אינמיטן דעם געקנאַלעריי. ס׳האָט זיך אויפ־געהויבן אַ ראַקעט, דער צייכן פון פאַרענדיקונג.

— אַך, די שטאַבן וועלן זיך דאָס וואַרפן פאַר כּעס! ביז אַרויף צום אַרמעע־אָנפירער האָט ער אַלאַרמירט פאַר דערדאָזיקער זאַך.

לאַם איז אַוועקגעלאָפן.

דאָס פייער האָט אויפגעהערט. כ׳האָב געהאַט אין פלוטאָן צוויי פאַרווונדעטע דורכן פראַנצויזישן פאַרשפּאַר־פייער.

VII

באַגינען איז געקומען אַ שליח.

— דער הער פעלדפעבל זאָל זיך שטעלן פאַרן הער אויבערלייטענאַנט.

ער איז געזעסן איינגעבויגן אויף אַ שטול. ער איז אויפ־געשטאַנען אַ מידער:

— מיין ליבער רען! צי וואָלט מעגלעך געווען צו געפי־נען מענטשן, וואָס זאָלן אונטערנעמען היינטיקע נאַכט דעם פרווו צו כאַפּן געפאַנגענע?

— צי וועט ווידער אָנטיילנעמען אַרטילעריע און מינען־וואַרפערס?

— ניין, מיר מוזן פרווון צו מאַכן דאָס געהיים.

— דאַן וועל איך זיך אונטערנעמען דורכצופירן דעם פּאַטרול, הער אויבערלייטענאַנט, צי וואָלט איך געקאָנט זען פליער־אויפנאַמעס?

— אַלץ, וואָס איר ווילט, מיין ליבער רען!

כ׳האָב זיך קודם־כּל געוואָרפן צו די פליער־אויפנאַמעס. זיי זענען געווען אַזוי שאַרף, אַז מ׳האָט געקאָנט דערקענען אַפילו די דראָטנעצן. אין עפּעס אַ גרובן־פאַרבויג אויף פאָרנט האָב איך געפונען אַן עטוואָס ברייטערן אָרט, וואָס האָט לויט זיין פאָרם געדאַרפט זיין אַ פּאָסטן. וואָס אַן אמת איז דאָסדאָ־

זיקע אָרט געלעגן אין אַ פּונקט פון פיינטלעכן גרובן־סיסטעם, וואָס איז געווען דערווייטערט פון אונזערע ראָוון אויף אַ זיבן הונדערט מעטער. אָבער דאָס האָט ווידער געהאַט די מעלה, וואָס זיי האָבן דאָרט אַמווייניקסטן דערוואַרט אונזערס אַן אָנגריף.

כ׳בין אַוועק צו האַופּען.

— כ׳וועל נישט גיין, סיידן אויף אַ באַפעל — האָט ער געזאָגט.

כ׳בין געגאַנגען צו האַרטנשטיין.

— דו וועסט שוין מסתּם קיינמאָל קיין שכל נישט האָבן! — האָט ער געזאָגט. — פאַר לעסבערגן, דעמדאָזיקן הונט, ריר איך נישט מיט קיין פינגער! נאָר דיר צוליב מוז איך מיטגיין. כ׳האָב דאָ נאָך איינעם, לעשעל. ער האָט, וואָס אַן אמת, נישט דורכגעמאַכט קיין איבונגען, אָבער דער חברהמאַן איז שטאַרק און קלוג. סאַראַ פּלאַן האָסטו דאָס צוגעטראַכט?

— כ׳האָב באַשלאָסן צו פּאַקן און אַוועקשלעפּן דעם פּאָסטן. דערצו וועט גענוג זיין מיר דריי. און דאַן באַדאַרף איך פיר מאַן צום דעקן, אַז מיר זאָלן נישט ווערן איבערגעפאַלן. כ׳האָב דאָ עטלעכע יונגע חברהלייט, וואָס וועלן זיך טויגן דערצו.

בעת ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך אָבסערווירט די פראַנצויזישע גרובנס פון אַ העכער געלעגענעם אָקאָפּ־טייל. דער אָבסערוואַציע־אָפיציר פון אַרטילעריע האָט מיר אויסגעבאָרגט דערצו זיין לאָרנעטע. כ׳האָב געמוזט פאַרגעדענקן גענוי געוויסע פּונקטן אין באָדן, און דערהויפּט איין העלער אָרט — דערנאָך אַ קליינע פאַרטיפונג, קוים אויף אַ פּאָר שפּאַן די ברייט. די האָט געפירט צו אַ דראָטנעץ־עק. פון דאָזיקן אָרט איז נאָך געווען אַ דרייסיק טריט צו דעם פּאָסטן.

נאָכמיטאָג האָב איך זיך געלייגט שלאָפן.

קורץ פאַר עלף האָבן מיר אַרויסגערירט.

מיר זענען געווען אָנגעטון אין סוועטערס, די זאָקן אַריבערגעצויגן איבער די הויזן, אין די קעשענעס האָבן מיר אַריינ־

געלייגט רעוואָלווערן און מעסערס. האַרטנשטיין און לעשעל האָבן אויסגעזען מעכטיק און געפערלעך.

מיר האָבן געשפּאַנט אין דרייען פּאָרויס. הינטער אונז זענען געגאַנגען די פיר יונגעליטלעך מיט ביקסן און האַנט-גראַנאַטן. די לבנה האָט געשיינט.

דער באָדן איז געווען געפרוירן אויף האַרט, און דאָס אויסגעוואַקסענע, געפרוירענע קרויט האָט געטרעשטשעט אונטער די טריט.

מיר האָבן זיך דורכגעקריגן איינער הינטערן אַנדערן דורך אונזערע פיר דראָט-פאַרצוימונגען. דאָרט איז געלעגן אַ טויטער פראַנצויז, וואַרשיינלעך נאָך פון פאָריקן פרילינג. ער האָט שוין גיכט געשטונקען.

דאָ פאַר די פּאָסטנס האָב איך געזאָגט די יונגעלייט, אַז מ׳האָט נאָך דאָ כּלל נישט געמאַכט קיין אויסשפּירונגען, און אַז מיר מוזן אין אַ געוויסער נאַכט זיך אַרומקוקן און אָנגרייפן.

— די לבנה וועט אונטערגיין אין צוויי ביז דריי שעה שעה אַרום, ביז צו יענער צייט מוזן מיר זיך שלייכן לאַנגזאַם פאָרויס.

די לבנה האָט אונז געשיינט אין פּנים אַריין, דער שונא האָט בכן נישט געקאָנט זען די קאָנטורען פון אונזערע שאָטנס.

מיר האָבן זיך געשלייכט ווייטער, זיך אַוועקגעלייגט דערנאָך און אָנגעהויבן צו קריכן. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר דער ערשטער ריי פון דער פראַנצויזישער דראָטנעץ. די לבנה איז נאָך געשטאַנען פאַר אונז. די דראָטנעץ איז געווען צו גרויס, אַז מ׳זאָל זיך קאָנען דורכקריגן, נישט ווענדנדיק אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. האַרטנשטיין איז אַריבערגעקראָכן אויף רעכטס און געפונען דאָרט אַ צעשאָסן אָרט. מיר האָבן איבער-געלאָזט די אַנדערע פון הינטן, קריכנדיק פאָרויס זייער לאַנג-זאַם און אָנשטרענגנדיק די שמיעה. טריט און שטימען. ס׳האָט געקאָנט זיין העכסטנס איינס אַ זייגער. ס׳האָט זיך מיר גע-דוכטן, אַז אין אַ געוויסן אָרט האָב איך באַמערקט אַ באַוועג-

גונג, אָבער כ׳בין נישט געווען אינגאַנצן זיכער. ווידער טריט. דאָס האָט געמוזט זיין דער פאַרביטענער פּאָסטן.

מיר זענען געבליבן ליגן, ביז די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. דאַן בין איך צוריקגעקראָכן און געברענגט די אַנדערע, צוערשט דורך דער ערשטער דראָטנעץ, דערנאָך דורך אַ צווייטער, וואָס איז געלאָפן אויף אַהינטער. אויף אַ פופציק טריט האָט זיך דער פראַנצויזישער שוצגרוב געצויגן פּאַראַלעל צו דער צווייטער ריי דראָטנעץ. דער פּאָסטן האָט געשפּאַנט טיילמאָל אַהין און אַהער און געהוסט. ס׳איז דאָרט געווען נאָר איין מענטש. מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט זען אין דער פינצטערניש.

מיר זענען געקראָכן גאַנץ לאַנגזאַם פאַרביי דעם פּאָסטן און געטראָפן אַ צוואַנציק טריט ווייטער האַרטנשטיין.

מיר האָבן זיך געווענדט אויף לינקס. כ׳האָב אָנגעהויבן צו זוכן די לוקעס אין דער דריטער דראָטנעץ. דאָס האָט געדויערט אַן אַנדערטהאַלבן שעה. מיר האָבן איצט געמוזט זיין פאָרזיכטיק, ווייל ס׳האָט זיך אָנגערוקט די נייע וואַך־פאַרבייטונג. מיר זענען נאָך אַלץ געקראָכן לענגאויס דער דראָטנעץ און געפונען לסוף אַן אָרט, ווו ס׳איז געווען ווייניק דראָטן. דאָרט זענען מיר געבליבן ליגן שטיל. צוויי מענטשן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שיצן אונז פון רעכטס. די אַנדערע צוויי זענען געוואָרן אייגנטלעך אומנויטיק.

טריט פון עטלעכע מענטשן אין דעם גרובן. זיי האָבן געזידלט עמעצן. דריי שטימען; ס׳האָבן אָבער געקאָנט זיין נאָך מער מענטשן. וואָס האָבן זיי געוואָלט? זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן נישט ווייט פון אונז רעכטס. אפשר איז דאָרט געשטאַנען אַ טאָפּעלער פּאָסטן? מ׳האָט בכן געדאַרפט אַריינשפּרונגען אין גרובן צווישן ביידע פּאָסטנס.

ווידער טריט. צוויי מענטשן. לינקס איז בכן אויך געווען אַ טאָפּעלער פּאָסטן? זיי זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי אונז.

אַ הוסטן.

אַ שמועס. דאָס האָט מען פאַרביטן די וואַך.

טריט פון צוויי מענטשן אויף לינקס. אַלמאי זענען זיי

אווּעק מיט אַן אַנדערן וועג, ווי מיט דעם, וואָס זיי זענען גע־קומען ? צי וועלן זיי נאָך צוריקקומען ?

מיר זענען געלעגן שטיל. כ׳האָב אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזנקעשענעס, ווייל זיי זענען אינגאַנצן פאַרשטאַרט געוועזן פון קעלט. אַ שטילקייט, נאָר טיילמאָל עפּעס אַן אָפּהוסטן.

זיי זענען נישט צוריקגעקומען. אפשר האָבן זיי זיך גע־דאַרפט אומקערן דורך אַן אַנדערן גרובן־אָפּשניט.

כ׳האָב אַ שטויס געטון האַרטנשטיינען און לעשעלן. האַרטנשטיין האָט זיך אויפגעהויבן, מיר נאָך אים.

צוערשט פאָרזיכטיק דורך די דראָטן.

כ׳האָב זיך געלאָזט לויפן צום גרובן.

הינטער מיר איז עמעצער אומגעפאַלן, אַ נערוועזער אויס־ברוך פון געלעכטער.

כ׳בין אַריינגעשפּרונגען אין גרובן, האַרט הינטער מיר לעשעל און האַרטנשטיין. ס׳האָט געקאָנט זיין קוים פופצן טריט צום פּאָסטן. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן פאָרויס.

אַ גערויש פאַר אונז.

אַ שאָס פון הינטן.

די וואַך־שטעל איז געוועזן ליידיק, ס׳איז דאָרט געלעגן בלויז אַ האַנטגראַנאַט. דער פּאָסטן איז אַנטלאָפן. אַך, דאָס פאַרשאָל־טענע געלעכטער.

כ׳האָב אַרויסגעקלעטערט פון גרובן אויף לינקס.

צוויי שאָסן כמעט צו גלייכער צייט פון הינטן.

מיר זענען געלאָפן צו דער דראָטנעץ.

פון לינקס צוויי שאָסן !

דורך די דראָטן !

הינטער מיר האָט עמעצער שטיל געיאָמערט.

כ׳האָב זיך דורכגעקריגן דורך דער דראָטנעץ און אַנידער־געקניט.

אַ שאָס !

אַלע נאָך מיר. אינדערלופטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ ראַקעט.

מיר האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דר׳ערד. דאָ און דאָרט עטלעכע שאָסן, זיי האָבן אונז מסתם נישט געזען.

ווידער אַ ראַקעט. נאָך צוויי שאָסן און הויכע, האַסטיקע רייד. די סכּנה איז נאָך אַלץ געווען זייער גרויס. זיי האָבן אונז געקאָנט אָפּשניידן דעם וועג בײַ דער פּאָדערשטער דראָט-נעץ. אָבער דאָס וואָלט געווען פאַר אונז גינסטיק. דאַן וואָלט מיר געקאָנט מיט אונזערע זיבן מענטשן אָנגרייפן אין דער ריכ-טונג פון אונזערע אייגענע שוצגריבער.

די ליכטקוילן האָבן זיך אויסגעלאָשן. מיר זענען צוגע-קראָכן צו דער פּאָדערשטער דראָט-נעץ. עמעצער האָט זיך דער-נענטערט צו מיר.

— לעשעל איז פאַרוווּנדעט אין פוס.

— קאָן ער מיטגיין ?

— יאָ.

מיר האָבן זיך דורכגעקריגן דורך דער פּאָדערשטער דראָט-נעץ, דערנאָך זענען מיר אויפגעשטאַנען, כּדי צוריקצוגיין. לע-שעל האָט געהינקט. כ׳האָב ערשט איצט באַמערקט, ווי געפּרוּווירן איך בין.

— כ׳וועל קיינמאָל נישט גיין אויף קיין פּאַטרול מיט אַזעלכע יונגלעך, וואָס קאָנען זיך נישט באַהערשן ! — האָט גע-ברומט האַרטנשטיין.

פאַר אונזער גרובן איז געשטאַנען טרעפּטע.

— גאָרנישט ?

— גאָרנישט, נאָר איין פאַרוווּנדעטן. גייט אין אייערע שוצגרובנס ! איך מוז צום הער אויבערלייטענאַנט.

לעסבערג איז געשלאָפן און מ׳האָט אים אויפגעוועקט. איך האָב איט אָפּגעגעבן באַריכט וועגן אַלעם.

— דאָס איז געווען מיין לעצטע האָפענונג — האָט ער געזאָגט. — איצט וועט שוין גאָרנישט העלפן. מאָרגן וועלן מיר פאַרביטן ווערן.

VI

אויפצומאָרגנס אינאָוונט זענען מיר פאַרביטן געוואָרן און מיר האָבן אָפּמאַרשירט אין לאַגער, כ׳בין געווען זייער מיד.

באַגינען האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט פאַר די באַראַקן, גרייט צום אָפּמאַרש. די מענטשן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם דורכגעפאַלענעם גרויסן פּאַטרול, האָבן זיך נאָכנישט געהאַט אומגעקערט פון מעניקורט, וווהין זיי זענען אַוועק נאָך דער אומגעלונגענער אונטערנעמונג.

— אומדערהערט! — האָט געזאָגט לעסבערג. — זיי זענען שוין דאָ מחויב געווען צו זיין פון אַ גוטער האַלבער שעה! אָבער ווען מ׳ברויך נישט עמעצן, לאָזט מען אים פּשוט איבער אויף גאָטס באַראָט! פעלדפעבל, צי האָט איר מודיע געווען, אַז כ׳ווינטש מיר נישט צו זען דעם לייטענאַנט לינדנער?

— יאָ, הער אויבערלייטענאַנט.

לעסבערג האָט שוין געהאַט פאַר אונז געהאַלטן זיין אָפּשידס-רעדע. מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף די פּאַטרול-לייט. דאָס גראָז צווישן די סאָסנעס איז געווען אויסגעטרעטן. די שפּורן פון די וואָגן-רעדער און שטיוול זענען געווען האַרט צוגעפרוירן.

מיטאַמאָל האָט זיך פון הינטערן וואַלדראַנד באַוויזן זענגער מיט אויפגעשפּיליעטן קאָלנער און די ביקס נאַכלעסיק אָנגעהאָנגען אויף אַהינטער. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן די אַנדערע. זיי האָבן געבראָדזשעט אָן אַ סדר. איינער האָט געטראָגן דעם העלם אויפן קאָפּ, דער אַנדערער האָט אים געהאַלטן אין האַנט. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען אַזוינאָך מיינע מענטשן. דאָס האָט געמוזט זיין בכיוון.

— אונטעראָפיציר זענגער, צי קאָנט איר נישט אַהערפירן אָרנטלעך אייערע מענטשן, ווען אייער קאָמפּאַניע-פירער וויל זיך מיט אייך געזעגענען?

זענגער האָט פאַרהאַלטן די רייע און אויסגעשטעלט די מענטשן.

— איינער האַלט נאָך דעם העלם אין דער האַנט, אונ־טעראָפיציר זענגער!

— פאַטרול לינדנער און הער לייטענאַנט לינדנער! — האָט געמאָלדן זענגער.

לעסבערג האָט אים אָנגעקוקט אָן אַ וואָרט.

— כ'האָב אייך אַהערגערופן — האָט געשריגן לעסבערג, ציטערנדיק פאַר כּעס — כּדי זיך מיט אייך צו געזעגענען! כ'האָב גערעכנט, אַז איר וועט אויפטרעטן אַזוי ווי איר האָט עס זיך אויסגעלערנט פון מיר! — לעסבערג האָט זיך באַהערשט מיטאַמאָל. — כ'ווייס, אַז איר זענט נישט שולדיק אין דעם אומדערפאָלג. אַ גוטן פירער געלינגט אַלץ! פון אַ טיכטיקן מענטש קאָן מען פאַרלאַנגען אוממעגלעכס, אָבער נישט פון קיין פּחדן! אייער פירער, וועלכער איז דאָ איצט נישטאָ, איז נישט געווען דער געאייגנטער דערצו; אַנדערש וואָלטן מיר היינט גע־האַט געפאַנגענע, אויסצייכענונגען און רום. דאָס פּחדנות האָט אַלץ צונישט געמאַכט.

לעסבערג איז אַוועקגעריטן. אין דער קאָמפּאַניע האָט זיך געהערט אַ געמורמל.

— יאָ — האָט זיך אָפּגערופן עפּעס אַ יונגער בחור — דער לייטענאַנט לינדנער איז שולדיק.

— האַלט ס'מויל, וויבאַלד דו פאַרשטייסט גאָרנישט! — האָט אים אָנגעשריגן זענגער. — ווער איז דאָ אַ פּחדן און אַנטלויפט פאַר דער אָפענזיווע?

— שטילער דאָרט! — האָט געזאָגט דער קאָמפּאַניע־פעלד־פעבל. — קאָמפּאַניע, אַכטונג!

ער האָט אָפּגעגעבן ראַפּאָרט דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, וועלכער איז אָנגעריטן צוזאַמען מיט לאַמען.

— ווו איז אויבערלייטענאַנט לעסבערג?

— אָקאָרשט אַוועקגעריטן, הער מאַיאָר?

— צי האָט איר אים נישט איבערגעבן, אַז כ'האָב זיך מיט אים געוואָלט דאָ געזעגענען?

— יאָ, הער מאַיאָר, און כ'האָב דעם הער אויבערלייטע־נאַנט אָקאָרשט נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן דעם.

דער מאַיאָר האָט זיך געווענדט צו לאַמען. האָט גערעדט עפּעס שטיל מיט אים, דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט זיין פערד און אַוועקגעריטן מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

— דריטע קאָמפּאַניע! — האָט אויסגערופן לאַם! — איך זעם ווידער איבער מיין קאָמפּאַניע! כ'פאַרהאָף, אַז איך פריי זיך פונקט אַזוי שטאַרק, ווי מיך!

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. די גאַנצע קאָמפּאַני'ע איז געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן צוריקגעקריגן לאַמען.

נאָך אַן עטלעכשעהדיקן מאַרש זענען מיר אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע, ווו מיר האָבן געזאָלט פאַרלאָדנט ווערן.

לאַם האָט מיך אַוועקגענומען אַן אַ זייט און מיר געוואָלט גראָד עפּעס זאָגן, ווי לינדנער איז ראַש אָנגעקומען.

— אַנטשולדיקט! — האָט ער געזאָגט צו לאַמען. — צי וואָלט איך געקאָנט אַ ווײַלע רעדן מיט רענען?.. צי איז דאָס וואָר, אַז דער אויבערלייטענאַנט האָט מיך אָנגערופן פחדן?

— יאָ.

— וואָס זאָל איך טון?

— רעדט איבער מיט אונזער נייעם קאָמפּאַניע־פירער.

לינדנער איז צוגעגאַנגען צו לאַמען, און דערנאָך זענען זיי ביידע אַוועק צום מאַיאָר. לאַם איז צוריקגעקומען. ער איז געווען פאַרטראַכט.

איצט האָט ער שוין מסתּם פאַרשטאַנען, אַלמאַי כ'האָב לעסבערגן אַזוי פייַנט געהאַט.

ס'איז אָנגעקומען דער צוג, און מיר זענען איינגעשטיגן.

די מערץ-אָפּענזיווע 1918

1

פֿאַרנאַכטצו האָבן מיר זיך פֿאַרהאַלטן אין אַ וואַלדטאָל. מיר זענען אויסגעשטיגן פֿון די וואַגאָנעס און אָפּמאַרשירט אין נאָענטסטן דאָרף. דאָרט זענען מיר געבליבן צוויי טעג. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר האָבן אָפּצומאַרשירן צום זאַמלפּונקט פֿון דער אָפּענזיווע-אַרמעע; דערדאָזיקער מאַרש האָט געזאָלט פֿאָרקומען נאָר ביינאַכט, כּדי די פֿײַנטלעכע פֿליִערס זאָלן נישט באַמערקן דאָס צונויפֿזאַמלען זיך פֿון אַזעלכע גרויסע מיליטער-מאַסן.

כ'האָב זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון דעם אײַנדרוק, וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט דאָס פּלוצלינגע אויפֿהערן פֿון יעטוועדער דיסציפּלין צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פֿונם פּאַטרול. און ווי חוצפּהדיק זענגער האָט אָפּגעענטפֿערט דעם אויבערלייטענאַנט, נאָכדעם ווי ס'איז נישט געלונגען די אונטערנעמונג! אַ מרידה האָב איך געהאַלטן אין דײַטשישן מיליטער פֿאַר אוממעגלעך, אָבער דאָס, וואָס איז דעמאָלט געשען, האָט זיך פֿאָרט געגרענעצט מיט מרידה. די גרויסע פֿרילינגס-אָפּענזיווע מוז פֿאַרענדיקן די מלחמה. אויב נישט? — די מלחמה קאָן דאָך נישט דויערן אייביק. אַמאָל מוזן דאָך די פֿעלקער צווישן זיך שלום מאַכן!

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבן מאַרשירט נאַכט בײַ נאַכט, און בײַטאָג פֿלעגן

מיר לאַגערן שטיל. מ׳איז נישם געשלאָפן קיין סך. און דאָס מאַרשירן אין דער פינצטערניש, אין דער צונויפגעפרעסטער קאָלאָנע, האָט זייער אָנגעשטרענגט.

מיר האָבן געהאַט אין דער קאָמפּאַניע אַ באַרג־אַרבעטער, אַ שוין עלטערן און זייער מיאוסן מענטש. ווען די קאָמפּאַניע איז געווען מיד, פלעגט ער אָנהויבן צו זינגען. לאָם האָט אים דערלויבט, אַז ער זאָל אַרויסגיין פון דער קאָמפּאַניע און לויפן דערלעבן. ער האָט אויסגעטראַכט קליינע פערזן צום זינגען, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געמוזט מיטזינגען דעם רעפריין:

און ווען דער קוקוק רופן טוט.
ווערט אַלץ ווידער גוט.
ווערט אַלץ, אַלץ, אַלץ ווידער גוט.

זיי פלעגן דאָס זינגען מיט באַגייסטערונג. דעם פאַרזינגער איז עס נישט לייכט אָנגעקומען, מחמת ווען ס׳איז אונז אָנטקעגנ־קומען עפּעס אַ וואָגן, פלעגט ער מוזן פאַרשווינדן הינטער דער קאָמפּאַניע און דערנאָך ווידער אַרויסלויפן פאָרנט.

ס׳איז געווען נאָך עפּעס באַזונדערס אין זיינע פערזן: זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין געמיינעם אינהאַלט, און דערביי פלעגט ער אויסטראַכטן אַלעמאָל נייע, און טייל זענען געווען מאָדנע צוגעפּאַסט צו אונזער שטימונג. כ׳האָב אים גערן געוואָלט באַקענען נענטער, אָבער סאיז נישט לייכט געווען זיך צו אים צו דערנענטערן. זיין פּנים איז תמיד געווען גלייכ־מעסיק טונקל, נישט ערנסט און נישט הייטער, און ער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט קיינעם אַחוץ מיט די מענטשן פון זיין גרופּע, אויף וועלכע ער איז טאַקע געווען אינגאַנצן אָנגעוויזן.

II

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ גרויס דאָרף אין פּיקאַרדיע. מיר זענען דאָרט פאַרבליבן און אָנגעהויבן די איבונגען.

פון צווישן מיינע מענטשן האָבן צוויי אויסגעשניטן די

זוילן פון זייערע שיך און זיי אַוועקגעשיקט אַהיים. כ׳האָב דאָס געמאָלדן לאַמען. ער האָט פאַראָרדנט אַ קאָנטראָל פון גאַנצן שוכוואַרג. אין די אַנדערע פלוטאָנען, אין וועלכע ס׳זענען געווען עלטערע מענטשן און מער פאַמיליען־פאָטערס ווי בײַ מיר, האָט געפעלט נאָך פיל מער זוילן.

טייל האָבן גערעדט גאַנץ אָפן, אַז זיי וועלן זיך נישט לאָזן אויסשיסן ווי די הינט, נאָר זיי וועלן זיך אַרויסדרייען באַצייטנס פון פראָנט.

כ׳האָב אויסגעפונען, אַז דער אונטעראָפיציר זעגנער, לגבי וועמען כ׳האָב געהאַט אַ געוויסן אומצוטרוי זינט דעם לעצטן פאַטרול, איז געווען אַ גאַנץ פיינער מענטש, נאָר ער פלעגט זיך נישט קאָנען באַהערשן, בעת ס׳האָט אים עפעס אויפגערעגט.

האַרטנשטיין האָט זיך באַפריינדעט מיט בעסערן, אַ קליין, באַוועגלעך מענטשל פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. בעסער איז געווען אַמאָל קעלנער אין אַלע אייראָפעישע לענדער, אַחוץ אין רוסלאַנד. אַ שאָד, ווייל כ׳האָב מיך גערן געוואָלט דערוויסן עפעס וועגן דאָזיקן לאַנד, וואָס פלעגט מיר תמיד פאָרקומען געהיימנישפול, און דערהויפּט איצט, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. בעסער פלעגט אויך תמיד רעדן וועגן דער אומזיניקער מלחמה און וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף פּשוט דערקלערן אַ שטרייק און נישט נעמען אין איר קיין אָנטייל.

כ׳האָב איינמאָל געפרעגט האַרטנשטיינען: — אלמאי פאַרקערסטו מיט אים?

האַרטשטיין האָט זיך צעלאַכט: — ווייל דאָס איז דער בעסטער מענטש אין דער וועלט. ער רעדט נאָר אַזוי, אָבער ווען ס׳וועט קומען צו עפעס, וועסטו זען, אַז דאָס איז אַ ווילער חברהמאַן.

אָבער אויך מיר איז די מלחמה געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרדעכטיק.

נאָך אַ באַנאַכטיקן מאַרש זענען מיר אָנגעקומען אין אַ פאַבריק־שטעטל. אַנדערע אָפּטיילונגען האָבן אָקאָרשט פאַרלאָזן די קוואַרטירן. מיר זענען אַריין אויף זייער אָרט און זיך אַוועק־געלייגט שלאָפן.

מיר זענען דאָרט געזעסן דעם טאָג און די נאַכט און מיר האָבן זיך נאָר דערוווּסט, אַז מיר בילדן פאָרלויפיק דעם אַרמעע־רעזערוו.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי, ווען ס'איז נאָך געווען טונקל, איז אָנגעקומען דער באַפעל אָפּצומאַרשירן. מיר האָבן זיך אויס־געשטעלט אויף דעם שמאָלן געסל.

ס'איז אָנגעריטן לאַם.

— דער ערשטער אָנגריף איז געלונגען. די ערשטע און צווייטע רייע פון די ענגלישע שוצגרובן זענען אין אונזערע הענט. היינט אַטאַקירן מיר די דריטע. די איז אָבער, לויט פליער־מעלדונגען, קוים אַ מעטער די טיף.

מיר האָבן אָפּגעמאַרשירט. ס'איז ווידער געווען אַ טריבער פרימאָרגן.

מיר האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט צום דעם האַרמאַטן־דונער. פונוויטנס פאַר אונז זענען געשטאַנען דריי אָנגעבונדענע באַלאָנען. זיי האָבן זיך באַוועגט טיילמאָל צו איינאַנדער, באַלד ווידער פון איינאַנדער, און מיר האָבן זיך צו זיי כּלל נישט דערנענטערט. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אויך זיי האָבן מאַרשירט.

רעכטס און לינקס פון וועג, אויף די פעלדער, זענען גע־שטאַנען וואָס אַמאָל געדיכטערע רייען וועגענער. ס'האָט אונז איבערגעיאָגט אַן אָפּענער לאַסט־אויטאָ.

— העי, גראַנאַטן!

אויפן אויטאָ זענען געלעגן פיר גראַנאַטן, אַרויסשטאַרצנדיק אויףביידע זייטן.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. לינקס, אין אַ געוויסן מרחק,

האָט געוואָלט שוואַרץ פון מענטשן. פון צייט צו צייט האָט זיך פונדאַרטן דערטראָגן אַ קראַך. דאָס זענען געווען האַרמאַטן, וואָס האָבן אַרויסגעשליידערט פון זיך דידאָזיקע ריזיקע גראַנאַטן.

מיר זענען דאָ געבליבן איבערן טאָג און די נאַכט און אויפגעשלאָגן געצעלטן. כ'האָב געהאַט פאַר זיך אַ קאַרטע פון פראַנצויזישן פראָנט. מיר האָבן אָנגעגריפן פון דער זייט פון סט. קענטין. צי האָבן מיר זיך געזאָלט דורכרייסן ביז אַמיען, כדי אָפּצוטיילן די פראַנצויזן פון די ענגלענדער? צי האָט דאָס געקאָנט פאַרענדיקן די מלחמה? מחמת זי האָט זיך דאָך געמוזט אַמאָל ענדיקן.

אויפצומאָרגנס זענען מיר אָנגעקומען אין דעם געביט פון די איינגענומענע פּאָזיציעס, אַ ברייטער, פּוסטער פּליין מיט אָקאָפּעס.

פריער זענען מיר געזעסן פאַרשטעקט און די גרובנס, היינט האָבן מיר מאַרשירט אָפן מיטן וועג און אַריינגעקוקט אין די אָקאָפּעס אַריין.

מיר זענען דורכגעקראָכן די דראָט-נעצן, דערנענטערנדיק זיך צו די אַמאָליקע ענגלישע פּאָזיציעס. מ'האָט דאָ געאַרבעט איבער דער צוריקשטעלונג פון די וועגן. מיר האָבן מאַרשירט לאַנגזאַם און מיט אָפּשטעלן.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. מיר זענען אָנגעקומען צו די ענגלישע פּאָזיציעס. צוויי טויטע זענען געלעגן אין אַ גרובן.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ טאָל מיט אַ טייך און ווערבעס. אַרום זענען געלעגן פּליטן פון געפּאַלדעוועטן בלעך, פון וועלכע מיר האָבן זיך אויסגעבויט פּראָוויזאָרישע כאַטעס. בישט ווייט האָט זיך געפונען אַן ענגלישער לאַגער מיט הויכע געצעלטן. העהנעלס גרופּע האָט אַהערגעשלעפּט אַ געצעלט און האָט אויך געפונען אין לאַגער נייע בלוזעס, שיך און גאָלמעסער. זיי האָבן געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך דאָס געצעלט.

— וויבאַלד איר ווילט עס טראָגן — האָב איך געזאָגט — האָב איך גאָרנישט דערקעגן.

זיי האָבן מסתּם געטראַכט, אַז כ׳וועל זיי פאַרשאַפן אַ פּלאַץ דערויף אויף אונזער קוילנוואַרפער־וואָגן. אויפצומאָרגנס האָבן זיי עס נישט מיטגענומען.

מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ קליין טייכל, איבער אַ שמאָלער, פּראָוויזאָרישער בריק. דער אַנדערער ברעג האָט זיך אויפגעהויבן משופּע אַרויפצו. דאָרט זענען געלעגן טויטע שאָטלענדער אין זייערע קורצע הויזן. די שטיוול און זאָקן זענען געווען באַ זיי אַראָפּגעצויגן. פיל פון אונזערע מענטשן האָבן שוין אויך געטראָגן גוטע ענגלישע שנור־שטיוול. לינקס פון וועג איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזענע באַטעריע מיט עטלעכע טויטע פּראַנצויזן.

מיר האָבן ווידער איבערגענעכטיקט אין אַ גרובן און אויפגעשפּאַנט די געצעלטן־לייוונט טאָפּל פון דער ווינט־זייט.

דאָסדאָזיקע גאַנצע געביט איז דורך אונז פאַרלאָזט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק. כ׳האָב גערעכנט, אַז די פראַנצויזן האָבן עפּעס אויפסניי אויפגעבויט, אָבער ס׳האָט דאָ נישט געוווינט קיין לעבעדיק נפש און די פעלדער זענען געלעגן אומבאַאַרבעט.

מיר זענען אַריין אין געביט פון דער סאָמע שלאַכט. די גרובנס זענען געווען באַדעקט מיט גרינס, די דראָטנעצן פאַרשאָוערט. אַפילו די וועגן זענען נישט געווען פאַרראָכטן.

אין די חורבות פון עפּעס אַ דאָרף זענען מיר פאַרבליבן צוויי טעג באַ אַ פראָסטיקן ווינט. אין אַ מרחק פון איין ביז צוויי קילאָמעטער האָט זיך דערהויבן דער טויטער וואַלד פון בורען, אין וועלכן כ׳בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אין יאָר 1916.

אין אַ טאָג שפּעטער האָבן מיר דורכגעשניטן קווער דעם גרובן־לאַבירינט פון דער סאָמע־שלאַכט און אויפגעשלאָגן געצעלטן. ס׳איז דאָרט געלעגן אַ דערהרגעט פערד. אַלע האָבן זיך געוואָרפן דערויף און אויסגעשניטן מיט די מעסערס שטיקער פלייש.

ס׳איז געוואָרן טונקל און אָנגעהויבן צו רעגנען. כ׳האָב מיך אָויפגעלייגט אין געצעלט.

— צונויפלייגן די געצעלטן! אויסשטעלן זיך אויפן וועג!

אינדרויסן איז געווען שטאָק־פינצטער. דער רעגן האָט געגאָסן ווי מיט ציבערס. דאָ און דאָרט האָט מען זיך געזידלט. ווו זענען מיינע גרופּעס ? האָב איך גערופן.

לסוף איז אָנגעקומען איינער.

— העהנעלס גרופּע שטייט אויפן וועג.

— זענט איר שוין ענדלעך פּערטיק ? — האָט מיך טרעפּטע אָנגעשריגן.

— וועמען מיינט איר דען ? דאָ איז רען.

— אַך, דידאָזיקע פאַרשאָלטענע פינצטערניש ! האָט איר געזען עמעצן פון מיינע לייט ?

— ניין, איך זוך אויך נאָך.

נאָך דריי פערטל שעה איז די קאָמפּאַניע געשטאַנען אויף דער גאַס. אָבער ס'האָט געפעלט דריי מאַן, צווישן זיי לייזער. זיי האָבן מסתּם אויסגענוצט דעם טומל און געמאַכט ויברח.

לאַמען האָט מען נישט געקאָנט אינערגעץ געפינען. אויף אונז האָט געגאָסן דער רעגן אָן אויפהער.

— ווו איז דער באַטאַליאָן־שטאַב ? — האָבן כּסדר געפרעגט קאָמפּאַניע־פירערס.

— ווידער אַזאַ פאַרפלוכטער טינוף ! — האָט געזידלט עמעצער אין דער פינצטער. — אַן אַלאַרם אָנשטאָט אַ רויקן באַפעל !

— נו, וואָס ווייטער ?

— וואָס ווייטער ? מירן אַזוי אָפּשטיין פיר שעה אויפן רעגן, אָנשטאָט צו שלאָפן.

— נו, מיר קאָנען דאָך צוריק אויפשלאָגן די געצעלטן.

— דאָס איז דיר אַ פיין פאַרגעניגען, אין אַזאַ פינצטערניש אַרומטערקריכן אונטערן דאַך און שלאָפן אויף דער בלאָטע ?

זענען מיר בכן געשטאַנען און זיך געלאָזט באַרעגענען. לאַם איז צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט דערלעבן.

— גרייפן מיר אָן מאָרגן אינדערפרי ?

— כ'ווייס גאָרנישט.

מיר זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. דער רעגן האָט גע־קאַפּעט.

לסוף נאָך האַלבער נאַכט האָבן מיר מאַרשירט. ס'האָט אויפגעהערט צו רעגענען. אויפן הימל האָבן געיאָגט גרויסע, ווייסע וואָלקנס און געלאָזט טיילמאָל דורכבליקן די לבנה. די וואָלקנס זענען אָנגעקומען פון ים אַהער. מיר האָבן מאַרשירט דורך דערפער. טיילמאָל האָט זיך אַ שיין פון דער לבנה גע־לייגט איבער די פעלדער. כ'האָב כסדר געטרוימט וועגן ים, צו וועלכן מיר וועלן אפשר דערגיין. ווי אַזוי זעט אויס דער ים?

IV

דער טאָג איז אָנגעקומען אַ טריבער.

מיר האָבן מאַרשירט דורך אַ גרויס און, ווי ס'האָט אויס־געוויזן, רייך דאָרף. מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט הינטער אים רעכטס אויף אַ פעלד מיט העל־גרינעם ווינטערקאָרן. מיר האָבן זיך דאָרט אויסגעגראָבן פלאַכע לעכער.

— היינט גרייפן מיר אָן — האָט געזאָגט לאַם. — מיר דאַרפן אויסטיילן אַ פירער־רעזערוו, כדי נישט צו פאַרלירן אַלע באַם ערשטן אָנגריף, ווי ס'געשעט געוויינלעך. פון צווישן די פלוטאָן־פירער האָב איך באַשטימט טרעפּטען. פון דיין פלוטאָן קאָן בלייבן האַופּע.

— ס'איז אָנגעקומען העהנעל: — נאַדיר, מיינע לייט האָבן דיר מיטגעבראַכט אַ פלעשל וויין.

— טרינקט עס אַליין אויס! — האָב איך געזאָגט. — כ'האָב כלל נישט געהאַט קיין חשק צו טרינקען פאַרן אָנגריף און אין פריען מאָרגן.

— עך, זיי האָבן שוין אַזוי אויך צופיל, און איבריקנס וועלן זיי נישט טרינקען, וויבאַלד דו וועסט נישט טרינקען.

— נו, גוט, כ'דאַנק אייך — האָב איך געזאָגט און זיך געוואָלט טיילן מיט וואָלפן און פונקען, אָבער זיי האָבן שוין

אויך געהאַט פוילע פלעשלעך. כ׳האָב בכן אַריינגעגאָסן אין מיין פעלדבעכער. דער ווין איז געווען, שיינט מיר, זייער שווער. קליינע פראַנצויזישע אַעראָפּלאַנען האָבן אַרומגעקרייזט פּאַר אונז און אַראָפּגעשאָסן פון אויבן מיט קוילנוואַרפערס. דאָס האָט זיך מיר אָבער נישט אויסגעוויזן געפערלעך. כ׳האָב אויסגעליידיקט דאָס פלעשל, אַוועקגעלייגט דעם טאָרניסטער אונטערן קאָפּ, מיך צוגעדעקט און געשלאָפן אין מיין לאַנגן, שמאָלן לאָך.

— — — — — — — — — — — — — —

אויפוואַכנדיק האָב איך דערהערט: — וואָס ווילסטו דאָ מיט דעם פערד?

— דער פעלדפעבל האָט מיך אַהערגעשיקט, ווייל מיר גייען ווייטער.

— יאָ׳ מיר גייען ווייטער, אָבער צום שטורעם — האָט זיך צעלאַכט וואָלף.

— אַך, אַזוי? — ער איז אַוועק מיטן פערד פון דעם קאָמפּאַניע־פירער.

כ׳האָב מיך אומגעקוקט. זיי האָבן איינגעפּאַקט די טאָרניס־טערס.

— הער פעלדפעבל, אין צען מינוט אַרום דאַרפן מיר זיין גרייט — האָט געזאָגט פונקע.

כ׳האָב זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט, אויסגעטון דעם פלאַשטש און איינגעפּאַקט דעם טאָרניסטער.

מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט אַנדערע קאָמפּאַניעס פון באַטאַליאָן. כ׳האָב געשפּירט אַ העפטיקן דריק אין דער בלאָז. דאָס איז געקומען פונם פאַרשאָלטענעם ווין. כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט אַרויסטרעטן פון דער ריי פאַרן גאַנצן באַטאַליאָן. זיי וואָלטן נאָך געזאָגט: זעסט, דער מאַכט שוין אונטער זיך פּאַר שרעק!

אַרום האָבן זיך אויסגעשטעלט טרופּן צום אָנגריף. נישט אונטערנעמענדיק די מינדסטע פאָרזיכטס־מיטלען. די זון האָט געשיינט.

לינקס באַם וועג זענען געשטאַנען דריי רייען האַרמאַטן, קורצע

ריקע און לאַנגע דינע ביז צו די שווערע מערזערס. אַ געדיכטע מאַסע ליידיקגייענדיקע זעלנער, וואָס האָבן געהערט ס'רוב צום טאַבאַר, האָט זיך צוגעקוקט צו אונזער צוגרייטונג.

אונזער קאָמפּאַניע איז געווען גאַנץ פאָרנט, לינקס פון פון אונז די ערשטע קאָמפּאַניע, רעכטס אַ פרעמדע דיוויזיע.

לאָם האָט צונויפגערופן די פלוטאָנפירערס.

— דער איינטייל וועט זיין פאָלגנדיקער: רעכטס רעז. לינקס לאַנגענאַל, פון הינטן איך מיט זאַנדקאָרן. וועגן פאַרבינדונג זאָרגט רעז. און איצט טוט אַ קוק פאַר זיך! צוערשט זענען די פעלדער מיט ווינטערקאָרן און דערנאָך אין אַ מרחק פון דריי קילאָמעטער דער וואַלד. דאָרט זעט איר אינמיטן אַ פאַרבןטויש: לינקס איז דער וואַלד מער אָליוו-גרין און ווערט אויפאַמאָל העל-גרין. דאָס איז אונזער ריכטונג. אין עטלעכע מינוטן אַרום הויבן מיר אָן!

כ'האָב אַרויסגערוקט פאָרויס לאַמען מיט דער גרופּע פון ל. מ. ג., איך אַליין הינטער אים, די איבריקע גרופּעס האָבן געזאָלט גיין הינטער מיר אין קאָלאָנעס.

— אַכטונג! — האָט אויסגערופן לאָם.

— מאַרש!

רעכטס און לינקס האָבן גערירט די אָפּטיילונגען, רעכטס אין ברייטער טיראַלעריע, בײַ אונז אין קורצע קאָלאָנעס, ווייטער אויף לינקס און אומרעגלמעסיקע גרופּעס. פון דער לינקער זייט איז געגאַנגען הינטער אונז לאָם מיט זיינע שליחים, סאַניטאַרן און צוויי רעזערוו-קוילנוואַרפערס. הינטער אים זאַנדקאָרנס פלוטאָן, דערנאָך די פערטע קאָמפּאַניע, די ש. מ. ג. און מינעוואַרפערס.

דאָס איז דאָך אַן אומגעהויער אָנגריף! האָב איך געטראַכט. דאָ זענען פאַראַן מינדסטנס דריי דיוויזיעס. אָבער דידאָזיקע ריזיקע מענטשן-מחנה האָט מיך עטוואָס געשראָקן. און אַלמאי האָט אונזער אַרטילעריע נישט געשאָסן?

פון אָקעגנאיבער האָבן זיך דערטראָגן עטלעכע ביקסן-שאָסן.

זיי זענען נערוו׳עז האָב איך געטראַכט, וויבאַלד זיי שיסן שוין אויף אַזאַ מרחק.

דער באָדן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט. פאַר אונז איז געלאָפן קווער אַ גאַנץ טיף פעלד. אין דער טיף האָט זיך געפונען אַ פלאַכער, ליידיקער גרובן.

מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויפן אַנדערן שיפוע.

דאָס ביקסן־פייער האָט זיך פלוצלינג פאַרשטאַרקט.

בראַנד מיט זיינע מענטשן און קוילנוואַרפערס האָבן זיך געלאָזט לויפן, זיי זענען פאַרשווונדן אויבן.

כ׳האָב מיך שנעל אַרומגעקוקט.

— לאָמיר זיך איבעררוקן עטוואָס אויף רעכטס — האָב איך געזאָגט צו פונקע און וואָלפן — כדי זיך נישט צונויפצוקוועטשן אין אַ קופּע פאַרן אייגענעם קוילנוואַרפער.

זיי האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

שאָסן האָבן געקנאַלט אַרום.

כ׳האָב שוין געזען דעם וואַלדראַנד אויף פיר הונדערט מעטער אָדער ווייניקער. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן.

בראַנדס קוילנוואַרפעס האָט געשאָסן לינקס. כ׳האָב געוואָלט אַרויסלויפן פאָרנט.

ס׳האָט געקנאַקט, געגרעגערט, געפייפט.

כ׳האָב מיך אַנידערגעוואָרפן. כ׳האָב נישט געהאַט קיין ביקס, נאָר דעם פּיסטאָלעט, און דער האָט דאָ לגמרי נישט גענוצט. דער וואַלד דאָט געהאַט ערטערווייז שפּיצן. איינער פון זיי איז געווען האַרט פאַר אונז. ווען מ׳זאָל דעם דערוועלבן, וואָלט דער גאַנצער וואַלד געווען איינגענומען.

עמעצער האָט זיך געוואָרפן אויף דר׳ערד לינקס לעבן מיר, דאָס איז געווען דער קליינער, דיקער קוועלמאַץ.

— כ׳בין פאַרוואונדעט. קאָן איך זיך אומקערן?

דאָס בלוט איז אים געלאָפן איבערן פנים.

— גיט מיר אייער ביקס און קוילן!

ער האָט אַוועקגעוואָרפן פאַר מיר די קוילן.

כ׳האָב באַמערקט אויף אַ האַלבן טריט פון לינקן וואַלד

ראַנד אַ דינעם רויך. דאָרט האָט עמעץ געשאָסן. כ'האָב געצילט גענוי. דער מרחק האָט אויסגעמאַכט אַ דריי הונדערט מעטער. דער מענטש האָט געשאָסן מינדסטנס דרייסיק צענטימעטער איבער דעם באָדן.

רעכטס פון מיר זענען אָנגעלאָפן צוויי און זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דר'ערד.

בראַנד מיט דער גרופּע ק. וו. איז געלעגן צופּיל הינטן.

— ק. וו.־גרופּע בראַנד, פאָרויס... האָב איך געברילט.

אַ שאָס האַרט לעבן מיין אויער פאַרביי.

אומזין! האָט מיר אַ בליץ געטון אין קאָפּ. אויף זיי שרייען, ווו זיי האָבן צו גיין? ניין, אַליין גיין פאָרויס!

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און גענומען לויפן. נאָך ווייט! האָב איך געטראַכט. כ'האָב נישט באַמערקט אין לויפן, ווו ס'פאַלן די קוילן.

אַ שנעלן בליק אין דער זייט. כ'האָב זיך שוין געפונען אינמיטן וועג צווישן אונזער שוצליניע און דעם וואַלדראַנד. צו אַלדי רוחות! — אַליין! האָב איך געטראַכט און מיך אַ וואָרף געטון אויף דר'ערד.

די קוילן זענען געפלויגן איבער מיר און אַרום מיר, ווי די פייגל. כ'האָב נישט געקאָנט אונטערשיידן, וועלכע ס'זענען געווען פראַנצויזישע, און וועלכע דייטשישע. ווידער האָב איך געזען באַם וואַלדשפּיץ אַ לייכט רויכל.

כ'האָב געצילט מיט אַ וווּנדערבאַרער רויקייט.

כ'האָב ווידער אָנגעלאָדנט און געצילט עטוואָס ווייטער אויף רעכטס. ס'איז געווען נאָר נאָך הונדערט פופציק מעטער ווייט.

קאַפּס! כ'האָב אויפגעריסן די קוילן־קאַמער, זי איז געווען ליידיק. כ'האָב זיך אַ כאַפּ געטון צו דער קעשענע. כ'האָב געהאָט פאַרגעסן אַריינצולייגן די קוילן.

אַ שאָס אויף אַ האַלבן טריט פאַר מיר אין באָדן!

כ'האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נידריק צו דר'ערד, כ'האָב נישט געקאָנט שיסן און מיך בכן געמוזט מאַכן טויט! כ'האָב אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אין העלם עטוואָס קרימלעך און געזען

פאַר זיך עטלעכע גרינע זאַנגען ווינטערקאָרן. אַביסל ווייטער איז דער באָדן לייכט אַרונטערגעפאַלן, אָבער כ'האָב נישט געקאָנט דערזען, וואָס דאָרט טוט זיך. די דייטשן זענען געלעגן דער־ווייטערט אויף אַ פינפהונדערט מעטער פון וואַלדראַנד. זיי דער־נענטערן זיך נישט! שוין־זשע איז איבערהויפּט מעגלעך, אַז מ'זאָל איינעמען באַפעסטיקטע אָקאָפּעס אָן דער הילף פון אַרטילעריע און דאָס אויף אַ פליין? ווען וועט טונקל ווערן? אין צוויי שעה אַרום ערשט! און ווי שרעקלעך עס דריקט אין פּענכער! כ'האָב זיך עטוואָס אונטערגעהויבן מיטן געזעס און עס געוואָלט אַרויסלאָזן.

ווידער אַ שאָס האַרט פאַר מיר.

אָך, זאָל עס שוין רינען אין די הויזן! און ס'האָט גענומען רינען און רינען, דאָס גאַנצע פּלעשל וויין. מיינע פיס זענען גע־געוואָרן וואַרעם און קאַלט.

כ'האָב געהערט טריט לינקס פון מיר.

כ'האָב אַרויפגעקוקט. דאָס איז געווען האַרטנשטיין. עמע־צער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן לעבן מיר. דאָס איז געווען בעסער.

— גיט מיר קוילן! — האָב איך אויסגערופן.

— ער האָט מיר צוגעוואָרפן עטלעכע.

— שיסן! — האָב איך געשריגן.

מיר האָבן געשאָסן.

האַרטנשטיין איז געווען פינף טריט פאַרן וואַלדראַנד. מיט־אַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אונז און איז אומגעפאַלן; ליגנדיק האָט ער נאָך געקוקט אויף אונז.

פון לינקס האָבן זיך ווידער עטלעכע געלאָזט פאָרויס.

כ'בין אויפגעשטאַנען און מיטגעלאָפן מיט זיי.

די שאָסן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַכער.

באַ דעם וואַלדשפּיץ האָב איך געזען עמעצן אַנטלויפן.

כ'האָב אַ כאַפּ געטון די ביקס און אויסגעשאָסן. ער איז

אַנידערגעפאַלן. כ'האָב אים אומגעברענגט — האָב איך געטראַכט, אָבער ס'האָט מיך כלל נישט גערירט.

האַרטנשטיין האָט נאָך באַקומען אַ לייכטן שאָס.

אין דעם וואַלד האָט זיך געפונען אַ גרובן, פּלאַך ווי אַ באָד־וואַנע. דאָרט זענען געלעגן טאָרניסטערס און קאָנסערוון.

עטלעכע האָבן זיך געוואָלט מיטנעמען אָנדענקנס.

— שטיין! — האָב איך געזאָגט. — מיר האָבן נאָכנישט די גאַנצע פּאָזיציע. אַכטונג! ביקסן פאָרויס! און דאָ אַרום, דורכן געדיכטעניש!

מיר זענען געגאַנגען פּאָרזיכטיק ווייטער. מיטאַמאָל האָט זיך פון לינקס געוויזן אַ נייער גרובן. די פראַנצויזן האָבן אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך.

— La bas! — האָב איך געזאָגט און אָנגעוויזן אַהינטער.

זיי זענען אַרויסגעלאָפן פון גרובן און געלאָפן אין דער זייט, פון וועלכער מיר זענען געקומען.

אַ ביקסן־שאָס גאַנץ נאָענט.

מיר האָבן געשלייכט ווייטער, בעסער לעבן מיר, די ביקס גרייט.

מיר זענען צוגעקומען צום קעגנאיבערדיקן וואַלדראַנד. אַ תהום האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונז. אויף דער אַנדער זייט האָט זיך דערהויבן אַ שיטער וועלדל. ווייטער הינטער דער הויכעניש זענען פאַרשוווּנדן אָפּטרעטנדיקע פראַנצויזן.

אין דעם טאָל האָב איך זיך געהייסן אָפּשטעלן. ס'וואָלט געווען אַן אומזין צו לאָזן זיך פאָרויס מיט פינף מאַן. ס'איז אָנגעקומען עטלעכע זעלנער פון דער שכנותדיקער דיוויזיע און נאָך צוויי אונזעריקע מיט ל. מ. ג. זיי האָבן געשלעפּט מיט שווערקייט די מאַשין.

— ווו זענען די איבעריקע קוילנוואַרפערס?

— אַלע קאַפּוט. לאַם איז פאַרוווּנדעט און לאַנגענאָל דערהרגעט.

כ׳האָב איינגעטיילט אויפסניי די מענטשן און אַוועק ווײַ־טער.

ראַמם! ראַמם! ראַמם, אין וואַלד, אויף איין ליניע, גאַנץ נאָענט פאַר אונז.

— מאַרש־מאַרש! — האָב איך געברילט.

אַ גראַנאַט צוויי טריט רעכטס פאַר מיר.

כ׳האָב אַ טרעט געטון. אַ שטעכן אין פוס. כ׳האָב אַ קוק געטון: דער שטיוול איז געווען אויפגעריסן, ס׳האָט גערונען בלוט.

— זאָל איך פאַרבאַנדאַזשירן? — האָט געשריגן בעסער.

— ניין, לויפט ווייטער!

כ׳האָב געפּרוווט צו טרעטן אויפן קנאַפּל. ס׳איז געגאַנגען. כ׳האָב צוריק אַהינגעהינקט אין טאָל אַריין.

ס׳האָט זיך דערנענטערט צו מיר עפּעס אַ יונגעד חברה־מאַן:

— אַזוינאָך באַגעגנט מען זיך ווידער.

— ווער זענט איר דען?

— איך בין פון דער ערשטער קאָמפּאַניע. אָבער כ׳האָב געקענט דעם הער פעלדפעבל פון זען.

ער האָט געהאַט אַ שאָס אין דער ליטקע.

— ווי איז מיט דער ערשטער קאָמפּאַניע?

— אונזער קאָמפּאַניע־פירער איז טויט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אַ קוילנוואַרפער אויפן וועג. אַלע אויפן וועג זענען אומגעקומען. כ׳ווייס נישט, ווער ס׳איז נאָך דאָרט פאַרבליבן, אַלנפאַלס נישט קיין סך.

מיר האָבן אַוועקגעהינקט צוזאַמען ווייטער.

פיר פראַנצויזן האָבן גענומען אויף די פּלייצעס אַ ברייט ברעט, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער דייטש און אים אַוועקגעטראָגן מיט צופרידענע מינעס.

אין אַ געוויסן מרחק רעכטס האָבן דעטאָנירט גראַנאַטן. ס׳האָט זיך אויך דערטראָגן ביקסן־פייער.

מיר זענען צוגעקומען צום וואַלדראַנד, פון וועלכן די

פראַנצויזן האָבן פריער געשאָסן. פאַר אונז האָט זיך אויסגע־שפרייט דאָס פעלד מיט ווינטערקאָרן, און דערויף געדיכט באַזייט די מתים. האַרטנשטיין איז שוין נישט געווען. העהנעל איז געלעגן אויפן רוקן מיט אויפגעריסענע אויגן. ער האָט געמאַכט באַוועגונגען מיט די אָרעמס. כ׳האָב אַנידערגעקניט און אָנגעכאַפּט זיין האַנט. ער האָט מיך נישט אָנגעקוקט.

— העהנעל — האָב איך געזאָגט — דו דאַרפסט נישט מורא האָבן. איך בין דאָס.

ער האָט זיך באַוועגט און געגלאָצט אין דער לופט. ער האָט געהאַט אַ שאָס אין בויך. אַך! און איך האָב אים נישט געקאָנט העלפן! קיינער וועט אויף אים נישט טרויערן; ער ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין קרובים... און ווען ער זאָל אפילו יאָ האָבן, וואָס וואָלט דאָס אים גענוצט?

כ׳בין געגאַנגען ווייטער.

דאָרט איז געלעגן יאָער. דערלעבן זאַנדקאָרן מיט אַ קליין, קיילעכיק לאָך אין העלם. זענגער איז געלעגן האַלב אויף דער זייט, מיט איין האַנט אויסגעשטרעקט אונטערן קאָפּ. פון פונקע און וואָלפן איז קיין זכר נישט געווען.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף. אויפן פעלד איז געפאַלן רעגלמעסיק צו איין גראַנאַט.

נאָך עמיצער האָט זיך צו אונז אָנגעשלאָסן. ער האָט געקריגן אַ שאָס אין אָרעם און מורא געהאַט פאַר די גראַנאַטן.

מיר זענען געלאָפן מיט אַלע כחות און אָנגעקומען פאַר אַ בית־עלמין. ס׳האָבן דאָרט באַנדאַזשירט צוויי דאָקטוירים, אַרומגערינגלט מיט פאַרוואונדעטע.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר, וואָס האָט מיר דאַן אונטערזוכט די לונגען, איבער די קעפּ פון די וואַרטנדיקע.

— אַ שאָס אין פוס, הער דאָקטאָר.

— גלייך אין פעלד־לאַזאַרעט!

די אַנדערע זענען מיטגעגאַנגען מיט מיר.

מיטן דאָרפסוועג איז אָנגעלאָפן האַופע:

— ביסטו דאָ? אַלע האָבן געזאָגט, אַז דו ביזט דער־הרגעט! כ׳וועל דיר ווייזן צום לאַזאַרעט און דיר אָפּבראָטן אַ הון; מיר האָבן נעמלעך געפּאַקט עטלעכע!

— צי ווייסטו עפּעס וועגן פונקע און וואָלפן?

— דער גוטער פונקע איז דערהרגעט. וועגן וואָלפן ווייס איך גאָרנישט.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל.

כ׳בין אַריין אין אַ שטוב, אין וועלכער ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן. אין ווינקל, רעכטס, האָט מען באַנדאַזשירט פאַרוווּנדעטע באַם ליכט פון אַ קאַרביד־לאָמפּ. כ׳האָב אָנגעקוקט די מענטשן.

פלוצלינג האָב איך דערזען עפּעס א געצלעך צעטרייבערט פּנים, מויל און נאָז איין בלוטיקער קנויל, פון וועלכן ס׳האָבן צו מיר טרויעריק אַרויסגעקוקט וואָלפס אויגן. ווי־זשע קאָן ער איבערהויפּט נאָך לעבן און שטיין גלייך? כ׳האָב געקוקט אויף אים און אים געוואָלט פרעגן, אָבער ער וואָלט דאָך נישט גע־קאָנט ענטפערן.

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף עפּעט אַ קעסטל און באַ־טאַפּט מיין שטיוול. כ׳האָב אים געמוזט אויפשניידן. כ׳האָב דערפּ״י געטראַכט מיט גרויל וועגן וואָלפן. ער וועט דאָך נישט קאָנען עסן! צי וועט ער אַזויערנאָך גיין צו גרונט אין צוויי, דריי טעג?

ווען כ׳האָב ווידער אַהינגעקוקט, איז שוין וואָלף געהאַט פארשווונדן, און איך האָב זיך אינגיכן צוגעקריגן צום דאָקטאָר.

— צעבראָכן דער ביין. דער גראַנאַט־שפּליטער שיינט נאָך צו זיצן דערין. דאָס קאָנען מיר דאָ נישט אָפּערירן. איר מוזט אייך אַליין באַמיען, אַריינצוקריגן זיך אין אַ גרעסערן לאַזאַרעט.

זיי האָבן מיך פאַרבאַנדאַזשירט און מיר געגעבן אַן אייג־שפּריץ אין פוס.

האַופע האָט זיך אינגיכן אומגעקערט. כ׳האָב מיטן נאַ־

קעטן קנאַפּל געטרעטן בעסער, ווי פריער אין שטיוול. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויס הויז.

אין אַ נידריקער שטוב האָט געברענט אַ נאַפט־לאָמפּ אויפן סופיט. אויף די ווענט האָבן אַרומגעהאָנגען פאַרשידענע מכשי־רים; ס'איז דאָרט געווען מסתּם אַ וואָל־שפּינערײ.

האַופּע האָט מיך מיטגעצויגן נאָך זיך. אָט איז גע־זעסן לאַם, דעם רעכטן אָרעם איינגעבונדן, און מיט דער לינ־קער האַנט האָט ער אַרויסגעגעסן פון אַ שיסל אַ הינדל. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם גאָפּל און מיר דערלאַנגט די האַנט.

האַופּע האָט געבראַנגט רויטווײן. טרעפּטע האָט זיך צוגע־זעצט צו אונז. מיר האָבן געגעסן. די הויז איז געווען שטאַרק געוועדצט. כ'בין געווען זייער דאָרשטיק און געטרונקען רויטוויין.

איצט ערשט האָב איך באַמערקט, אַז כ'בין געווען זייער אויפגערעגט. דער פוס האָט אָנגעהויבן צו ציען. כ'האָב אים אַוועקגעלייגט הויך אויף אַ שטול, אָבער דער ווייטיק איז גע־וואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

האַופּע האָט מיר אויסגעבעט אַ געלעגער אויף אַ הויפן וואָל און כ'האָב מיך אַנידערגעלייגט.

אינמיטן דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון אַזאַ שרעקלעכן ווייטיק, אַז כ'האָב געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער.

כ'האָב אויסגעשטרעקט דעם פוס אינדערלופטן.

כ'בין אויפגעשטאַנען און אַרומגעהינקט איבער דער שטוב.

כ'האָב מיך צוריק אַנידערגעלייגט.

לסוף האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און אַוועקגעלייגט דעם פוס אויף אַן אַנדער שטול. אַזוי האָב איך אַ פאַרצווייפלטער אָפּגעוואַרט דעם פרימאָרגן.

V

אויפצומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן מיין וואַנדערונג מיט לאַמען איבער דעם פאַרוויסטן לאַנד. ס'האָט זיך אָנגעשלאָכן

צו אונז דער יונגער חברהמאַן מיטן שאָס אין דער ליטקע. ער האָט געהינקט לינקס, איך רעכטס. מיין פּיאַטע איז נאַטירלעך נישט געווען צוגעווינט צום טרעטן באָרוועס. כ'האָב געשפּירט איטלעכן שטיין פון שאָסעע.

ס'האָט אָנגעהויבן אַביסל צו שנייען.

פראַנצויזישע געפאַנגענע זענען געגאַנגען אָן אַ שמירה מיטן זעלביקן וועג. וואָס־זשע האָבן זיי געזאָלט טון? פאָרנט איז געווען דער פראָנט; דאָס לאַנד אַרום איז געווען וויסט, אָן אַ לעבעדיק נפש און קיינזאַך נישט צום עסן.

אין עפּעס אַ לאַזאַרעט האָבן מיר באקומען אַביסל זופּ, דערנאָך האָט מען אונז אָפּגעשיקט ווייטער. דאָס ייִנגל מיט דעם שאָס אין פוס האָט זיך געקלאָגט אויפן הונגער. איך האָב געגעסן ווייניק און בין נאָר געווען שרעקלעך דאָרשטיק.

מיר האָבן געוואַנדערט איבער אַ ברייטן, ברוקירטן שאָסעע. די שטיינער זענען געווען זייער האַרט און עטוואָס שפּיציק.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל.

פון צייט צו צייט האָט אויפגערוישט אַ גראַנאַט און אויפגעריסן ערגעצוווּ.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ לאַזאַרעט. ווען מיר זענען אַהינגעקומען, האָט אונז געזאָגט אַ סאַניטאַר:

— מיר קענען נישט אויפנעמען קיינעם. ס'איז אָנגעקומען אַ באַפעל צו עוואַקואירן דעם לאַזאַרעט, ווייל ער ווערט פּסדר באַשאָסן.

— וווּהין־זשע דאַרפן מיר גיין?

— כ'ווייס נישט. כ'ווייס נאָר, אַז דערדאָזיקער וועג פירט אַהינטער.

מיר האָבן געוואַנדערט ווייטער. לאַם האָט דערשפּירט קאָפּשווינדל, און מיך האָט געמאַטערט וואָס אַמאָל מער דאָס טרעטן אויף דער פּיאַטע.

מיר האָבן זיך איצט געמוזט אָפּטער צוזעצן. מיינע הויזן זענען נאָך אַלץ געווען נישט אינגאַנצן טרוקן.

פאַרנאַכטצו זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. איך און לאַם זענען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז דער יונגער בחור האָט אונז געמוזט אַוועקזעצן אויף שטיינער, אויף ביידע זייטן פון אַ טויער. כ׳האָב באַמערקט, אַז דאָס האָט געמוזט אויסזען קאָמיש, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין כח צו לאַכן.

כ׳קאָן מיך שוין נישט דערמאָנען מער קיין פּרטים פון דערדאָזיקער נאַכט.

אַלנפאַלס האָב איך זי פאַרברענגט אין היץ־דמיונות.

פאַרטאָג איז מיר געוואָרן בעסער.

כ׳האָב אויסגעטרונקען קאַווע און זיך אַוועקגעלאָזט מיט די אַנדערע. כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיין היץ־דמיונות, אָבער די געגנט האָט זיך מיר אויסגעוויזן שרעקלעך פּוסט און כ׳האָב מיך געשפּירט שוואַך צום גיין.

עטלעכע לאַסט־אויטאָס זענען פאַרבײַגעפאָרן.

לאַם האָט גערופן צו איינעם. די שאָפערס האָבן נאָר אויסגעזידלט און געפאָרן ווייטער.

לאַם האָט ווידער גערופן. זיי האָבן צומאָל נישט גע־ענטפערט.

כ׳האָב באַמערקט, ווי לאַמס ליפּן האָבן געציטערט. ער איז געווען שרעקלעך בלאַס און נאָענט צום וויינען פון פאַר־מאַטערטקייט.

דער מיטן פּוס־שאָס איז געווען זייער מונטער און האָט שוין כמעט אינגאַנצן נישט געהינקט.

כ׳האָב אים געעצהט שטילערהייט, אַז ער זאָל פּרווון נאָכאַמאָל.

— איך וועל שוין דאָס מאַכן — האָט ער געפּליסטערט — זעצט זיך נאָר דאָ אַוועק באַם וועג.

בעת ס׳איז ווידער אָנגעפאָרן אַן אויטאָ, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן וועג און פונאַנדערגעשפּרייט די אָרעמס. דער שאָפער האָט פאַרהאַלטן דעם אויטאָ.

— וואָס ווילסטו?

— נעמט מיט די ביידע דאָרטן.

— דערויף האָסטו אונז פאַרהאַלטן? — האָבן זיי געוידלט.

— אָבער מיט אייך קאָן מען זיך אַנדערש נישט פאַרשטענדיקן!

זיי האָבן געזידלט, אָבער האָבן אונז געהאָלפן איינשטייגן. דערנאָך האָט דער וואָגן גערירט, טרייסלענדיק זיך און קלאַפּנדיק. מיין פיס איז געלעגן אויף די זיך טרייסלענדיקע ברעטער. כ׳האָב אים איינגעצויגן און אים אַוועקגעלייגט אויף מיין לינקער קני, אָבער דידאָזיקע פּאָזיציע איז אויך געווען אומזיכער. כ׳האָב גענומען דעם פוס אין די הענט אַריין. דאָס איז נאָך געווען ערגער.

— וואַרט נאָר! — האָט געזאָגט דער יונגער יאַט, האָט זיך אַוועקגעזעצט פון דער זייט און גענומען דעם פוס אין ביידע הענט אויף זיין שויס. ס׳איז מיר באמת לייכטער געוואָרן, כ׳ווייס נישט, צי מחמת זיין גוטהאַרציקייט, צי צוליב דער בעסערער לאַגע פון פוס.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין סט. קענטין און דערנאָך זענען מיר געפאָרן מיטן צוג פאַר לייכטפאַרוווּנדעטע ווייטער. מ׳האָט מיך אָפּגעשיקט אין פאַרשידענע לאַזאַרעטן. אומעטום האָט מען דורכגעלויכטן מיין פוס מיט רענטגען־שטראַלן.

— דאָס איז אַ שווערע אָפּעראַציע! זעט, אַז איר זאָלט זיך צוקריגן צו אַ ספּעציאַליסט!

אַזוי בין איך אָנגעקומען אינגיכן אין גאַרניזאָן. ווידער האָט מען מיר דורכגעלויכטן דעם פוס.

— אין דעם אָפּעראַציע־זאַל!

דער סאַניטאַר האָט מיך אַריינגעפירט.

מ׳האָט מיך דאָרט אַרומגעוואַשן און פאַראומפּילבאַרט דעם פוס. דאָס האָט זייער וויי געטון.

עפּעס אַ שוועסטער האָט מיר געהאַלטן פאַר די אויגן אַ טוך, כדי כ׳זאָל נישט קאָנען זען גאָרנישט.

כ׳האָב געשפּירט, אַז דער דאָקטאָר האָט געשניטן.

— נאָך אָפּנהאַלטן, שוועסטער! אָבער איר האָט דאָרט אַ

גאַנצן מאַגאַזין, נשקשהדיקן גראַנאַט־שפּליטער, אַ ביין־שפּליטער, אַ שטיק לעדער און וואָל, אָדער אַזוי עפּעס פון זאַק.

VI

די היילונג האָט געדויערט לאַנג. מ׳האָט געדאַרפט באַזייטיקן די שטיקלעך ביין. דער דאָקטאָר האָט זיי אַרויסגעפּאַנגען יעדן טאָג מיט דעם פּינצעט פון דער וווּנד. דערנאָך האָט ער אַריינגעשטופּט אינעווייניק וואַטע, כדי זי זאָל זיך נישט פריציטיק צוהיילן. מ׳האָט מיר איינגעבערעטלט דעם פוס. כ׳פלעג אַרומגיין זייער ווייניק און מיט גרויס שוועריקייט.

— אַקעגנאיבער אין דער אָפּיצירן־אָפּטיילונג ליגט זינט נעכטן אַ לייטענאַנט לאַם — האָט געזאָגט דער וועכטער. — ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך.

כ׳האָב אַריינגעהינקט צו אים.

לאַם איז געלעגן אין בעט אַ בלאַסער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין זיין אָרעם איז געווען צעשאָסן אַ נערוו און אַז מ׳האָט געדאַרפט צונויפנייען די נערוון־עקן.

ער איז געוואָרן אָפּערירט, און איז דורכגעגאַנגען דערביי גרויסע יסורים.

כ׳האָב געקריגן היץ. אין די ווייטערדיקע טעג בין איך תמיד געלעגן אין בעט.

איינמאָל האָט דער דאָקטאָר געזאָגט באַם באַנדאַזשירן:

— אָ, נאַדיר אים! איין שפּליטער האָט אַוועקגעוואַנדערט אַזש אַהער און וויל אַרויסגיין דאָ אַרומעט.

ער האָט אַ צופּ געטון מיטן פּינצעט דאָס אָרט. ס׳האָט ווי געטון.

VII

די וווּנד איז געווען אַ שמערצלעכע. כ׳האָב געהאַט אָפּט היץ און געלעגן מייסטנס אין בעט.

ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ביין־פּיסטל, וואָס האָט כּסדר געאייטערט, און דערצו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'שטעקן נאָך אינעווייניק שפּליטערס.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר הענזעל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר אויפן בעט.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט אין פעלד — האָב איך געזאָגט.

— כ'בין אויף אורלויב. — ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שרעקנדיק דורכדרינגלעכן בליק. — צי האָסטו שוין געזען די צייכנס?

— וואָס פאַראַ צייכנס?

— די אַלטע אָרדענונג ווערט אויפגעלייזט.

די שוועסטער האָט מיר געבראַכט אַ פּעקעלע. וואָס איז דערין געווען? פון מיין פאָלק. כ'האָב עס געוואָלט אַוועקלייגן אין אַ זייט. אָבער הענזעל האָט געזאָגט:

— מאַך עס נאָר אויף!

דאָס איז געווען אַ פלאַך שאַכטל מיט אַ זילבערנעם קרייץ אויפן דעקל. כ'האָב עס אויפגעדריקט. דאָרט איז געלעגן אַ בלישטשנדיקער אייזערנער קרייץ ערשטער קלאַס. דערלעבן איז געלעגן אַ בריוו מיט אַ קורצן גליקווונטש פון פאָלקאָווניק.

— דאָס פרייט מיך זייער — האָט געזאָגט הענזעל און מיך ווידער אָנגעקוקט מיט קינדערשער גוטסקייט.

אין צוויי טעג אַרום איז הענזל ווידער געקומען. כ'בין שוין געהאַט אויפגעשטאַנען, וואָרן בײַ דער גרויסער היץ איז נישט ניחא געווען צו ליגן אין בעט. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. כ'האָב אַוועקגעלייגט מיין פוס אויף אַ באַנק. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַקעגנאיבער אויף אַ שטול. ער האָט אויסגעזען געזונט.

— אין צוויי טעג אַרום מוז איך זיך אומקערן אויפן פראָנט — האָט ער געזאָגט אַן אָנגעכמורעטער. — פאַרשטייסט, ס'האַנדלט זיך נישט אַזויפיל וועגן מיין לעבן, הגם איך האָב עס נאַטירלעך ליב, נאָר וואָס מ'מוז איבערהויפּט גיין אויף דער מלחמה.

ער האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר:

— בא דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט לויף איך איבער אויף דער צווייטער זייט.

— — — — — — — — — — — — —

מיר איז עס נישט געגאַנגען באַזונדערס גוט. דער ווייטיק האָט מיך כסדר געפּייניקט, און די ווונד האָט געאייטערט.

ווען די ווונד זאָל זיך כאָטש אַמאָל פֿאַרמאַכן! — האָב איך געטראַכט. — כ׳וועל זיך ערשט מוזן דערנאָך לערנען גיין. דער פֿוס איז מיר אינגאַנצן פֿאַרשטייפֿט געוואָרן.

מ׳האָט מיר אַרויסגעצויגן פֿון פֿוס נאָך עטלעכע בייז־שפּליטערס. דערנאָך האָט זיך די ווונד גיך גענומען היילן.

אין אָנהויב אָקטאָבער בין איך שוין געווען געזונט און האָב באַקומען אַ קורצן אורלויב אַהיים.

וועגן הענזעלן האָב איך זינט זיין באַזוך נישט געהאַט קיין שום ידיעה, צי איז ער אינדערזאמתן אַריבערגעלאָפֿן? ער פֿלעגט צו מיר קיינמאָל נישט שרייבן קיין בריוו. אָבער כ׳בין פֿאָרט געווען אומרויִק. קוים וויל מען נישט קיין מלחמה, העלפֿט אפֿשר עפּעס דאָס איבערלויפֿן. אָבער גיין אין געפֿאַנגענשאַפֿט? זיצן דערנאָך הינטער די קראַטעס?

אויסקלאַנג

— מיר מוזן זען, ווי אַזוי מ'זאָל דאָ קאָנען אַרויסשטופּן דעם רעזערוו־טראַנספּאָרט — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט אין דער קאַנצעלאַריע פון רעזערוו־באַטאַליאָן.

ס'האָט מיך געוווּנדערט דער טאָן פון זיינע ווערטער. דאָס איז מסתּם איינער פון די, וואָס האָבן מורא פאַרן אייגענעם שאָטן — האָב איך געטראַכט.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן קאַזאַרמע־הויף.

די קאָמפּאַניע־פעלדפעבלס האָבן אויסגעשטעלט די מענטשן און געמאָלדן. ס'האָט נאָך געפעלט אַ פופציק מאַן. די, וואָס זענען געקומען, האָבן געטראָגן אין די הענט גרויסע פּאַקעטן, געשטאַנען אומגעאָרדנט אין די רייען און הויך געפּלוידערט.

מיר האָבן געוואַרט. ס'איז אָנגעקומען נאָך דריי. אָבער אַזוי זענען די פאַרהעלטענישן אין רעזערוו־באַטאַליאָן! — האָב איך געטראַכט.

— די פעלנדיקע וועלן געמאָלדן דעם הער מאַיאָר — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט. — מיר מוזן איצט אָפּמאַרשירן.

אויפן באַן־הויף באַם איינשטייגן אין צוג האָבן די מענטשן געזידלט, באשר ס'איז פאַראַן צו ווייניק פּלאַץ.

דער לייטענאַנט האָט מיך מיטגענומען אין זיין אָפּטייל. דער צוג האָט גערירט.

— דאָס איז כּלל נישט דערפרייענדיק! — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום — און די לאַגע אויפן פראָנט שיינט אויך צו זיין נישט פויגלדיק.

— כ׳ווייס נישט, וואָס ס׳טוט זיך לעצטנס אויפן פראָנט. — האָט דער לייטענאַנט.

— לייענט איר דען נישט קיין צייטונגען?

— נאָר זעלטן; איבעריקנס פון די צייטונגען פאַרשטייט מען גאַנץ קנאַפּ.

ער האָט מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט:

— טאָ ווייסט איר אויך מסתּם נישט וועגן דייטשישן שלום־פאָרשלאַג?

— כ׳האָב געהערט, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג. אָבער כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס.

— נו, דאָס הייסט דאָך אַ מודה־זיין־זיך אין דער אייגענער שוואַכקייט — האָט פאַרגעזעצט דער לייטענאַנט.

כ׳האָב זיך נישט געוואָלט מיט אים מתווכח זיין. ס׳איז מיר איבעריקנס געווען גאַנץ גלייכגילטיק, וואָס מ׳זאָגט וועגן דעם, אַבי די מלחמה זאָל זיך ענדיקן! כ׳האָב זיך אויך קיינמאָל נישט געגריבלט אין פּאָליטיק. כ׳האָב געהאַט דערפאַר אַן עקל, ווי פאַר עפּעס שמוציקס

11

מיר זענען אויסגעשטיגן נאָך עטלעכע טעג פאָרן אין אַ קליין פלאַנדריש שטעטל און אָפּמאַרשירט אין זונענשיין איבער אַ פלאַכן שאָסע, רעכטס און לינקס געמיזע־פעלדער מיט בלאָע הייפּטלעך קרויט.

איך האָב מאַרשירט פונפאָרנט, דער לייטענאַנט הינטער מיר. דער עולם האָט געפּלוידערט און זיך געזידלט אַזוי הויך, אַז מיר האָבן ממילא געמוזט הערן.

— ס׳ענדיקט זיך שוין דאָס טינוף! מירן זיך דאָך נישט לאָזן אויסשיסן צוליב די פּאָר טעג מלחמה נאָך!

— ווען מ׳וועט מיך הייסן גיין אויפן פראָנט, וועל איך זאָגן גאַנץ פּשוט: כ׳וויל נישט.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע נידריקע געמויערטע הייזער, לעבן וועלכע ס׳זענען געשטאַנען פיר הויכעביימער.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ גרעסער אָרט. אויפן פיר־עקיקן מאַרק־פּלאַץ האָט דער פאָלק־שרייבער פאַרטיילט דעם רעזערוו אויף די באַטאַליאָנען. איך בין אַריין אין צווייטן באַטאַליאָן.

III

כ׳האָב געוואַרט פון טאָג צו טאָג, צו זען וואָס ס׳וועט מיט מיר זיין. דער פאָלק איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער. ערגעצווו אויפן פראָנט האָט מען אַרומגערינגלט און גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַ גאַנצן באַטאַליאָן, אַנדערשוו די ערשטע און די דריטע קאָמפּאַניע צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן־שטאַב. מ׳האָט אונז צוגעטיילט אָפיצירן פון אַנדערע פאָלקן, וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט. צוויי פון די באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן זענען געווען איינגעטלעך קאַוואַלעריסטן. איצט האָט מען געזאָלט אויפלעזן אַ רעזערוו־פאָלק און דערמיט פאַרפילן אונזער פאָלק.

די פאָלק־קאַנצעלאַריע, צו וועלכער ער כ׳בין צוגעטיילט געוואָרן, האָט זיך געפונען אַ פופציק קילאָמעטער הינטערן פראָנט און באַרקערט מיטן פראָנט און די פעלד־קיכן דורך דער פאַרמיטלונג פון שטאַפעטן און מאָטאָציקליסטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט מייסטנס ערשט אויפן צווייטן טאָג.

די רעזערוו־לייט, וואָס כ׳האָב מיטגעבראַנגט, האָבן זיך אַרומגעשלענדערט איבער די גאַסן און געגאַנגען אין קינאָ אַריין.

לסוף איז אין אַ געוויסן פרימאָרגן אָנגעקומען דער פאָלק־אַדיוטאַנט און באַפוילן, אַז די רעזערוו־לייט זאָלן צוזאַמען מיטן אָנקומענדיקן באַטאַליאָן אַרויסרירן אַרום צען אַזייגער, כדי זיך צו פאַרייניקן מיטן פאָלק.

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן מאַרק. די רעזערוו־לייט זענען געווען זייער שטיל. אפשר האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן אָנגעזאָגטן באַטאַליאָן און געוואָלט אָפּוואַרטן, וואָס ווייטער וועט זיין.

מיר האָבן געוואַרט. אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום איז אָנגעריטן אַן אָפיציר און געזאָגט, אַז דער באַטאַליאָן האָט נישט געוואָלט מאַכן דעם אומוועג דורכן שטעטל. ער אַליין וועט בכן אָפּפירן דעם רעזערוו אויפן אָרט.

מיר האָבן אָפּמאַרשירט. איך בין געגאַנגען הינטן. די לופט איז געווען פאַרנע. די זון האָט געשיינט, אָבער איר ליכט איז געווען גראָ, ווי פאַר אַ שטורעם.

דערנאָך איז געוואָרן טונקל. פונווייטנס האָט געבליצט. ס'האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן גרויסע טראָפּנס, וואָס אַמאָל געדיכטער.

אין נאָענטסטן דאָרף זענען מיר אַריין אין אַ גרויסן, ליידיקן שייער, וואָס האָט אויסגעזען מאָדנע שוואַרץ, און איבערגעוואַרט דעם שלאַקסרעגן.

פאַרנאַכטצו זענען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל מיט ענגע געסלעך. מען איז געגאַנגען אויף שמאָלע בריקלעך איבער קאַנאַלן מיט לאַנגזאַם פליסנדיק וואַסער, אויף וועלכן ס'זענען געלעגן משא־שיפלעך.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ פּלאַץ. עטלעכע אָפיצירן זענען אַרויסגעקומען פון אַ הויז. כ'האָב נישט געקענט קיין איינעם פון זיי.

— וויצעפעלדפעבל רען צו דער זעקסטער קאָמפּאַניע!

כ'בין אַוועק מיט די צוואָנציק מאַן צו מיין קאָמפּאַניע. ס'האָט אונז געפירט אַ באַטאַליאָן־שליח.

— דאָ וווינט דער הער לייטענאַנט שוברינג — האָט געזאָגט דער שליח.

כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט און איינגעשטעלט די מענטשן. ס'האָט מיך פאַרדראָסן זייער נאַכלעסיקע האַלטונג.

— קוים מוזט איר שוין שטיין רויק — האָב איך גע־

זאָגט — טאָ מאַכט־זשע עס אָרנטלעך! אָדער גאָהערט איר אפשר צו די יעניקע, וואָס מאַכן אַלץ ווי מעגלעך ערגער?

זיי זענען קענטיק געווען פאַרוווּנדערט איבערן דאָזיקן טאָן. כ׳האָב זיי געלאָזט שטיין און בין אַריין אין הויז. אויפן ערשטן שטאָק האָב איך באַגעגנט אַ יעפרייטער.

— כ׳האָב געוואָלט אַריינגיין צום הער לייטענאַנט.

עמעצער האָט אַרויסגעקוקט פון אַ טיר: ווער איז דאָרט?

ער איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק מיט שיטערע האָר אויפן קאָפּ און מיט בינאָקלען אויף דער נאָז.

— וויצעפעלדפעבל רען מיט צוואָנציק מאַן אַלס רעזערוו פאַר דער זעקסטער קאָמפּאַניע.

— קומט זשע אַריין! — ער האָט אויסגעזען זייער נערוועז. — וואָס פאַראַ רעזערוו? ווידער אַזאַ לאָ־יוצלחדיקע באַנדע?

— ליידער, הער לייטענאַנט!

— וואָס? — נו גוט, כ׳וועל זיי מיר אָנקוקן.

ער האָט איינגעטיילט די מענטשן.

— איר באַקומט דעם צווייטן פּלוטאָן — האָט ער געזאָגט צו מיר. — ס׳האָט מיט אים אָנגעפירט ביז אַהער דער אונטעראָפיציר מעהלינג, אַ געשיקטער מענטש, אָבער צו יונג. ער שטייט דאָ איין דערלעבן.

כ׳בין אַוועק אין שכנותדיקן הויז.

מעהלינג האָט געקוקט אויף מיר מיט אָפנהאַרציקע, שוואַרצע אויגן און מיר דערקלערט אין קורצע ווערטער אַלץ. דאָס איז געווען דער ערשטער זאַכלעכער מענטש, וואָס כ׳האָב באַגעגנט זינט מיין צוריקקער אין פעלד.

דער פירער פון ערשטן פּלוטאָן איז געווען אונטער־אָפיציר העהלע, פון דריטן — לייטענאַנט האַנפשטענגעל.

מיר זענען געבליבן אין שטאָט עטלעכע טעג. פונוויטנס האָבן מיר טיילמאָל געהערט אַ געברום פון האַרמאַטן. פאַר אונז איז געלעגן נאָך אַ גאַנצע דיוויזיע. מיר האָבן נאָר פונאַנ־דערגעשטעלט עטלעכע פּאָסטנס אויף רעכטס, מחמת מ׳האָט נישט

געטרויט דער שכנותדיקער דיוויזיע. זי האָט זיך, ווי מ'שמועסט, פאַרברידערט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין דער שטאָט זענען אַלע געוועלבער געווען אָפן. מ'האָט דאָרט געקאָנט קריגן באַוול און ווייסע זעמעלעך. כ'פלעג מיר זיי טאַקע איינקויפן, און אין אַ קאָנדיטאָריי האָב איך אויפ־געגעסן אַ שטיק עכטן קוכן. פון דעם אַלעם איז שוין נישט געווען אין דייטשלאַנד קיין זכר זינט יאָרן.

IV

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער איז אָנגעקומען דער באַפעל, אַז מיר זאָלן אָפּמאַרשירן אויפן פראָנט.

מיטאָגצייט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין דאָרף מיט בוימער אין נידריקע הייזלעך. אויפן שיידוועג האָט זיך אַלע פאָר מינוט דערטראָגן אַ שאָס. מיר זענען דורכגעלאָפן, איין גרופּע הינטער דער אַנדערער, דאָס געפערלעכע אָרט און זיך אָפּגע־שטעלט אויף עטלעכע שעה אין עפּעס אַ גרויסן שייער.

אַרום פינף נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אונז אַן אָפּטיילונג ל. מ. ג. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט לענגאויס דעם באַן־וואַל.

עס האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

פינצטערע הייזער אונטער הויכע ביימער. אפשר צוויי הונדערט מעטער פאַר אונדז האָבן געקראַכט גראַנאַטן. אַ גע־קלאַפעריי פון וואָגן־רעדער. צוויי האַרמאַטן האָבן פאַרבייגעיאָגט שנעל אַהינטער.

— וואָס באַטייט דאָס, הער לייטענאַנט? — האָב איך געפרעגט.

— היינט באַנאַכט דאַרף די פּאָזיציע ווערן אָפּגעליידיקט. ווארשיינלעך גייען די באַטעריעס שוין איצט צוריק.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אין עפּעס אַ פאַרוואָרפּענעם שטאַל, אין וועלכן ס'זענען געשטאַנען עטלעכע אָקסן.

נאָך צוויי אָדער דריי שעה איז אָנגעקומען אַ באַפעל צוריקצומאַרשירן. ס'איז געווען שטאָקפינצטער.

זייער פאַרמאַטערטע זענען מיר אָנגעקומען נאָך האַלבער נאַכט אין אַ דאָרף און איבערגענעכטיקט אין אַ קירך אויף שטרוי.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט שוברינג צונויפגערופן די פּלוטאָנפירערס.

— דער פּראָוויאַנט־צופיר ווערט אַפּנים געשטערט דורך צעבונטעוועטע אָפּטיילונגען. מיר מוזן דעריבער רעקווירירן בהמות. ווער פון אייך קען זיך דערויף?

— איך בין אַ קצב — האָט געזאָגט אונטעראָפיציר העהלע. — כ'האָב שוין דאָ געזען אַפּאָר גוטע אָקסן.

פאַרן אַלטאַר האָבן זיך אפשר צען מענטשן געשפּילט אויף פאָלגנדיקן אופן: איינער האָט אַראָפּגעבויגן דאָס פּנים צו די קני פון צווייטן. עמעצער פון דער רייע האָט אים אַ קלאַפּ געטון פון הינטן, אַז ס'האָט אַזש אַ קנאַל געטון, און דער געשלאָגענער האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגערופן: — דו, אַלבין — ער האָט אָנגעוויזן אויף איינעם.

— פאַלש! נאָכאַמאָל!

זיי האָבן זיך געשפּילט אַזוי עטלעכע שעה מיט געשריי און געלעכטער. אין דער קאָמפּאַניע זענען געווען ס'רוב גאַנץ יונגע חברהלייט: דער לייטענאַנט האַנפשטענגעל איז געשטאַנען דערביי און געלאַכט. ער וואָלט מסתם אַליין אויך גערן מיטגעשפּילט.

V

אין צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער אַ רוק געטון אַ שטיק פאָרויס. מיר האָבן געבילדעט דעם רעזערוו. פאַר אונז האט דער ערשטער באַטאַליאָן פאַרנומען אַ פּאָזיציע לענגויס דעם קאַנאַל.

באַם שיין פון דער זון זענען מיר אַרויף אויף אַ הויכע־גיש. די דייטשישע באַטעריעס האָבן אונז שוין געוואָיעט אין

די אויערן. פון צייט צו צייט האָבן אויפגעריסן פראַנצויזישע גראַנאַטן.

מיר האָבן געדאַרפט בלייבן אין אַ געוויסן דאָרף. דאָרט האָט מען אונז צוגעטיילט אַ קליין, פאַרלאָזן הייזל, אין וועלכן ס'איז נישט געווען מער ווי ווענט און טיילווייז אויך פענצטער־שויבן. די אָפיצירן האָבן געוווינט אין שכנותדיקן הויז.

די יונגע חברהלייט האָבן ווידער אָנגעהויבן פאַרן הויז זייער שפּיל. אונטעראָפיציר העהלע האָט געשאָכטן אויפן הויף אַ חזיר, כּדי דער קאָמפּאַניע־פירער זאָל וועגן דעם נישט וויסן. דעם לייטענאַנט האַנפשטענגעל האָבן זיינע לייט געוואָלט דער־נאָך אַוועקנאַרן פונם קאָמפּאַניע־פירער און אים אויך מכבד זיין מיט אַ פּאָרציע פלייש. זיי האָבן אים ליב געהאַט, שיינט מיר נישט אַזויפיל, ווייל ער האָט נישט מורא געהאַט בעת מ'האָט געשאָסן, ווי דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי פיין און יונג.

מיטאָגצייט איז אָנגעקומען די פעלד־קיך און פונאַנדערגע־טיילט רינדפלייש. אַ שעה שפּעטער האָט מען געגעסן הינטערן הויז העהלעס חזיר. מיר האָבן אַזש געסאָפּעט פאַר איבערגעגעסנ־קייט און זיך געלעגט אויפן שטרוי.

פאַרנאַכטצו האָט אונז צונויפגערופן דער לייטענאַנט שוברינג.

— מיינע הערן, אין דער קאָמפּאַניע איז נישט פאַראַן די געהעריקע דיסציפּלין. מיר מוזן אָנהויבן צו איבן. באַטאָג קומען דאָ אַהער צופיל אַעראָפּלאַנען. וועלן מיר עס בכן מאַכן פאַר־טאָג. מ'דאַרף זען צו נעמען דעם עולם פעסט אין די הענט אַריין. קודם כּל גריסן זיי שלעכט. גרייט צו אייערע פּלוטאָנען אויף מאָרגן זיבן אַזייגער אינדערפרי. דאַנק.

ער האָט סאַלוטירט, מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָב איך אויפגעוועקט מיינע לייט; — אַרויסגיין אויף איבונגען! דער פרישטיק וועט אַרויס־געגעבן ווערן דערנאָך.

— אין וואָסער אויסריכטונג, הער פעלדפעבל? — האָט געפרעגט מעהלינג.

— קוילנטאַשן, ביקס, היטל.

— בראַמם! אַ גראַנאַט פאַרן הויז.

— פּלבים פאַרשאָלטענע! האָט געזידלט עמיצער.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פאַרן הויז.

קראַמם! אויפן שכנותדיקן הויף.

ס׳איז אָנגעקומען האַנפּשטענגעל: — צי ווערט איר, נישט קוקנדיק דערויף, איבן?

— וועט דען דער קאָמפּאַניע־פירער נישט קומען?

— יאָ, ער וועט קומען. אָבער מיר קאָנען דאָך נישט לאָזן אויסשטעלן זיך. כ׳מיין, אַז מיר וועלן בלייבן לצת עתה, ווי מיר זענען.

ראַמס! פּופּציק טריט ווייטער אויפן וועג.

מיר האָבן איבערגעלאָזט די פּלוטאָנען אין הויז און געוואַרט פאַר דער טיר.

אין צען מינוט אַרום איז אָנגעקומען שוברינג.

האַנפּשטענגעל האָט געמאָלדן: — מיר האָבן נישט אַרויסגעפירט די קאָמפּאַניע צוליב דער באַשיסונג.

— צוליב דידאָזיקע דריי גראַנאַטן?... איר קאָנט דאָך נישט פּשוט אָפּרופן די דורך מיר באַפוילענע איבונגען! הייסט זיך אויסשטעלן!

יאָ, ווען מיר וואָלטן געוווּסט, אַז ס׳וועט בלייבן באַ דריי גראַנאַטן!

— וואָס זאָלן מיר איבן? — האָט געפרעגט האַנפּשטענגעל.

— דאָס כבוד־אָפּגעבן איז אונז אין דעם מאָמענט דאָס נויטווענדיקסטע!

כ׳האָב געלאָזט דעם פּלוטאָן זיך אויסשטעלן פאַרן הויז.

— אַכטונג! האַלטן זיך גלייך! וויבאַלד מיר איבן, טאָ מוז עס געמאַכט ווערן לייטיש. יעדן אָרנטלעכן מענטש פאַרשאַפט עס פאַרגעניגן, זיך אַמאָל צונויפצונעמען.

מיר האָבן געגירט לענגאויס דער גאַס. כ׳האָב זיך כסדר

איבערגעלייגט, ווי אַזוי כ׳זאָל זיי דערקלערן די אופנים פון כבוד־אָפּגעבן, כדי ס׳זאָל נישט אַרויסקומען קיין חוזק.

כ׳האָב בכן אָנגעהויבן אָן הקדמות. כ׳האָב זיי געוויזן ווי אַזוי מען סאַלוטירט און געהייסן אָנהויבן. זיי האָבן זיך גע־געבן די מי. כ׳האָב זיי נישט געהאַט גאָרנישט פאַרצוואַרפן און מיר זענען געווען פאַרטיק במשך פון צען מינוט. צי האָב איך עס געזאָלט ה׳יסן איבערחזרן? זיי האָבן עס דאָך גאַנץ גוט געמאַכט.

כ׳האָב בכן דורכגעפירט אַן איבונג מיט די ביקסן: אויפן אָרעם ס׳געווער! פּרעזענטיר ס׳געווער א. אַ. וו.

ס׳איז אָנגעקומען שוברינג: — אַלמאַי מאַכט איר איבונגען מיט די ביקסן?

— כ׳האָב געוואָלט דורכאיבן דאָס אָפּגעבן כבוד מיט דער ביקס, הער לייטענאַנט. אָבער זיי האָבן זיך גענומען דערצו אַזוי שלעכט, אַז כ׳האָב גערעכנט, אַז מ׳דאַרף דאָס גוט דורכאיבן.

— גאַנץ ריכטיק. איבט ווייטער.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען דרייפערטל שעה. דערנאָך האָב איך שוין נישט געוווּסט וואָס צו טון. כ׳בין צוגעגאַנגען צו שוברינגען און אים געפרעגט, וואָס כ׳זאָל איצט טון.

— מאַכט נאָך עפּעס דאָרט! אין אַ פערטל שעה אַרום וועלן מיר זיך סייווי אומקערן.

שפּעטער בין איך געוויר געוואָרן, אַז האַנפּשטענגל און העהלע האָבן געהייסן סאַלוטירן די גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד. דער עולם האָט געזידלט, אָבער נישט זייערע פלוטאָנפירערס, נאָר דעם קאָמפּאַניע־פירער, ווייל ער האָט געהייסן איבן בעת באַשיסונג און ווייל זיי האָבן אים בכלל נישט געקאָנט ליידן.

— אין די אַנדערע פלוטאָנען — האָט דערציילט מיהלינג — האָבן זיי זיך אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן טאַקע איצט ערשט שלעכט גריסן דעם קאָמפּאַניע־פירער. — ער האָט געלאַכט.

כ׳האָב געשפּירט אַן אומרויקייט און בין אַרויס אינדרויסן און געזוכט עפּעס אַן אָרט, ווו כ׳זאָל קאָנען פאַר מיר עפּעס לייענען.

אויפן וועג איז מיר אַקעגנגעקומען דער קאָמפּאַניע־פעלדפעבל.

— גוטמאָרגן! — האָב איך געזאָגט. — דער עולם מאָנט זיך דאָס שכירות. דאָ איז פאַראַן אַזויפיל זאַכן צו קויפן, און זיי האָבן נישט קיין פרוטה.

— און פון וואַנען זאָל איך נעמען? — האָט ער אויסגעדרופן אויפגערעגט.

וואָס הייסט, איר באַקומט דאָך דאָס געלט פון דעם צאָלמייסטער?

— ניין, קיין צעבראָכענעם פעניק נישט! אין עטאַפּ איז אַן אמתער גיהנום! מיר האָבן אַרויסגעשיקט מיט דריי טעג צוריק אַ שליח צום צאָלמייסטער, אָבער ער איז נאָך ביז איצט נישט צוריקגעקומען. דידאָזיקע לייט אין עטאַפּ האָבן תמיד געטויגט אויף כפּרות, אָבער איצט זענען זיי געוואָרן אַן אמתע גזלנים־באַנדע! דערהויפּט אין בריסעל! באַטירלעך, לויטער דעזערטירן!

VI

אין דער נאַכט האָט אַ גראַנאַט דערהרגעט אין דאָרף אַ מאַנסביל און אַ פרוי. אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער.

אויף אַ שיידוועג האָט אויפגעריסן אַלע פּאָר מינוט אַ גראַנאַט, אָבער אַזוי געענוי תמיד אויפן זעלביקן אָרט, אַז מיר האָבן זיך נאָר געדאַרפט אַראָפּדרייען אויפן פעלד און דערנאָך ווידער אויפן וועג.

פונווייטנס האָבן זיך דערטראָגן כסדרדיקע קנאַלן. מיר איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן. כ'האָב געמיינט, אַז מיר וועלן שוין נישט גיין נאָכאַמאָל אין פייער, ווייל דער וואָפנשטילשטאַנד וועט פאַרקומען פריער.

מיר האָבן איצט געזען פון דער הויכעניש די גאַנצע געגנט פאַר אונז. פונווייטנס האָט זיך געצויגן אַ גרויס דאָרף, אָדער אַ שטעטל, מיט אַ קליינעם, געדיכטן וואַלד רעכטס, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע, שוואַרצע גראַנאַטן־כמאַרעס. איבערן דאָרף איז געלעגן אַ שטויב־וואָלקן.

אינמיטן וועג האָבן מיר אַריינמאַרשירט אין אַ קליין דאָרף. מיר האָבן באַקומען אין אַ הויז דריי גרויסע שטובן. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געציילט קוים פופציק מאַן.

די פעלדקיך איז פאַרפאָרן אויפן הויף און אויפגעמאַכט די דעק, כדי אַרויסצוגעבן מיטאָג.

ראַמם! ראַמם! ראַמם! מ'האָט נישט געוווסט, ווו ס'זענען געפאַלן די גראַנאַטן.

— אַ גראַנאַט איז אַריין אין הויז! — האָט אויסגערופן עמעצער.

די פערד פון דער פעלדקיך האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס — דער פורמאַן איז געווען באַשעפטיקט באַם קעסל — און זענען אַרויסגעלאָפן צוזאַמען מיט דער קיך פון הויף אַרויס; די קיכערס און פורמאַן נאָך זיי.

שוואַפּ! דאָס גאַנצע עסן האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן וועג.

ראַמם! ראַמם!

— פלוטאָן, נאָך מיר! — האָב איך באַפוילן.

זיי זענען מיר נאָכגעלאָפן אינדרויסן. נאָר אויף די פרייע לופט, בעת מ'שיסט!

כ'האָב זיך אַראָפּגעדרייט הינטערן הויז. אויפן פעלד האָבן זיך געפונען לויטער נייע גראַנאַטן־טרעכטערס.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ הונדערט מעטער וויי־טער. דאָ זענען מיר וואַרשיינלעך געווען זיכער. מיינע מענטשן זענען געגאַנגען האַרט הינטער מיר, און וויטער האַנפּשטענגל און העהלע מיט זייערע.

— אַך, צו אַלדי רוחות! — האָט געזידלט העהלע:

דאָס פייער האָט אויפגעהערט נאָך אַ האַלבער שעה. נאָר אין וואַלד האָבן נאָך בייזוויליק געקראַכט די שוואַרצע גראַנאַטן, און איבערן דאָרף איז געלעגן אַ וואָלקן שטויב.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונזער הויף. די פעלד־קיך איז אויך צוריקגעקומען. דער פורמאַן האָט געפירט ביידע פערד באַ דער צוים און זיי באַרויקט, מחמת זיי האָבן נישט געוואָלט צוריק אַריינגיין אין הויף.

קענן אָונט איז אָנגעקומען אַ שטאָפּעט: — דער הער־לייטענאַנט רופט די פּלוטאָנפירערס.

ער איז געזעסן אויף אַ געפלאָכטענער שטול און איז צומאָל נישט אויפגעשטאַנען, ווען מיר האָבן זיך געמאָלדן.

די פּראַנצויזן האָבן אָנגעגריפן געכטן. זיי האָבן געזאָלט נעמען אין געפאַנגשאַפט אַן אָפיציר און צוויי פּלוטאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען פאַר אַ זומפּ. ס'פעלן נאָך גענויערע ידיעות. יעדנ־פאַלס האָבן זיי נאָר געוווּנען גאַנץ ווייניק באָדן. ס'איז מעג־לעך, אַז מיר וועלן היינט מוזן פאַרבייטן די ערשטע ליניע. ב'פאַרהאָף בכן, אַז דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדי־קייט פון דיסציפּלין אויפן פראָנט וועט זיין שטאַרקער, איידער די קליינלעכע ספקות פונם אויגנבליק.

ער האָט אונז געזעגנט דורך אַ פאַרגויג מיטן קאָפּ. מיר זענען שטום אַרויסגעגאַנגען.

האָט בכן שוברינג נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אונז? דאָס האָט מיך אויפגעבראַכט. צי דערויף האָב איך זיך באַמיט אויסצופילן דיינע אידיאָטישע באַפעלן ווי מעגלעך בעסער, כדי זאָלסט מיך דערנאָך באַליידיקן?

VII

אויפצומאָרגנס האָבן מיר זיך ווידער גערוקט אַ שטיקל פאָרויס. די פראַנצויזן האָבן זיך געזאָלט אַריינרייסן גאַנץ טיף אין שכנותדיקן פּולק. מיר האָבן זיך בכן איינגעגראָבן קווער אויף לינקס, כדי צו זיכערן דעם רוקן פון אונזער פּולק און די אַרטילעריע.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ גראַנאַט־טרעכטער. די זון האָט אַפילו געשיינט, אָבער ס'איז פאָרט געווען נאָוועמבער. ס'איז געוואָרן קיל, און מיך האָט געהונגערט, כ'האָב אָבער גאָר־נישט געהאַט וואָס צו עסן. די פעלדקיך האָט צוליב דער אומ־אָרדענונג אין עטאַפּ נישט מיטגעבראַכט היינט מיט זיך קיין ברויט.

און אָט זענען אָנגעקומען צוויי פון מיינע לייט: — הער פעלדפעבל, אין דאָזיקן פאַרלאָזענעם הויז זענען פאַראַן קאַרטאָפל. צי קאָנען מיר אַהינגיין און אָנקאָכן אַביסל פאַר אונזער פלו־טאָן?

דער קאָמפּאַניע־פירער איז נישט געווען. האָב איך בכן איבערגערעדט וועגן דעם מיטן לייטענאַנט און העהלען און מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוקאָכן קאַרטאָפל.

— טוט אַ קוק אַהין — האָט געזאָגט האנפשטענגעל — דאָס זעט מיר עפּעס פאַרדעכטיק אויס.

— כ׳זע שוין דאָס זינט אַ שעה צייט, אַז דאָרט גייען כסדר הינטער דער ליניע איינצלנע מענטשן.

— כ׳וועל דאָרט אַריבערגיין, הער לייטענאַנט — האָט גע־זאָגט העהלע. — כ׳האָב קיינמאָל נישט געטרויט דערדאָזיקער באַנדע. לויטן אופן פון טראָגן דעם קוילנוואַרפער האָב איך גע־זען, סאַראַ פאַרשוינעך דאָס זענען!

העהלע איז צוריקגעקומען: — זיי זאָגן, אַז מאָרגן מיטאָג־צייט וועט זיין וואָפנשטילשטאַנד, און היינט אַרום זעקס דאַרפן זיי אָפּליידיקן די פּאָזיציע. צוליב דעם האָט נישט קיין זין זיך צו לאָזן נאָך איצט דערשיסן! כ׳האָב די באַנדע אָרנטלעך אָנגעשייגעצט. כ׳האָב זיי אויך געפרעגט, צי זיי האָבן אָפיצירן. זיי האָבן געענטפערט, אַז נישט, מחמת דער לעצטער איז גע־הרגעט געוואָרן פאַר עטלעכע טעג באַנאַכט אין עפּעס אַ הויז.

ראַמם! איז געפאַלן האַרט פאַר אונז. פון פאָרנט האָט מען ווידער שטאַרק געשאָסן.

— וואָס האָט עס פאַראַ זין — האָט געזאָגט האנפשטענגעל — איצט נאָך צו שיסן, אָדער אַפילו אָנגרייפן? צי פאַרשאַפט עס יענע הערן דאָרטן פאַרגעניגן, וויבאַלד ס׳וועלן צוקומען נאָך אַ פּאָר טויטע. כל־זמן ס׳איז נאָך רעכטלעך דערלויבט?

— זיי ווילן אַפנים אויסשיסן זייער אַמוניציע — האָט געזאָגט העהלע.

— דאָס איז נאָכנישט קיין גענוגנדיקער גרונט צום שיסן — האָט געזאָגט האנפשטענגעל.

מ׳האָט דערווייל אָנגעקאָכט אַ גאַנצן באַרג קאַרטאָפל. אַ יונגער, דאַרער בחור האָט זיך געבראַנגט צו טראָגן אַ פולן העלם. כ׳האָב זיך בכיוון אַוועקגעשטעלט לעבן אים, כדי צו זען, אויב ער וועט אויפעסן אַלע אין צי ער וועט אַראָפּנעמען פון זיי די שאָלן. ער האָט זיי אָפּגעשיילט, האָט אָבער דאָך נישט געקאָנט אויפעסן אַלע. מיר זענען געוואָרן זאַט און פויל. מיר האָבן געדרימלט אין אונזערע לעכער און שוין נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, וואָס אַרום האָט מען כסדר געשאָסן.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. די לבנה איז אויפגעגאַנגען. דאָס אַרטילעריע-פייער פון דער דייטשישער זייט איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. וואַרשיינלעך האָבן שוין אונזערע באַטעריעס אָפּגעצויגן, כדי פריי צו מאַכן דעם וועג פאַר דער פיעכאָטע. אויך די פראַנצויזישע אַרטילעריע האָט שוין נישט געשאָסן אַזוי שטאַרק.

מיר האָבן אַרויסגערירט זעקס אַזייגער, פונאַנדערגעשפּרייט אין טיראַלעריע איבער די פעלדער. צי האָב איך מיך געפרייט? כ׳האָב מיך אַליין געפרעגט וועגן דעם? כ׳האָב מיך געפילט באַפרייט פון דער שטענדיקער מורא אין די לעצטע יאָרן — אָבער ווייטער? כ׳האָב נישט געוווסט סאַראַ פאָלגן ס׳וועט האָבן דער וואָפנשטילשטאַנד און דאָס האָט מיך באַאומרויקט. אָבער די באַכט איז געווען אַ שיינע.

VIII

מיר האָבן מאַרשירט די גאַנצע נאַכט און זענען אָנגעקומען פאַרטאָגס אין אַן ענג געבויט קליין שטעטל מיט פאַרחושכטע הייזער. מיין פלוטאָן האָט זיך פונאַנדערגעלייגט אין גאָרטן פון אַ ווילע, וווּ ס׳איז געווען גאַנץ ווינציק גרינס. מיר זענען געשלאָפן ביז מיטאָג.

נאָכמיטאָג, האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויפן וועג.

— הער פעלדפעבל! — איז אָנגעקומען לאַכנדיק מעה-
לינג. — דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע שטראָף-קאָמפּאַניעס. די

וואַך האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. און די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געוואָרפן אויף אַ צוג מיט פּראָוויאַנט, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַנהויף, און פאַרקויפט אַלע זאַפּאַסן די איינוווינער. אַ קאָמפּאַניע פון אונזער פּולק האָט געמוזט אינטערווענירן.

— דאָס איז כלל נישט לעכערלעך!

כ׳האָב זיך אויסגעדרייט. דער קאָמפּאַניע־פעלדפעבל האָט געקוקט מיט כעס אויף מעהלינגן.

— די פּראָוויאַנט־זאַפּאַסן, וואָס זיי האָבן צוגערויבט, האָבן געהערט צו אונז. מיר האָבן געקאָנט מיט זיי אויסלעבן אַ פּאָר וואָכן, אָדער לענגער נאָך.

— ווי־זשע קומט עס, וואָס דער צוג שטייט נאָך אַלץ דאָ, הגם מיר זענען דאָך די לעצטע טרופּן פאַרן שונא? — האָב איך געפרעגט.

— די מורדים האָבן אויפגעלייזט אונזער פעלדבעקער־קאָלאָנע און אָפּגעשיקט אַהיים.

— וואָס? ווער־זשע וועט אונז צושטעלן ברויט? — האָט געפרעגט העהלע.

— מיר מוזען זיך גליין באַקן. און דערפאַר טאַקע האָט די הויפּט־קאָמענדאַטור דאָ געלאָזט שטיין דעם צוג מיט מעל און צוקער.

— ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען באַקן ברויט אין מאַרש?

— טוט אַ פרעג די חברהלייט, וואָס האָבן פּאָגראָמירט די בעקעריי — האָט געזידלט דער פעלדפעבל.

— אַך, ווען כ׳זאָל פּאַקן אַזאַ פּאַרשוין אין די הענט אַריין — האָט געברומט העהלע. — פריער האָבן זיך די חזירים אָנגעפרעסן אין עטאַפּ, בשעת מיר האָבן זיך געלאָזט אויסשיסן, און איצט באַפאַלן זיי נאָך אונז אין רוקן!

דער קאָמפּאַניע־פירער איז אַרויסגעקומען פון הויז. מיר האָבן זיך געשטעלט אויף אַכטונג.

— האָט איר באַקומען ברויט? — האָט ער געפרעגט דעם פעלדפעבל.

— ניין, הער לייטענאַנט. מיר מוזן באַקן אונטערוועגס.

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך.

— כ׳מיין, אַז דאָס וועט זיך לאָזן מאַכן, וויבאַלד דער הער לייטענאַנט וועט מיר שטעלן צו דיספּאָזיציע אַלע בעקערס פון דער קאָמפּאַניע... אַזעלכע זענען פאַראַן פינף. צוויי פון זיי וועלן מוזן תמיד באַקן באַנאַכט.

— ס׳זאָל מיר נאָר אַרויס גוט ברויט. — האָט געזאָגט שוברינג אין איז אַוועקגעגאַנגען.

דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. צי האָט ער שוין נישט געקאָנט שענער ענטפערן אויף אַ גוטן פאָרשלאַג?

— און פונוואַנען וועט דער הער פעלדפעבל נעמען מעל? — האָט געפרעגט מעהלינג.

— כ׳האָב מיר באַצייטנס רעזערווירט אַביסל. נאָר מיט צוקער איז שלעכט.

במשך פון נאָכמיטאָג האָבן אַלע אָפּטיילונגען פאַרלאָזן די שטאָט. בלויז מיר האָבן געזאָלט פאַרבלייבן ביז אינדערפרי אַלס אַריערגאַרד.

די אויפרעגונג פון דער קאָמפּאַניע אויף די באַנדעס היינטערן פראָנט איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און באַזונדערס איז זי געשטיגן, בעת ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין בריסל זענען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער די דעזערטירן, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן ערגעץ באַ די איינוווינערס. און די האָבן אַראָפּגעריסן באַ די אָפיצירן די אַקסל-צייכנס. דער אָנפירער פון דער באַנדע האָט געזאָלט זיין אַ יידישער דאָקטאָר, אַ געוויסער דר. פריינד — אָדער עפּעס ענלעכס. דערנאָך האָט זיך צעבונטעוועט די באַפעלקערונג פון בריסל. דער שטאַב און די דייטשישע אַמטן זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

IX

אויפצומאָרגנס האָבן מיר אָפּמאַרשירט די לעצטע פון דער שטילער שטאָט און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ שעה שפּעטער צום

פּאָלק. די פינפטע קאָמפּאַניע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו אונזערער אַלס נייער ערשטער פּלוטאָן. די פּלוטאָנען פון האַנפּשטענגעל און העהלע זענען פאַרייניקט געוואָרן איינעם. די אָפיצירן האָבן געהאַלטן לאַנגע רעדעס. דערנאָך איז אָנגעקומען דער קאָמפּאַניע־פירער און געזאָגט:

— כ'האָב אייך מיטצוטיילן, אַז אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. זיין מאַיעסטעט דער קייזער איז אַוועק צוזאַמען מיטן קרוינפּרינץ קיין האָלאַנד. די דיוויזיע האָט באַפוילן, אַז איטליכע קאָמפּאַניע זאָל אויסוויילן דריי פאַרטרויונגס־לייט. די פּלוטאָנען זאָלן מיר מאָרגן אויפגעבן זייער קאַנדידאַטן. איך מאַך אויפמערקזאַם, אַז דידאָזיקע פאַרטרויונגס־לייט זענען נישט קיין סאָלדאַטן־ראַטן, ווי אין רוסלאַנד, נאָר זיי דאַרפן דינען צום פאַרגרעסערן דעם צוטרוי צווישן די אָפיצירן און זעלנער.

דער לייטענאַנט סימאַנק האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיין פּלוטאָן מיט צונויפגעצויגענע ברעמען. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט צום העלם און סאַלוטירנדיק געפרעגט:

— וואָס מיינט מען, אַז איטלעכער פּלוטאָן ווילט אויס איין פאַרטרויונגס־מאַן? צי גילט מיין קאָמפּאַניע אַלס דריי פּלוטאָנען, אָז'ער אַלס איין פּלוטאָן?

— מיר קענען דאָך נישט פאַר וועלכע ס'איז קליינע פּריוואַט־אינטערעסן לאָזן ווילן פאַרטרויונגס־מענער?

— ובכן איינער! — האָט געזאָגט סימאַנק קאַלט און דייטלעך.

— מער האָב איך נישט וואָס מודיע צו זיין. — האָט געזאָגט שוברינג.

די פאַרטרויונגס־לייט זענען אויסגעוויילט געוואָרן אָן וועלכער ס'איז אויפרעגונג; באַ מיר מעהלינג, באַ האַנפּשטענגעל העהלע און באַ סימאַנקן דער יעפרייטער הערמאַן, אַ פּערציקיעריקער מאַן מיט אַ פאַרכמורעטן פּנים.

— דאָס איז אַזאַ אָרגאַניזירטער! — האָט געזאָגט העהלע.

ג

מיר האָבן מאַרשירט. אונזערע בעקערס האָבן פאַרנוצט איך משך פון איין נאַכט אַ העלפט פון מעל־זאַפּאַס, אָבער דאָס ברויט איז געווען גליטשיק, אַז מ׳האָט עס קוים געקאָנט עסן. שוברינג האָט געזידלט די בעקערס און דעם פעלדפעבל.

— הער לייטענאַנט — האָט געזאָגט פעלדפעבל — דאָס קאָן זיך טרעפן אַפילו דעם בעסטן בעקער, ווען ער באַקט אין אַן אויוון, וועלכן ער קען נישט.

— אָבער איצט האָבן מיר שוין נישט קיין מעל!

— כ׳וועל שוין זען צו קריגן אַביסל, הער לייטענאַנט!

אויפצומאָרגנס האָט זיך באמת באַוויזן אַ וואָגן מיט זעקלעך מעל.

שוברינג האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק דערויף: — צי האָט איר דאָס מעל באַקומען אויף אַ כּשרען אופן?

— יאָ, הער לייטענאַנט, דער פּראָוויאַנט־אָפיציר האָט אויסגעשטעלט דערויף אַ קוויט.

נאָך אַ לאַנגן מאַרש האָב איך געהאַט אַוועקצושטעלן אויף אַ קאַנאַל־בריק אַ טאָפּעלן פּאָסטן. איך אַליין בין געשטאַנען מיט מיין פלוטאָן אַלס הויפטוואַך אין אַ הייזל, האַרט ביים קאַנאַל. די לבנה האָט געשיינט. כ׳בין אַרויפגעגאַנגען אויפן וואַל און אָנגעטראָפן עטוואָס ווייטער דעם נאָענטסטן פּאָסטן. כ׳האָב אַרויסגעשיקט אַ פּאַטרול אויף רעכטס. ער האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ געוויסער צייט:

— הער פעלדפעבל, מיר זענען געווען באַ דער נאָענטסטער בריק, אָבער דאָרט איז קיינער נישטאָ. זענען מיר בכן געגאַנגען ווייטער. דאָרט פירט איבערן קאַנאַל אַ ברייטער שאָסעע און אויך דאָרט האָבן מיר קיינעם נישט געטראָפן.

אינדערפרי האָב איך נאָכאַמאָל אַהינגעשיקט דאָרטן אַ פּאַטרול. ער איז צוריקגעקומען נאָך צוואָנציק מינוט:

— הער פעלדפעבל, איצט שטייען באַ דער בריק בעלגישע פּאָסטנס.

כ׳האָב תיכף אָנגעשריבן אַ מעלדונג צום קאָמפּאַניע־פירער, האָב זי אָפּגעשיקט און געוואַרט אין אומזיכערקייט. אָבער כ׳האָב נישט דערהאַלטן קיין ענטפער.

XI

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן מיר אָפּמאַרשירט. ס׳איז געווען קאַלט, הגם די זון האָט געשיינט. דער ברייטער וועג איז געלאָפן דורך אַ פלאַכע לאַנדשאַפט, וואָס האָט אויסגעזען מונטער. נאָכמיטאָג איז זי געוואָרן אומהיימלעך. די ביימער האָבן זיך מיר אויסגעוויזן גראָ, און דאָס דאָרף, דורך וועלכן מיר האָבן מאַרשירט, האָט אויסגעזען אומגעאַסטפּריינטלעך. אָן דער טונקעלער קירכן־מויער זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט קוילנוואַרפערס. האַרמאַטן פון פאַרשידענעם קאַליבער זענען געשטאַנען אויפן בית־עלמין.

איינע פון אונזערע מ. ג.־קאָמפּאַניעס האָט צונויפגעטראָגן דאָס געווער אויף איין אָרט. מ׳האָט עס געזאָלט אַרויסגעבן נאָכן וואָפנשטילשטאַנד דעם שונא.

מיר האָבן מאַרשירט צוויי וואָכן לאַנג דורך פלאַנדריש בעלגיע און לסוף אָנגעקומען אין דעם פראַנצויזיש־רעדנדיקן טייל. מיר האָבן כסדר געבילדעט דעם אַריערגאַרד, אָפּגערוקט אויף איין טאָגמאַרש פון דעם אונז פאַרפאָלגנדיקן פיינט. פאַר די הייזער זענען געשטאַנען ציוויליסטן, געקוקט אויף אונז מיט שנאה און געזידלט.

ווידער האָבן מיר געזאָלט באַקומען אַ טראַנספּאָרט מעל און צוקער און ווידער האָט דאָס מיליטער פאַר אונז פאַרקויפט אַלץ דער באַפעלקערונג צו שפּאָטביליקע פרייזן. די אויפגעבראַכטקייט קעגן די רעוואָלוציאָנערן איז געוואָרן נאָך שאַרפער און ס׳האָט זי איבערהויפּט אונטערגעהאַלטן העהלע, הגם דער סאָציאַל־דעמאָקראַט הערמאַן האָט זיך באַמיט צו מילדערן די שטימונג. דערדאָזיקער הערמאַן מיטן אָנגעכמורעטן פּנים איז געווען אַ קליינער באַאַמטער און אַ קעגנער פון יעטוועדן אַנטשיידענעם טאַט.

XII

אין דער נאָענט פון לעזש האָבן מיר געהאַט אַ רו־טאָג. מעהלינג איז אַוועק אין שטאָט, איך האָב באַזוכט די נאָענטע פאָרטן און באַקוקט די טיפע גרובנס און די אויפגעריסענע בע־טאָן־געביידעס.

פאַר עפעס אַ גרויסן הויף האָבן זיך זעלנער פון אונזער פולק געקריגט מיט א בעלגיער.

— הער פעלדפעבל! — האָט זיך איינער געווענדט צו מיר — מיר האָבן באַקומען פון פראָוויאַנט־אָפיציר אַ קוויט אויף שטרוי, און דער וויל אונז גאָרנישט אַרויסגעבן.

— פאַרוואָס עפעס?

— ער זאָגט, אַז ער האָט נישט אַזויפיל שטרוי, און דאָ איז דער שייער פול.

— איר מוזט זיך ווענדן צו אַן אָפיציר. אויב איך וועל אים עפעס זאָגן, וועט עס אויף אים נישט מאַכן קיין שום איינ־דרוק.

ערשט שפעט אינאָוונט איז מעהלינג צוריקגעקומען פון לעזש און דערציילט, אַז די גאַנצע שטאָט איז דעקאָרירט מיט פענער. ס׳זענען שוין דאָרט געווען פראַנצויזן, ענגלענדער און בעלגיער. זיי זענען געזעסן אין די קאַפעען, געזונגען די מאַר־סעליעזע און געשריגן הוראַ! מעהלינג האָט נאָך געשיינט פאַר פרייד פון דעם, וואָס ער האָט געזען. אָבער איך בין געווען טרויעריק. דאָס פאַרפלוכטע פאָטערלאַנד איז מיר דאָך געשטאַנען באָענט פאַר די אויגן!

XIII

אויפצומאָרגנס אינדערפרי זענען מיר געגאַנגען אויף אַ לאַנגער בריק איבער דער מאָז, וואָס איז דאָ אַ מעכטיקער

טייך. דערנאָך האָבן מיר זיך געשלענגלט אויפן אַנדערן ברעג שעהנלאַנג איבער די הויכענישן.

פאַרנאַכטצו האָבן מיר אַריינמאַרשירט אין אַ טאָל; דאָרט האָט זיך געפונען אַ דאָרף מיט אַ קלויסטער: ס'איז געווען קאַלט. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן די בריק, אונטער וועלכער ס'האָט געברויזט אַ שטראָם. ס'זענען אָנגעקומען די קוואַרטיר־מייסטערס.

— ווי זעט עס דאָ אויס?

— גוטע קוואַרטירן! — האָבן זיי גערופן.

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. כ'האָב פלוצלינג דערשפירט אַ ווייטיק אין רעכטן פוס, ווו ס'איז אַמאָל געווען די וונד. דאָס איז געווען עפּעס אַן אומבאַשטימטע, אינערלעכע ציענגיש.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס אַ שטיילן שיפּוע מיט אויבסט־ביימער און געבליבן שטיין פאַר עפּעס אַ הילצערן הייזל. די טרעפּ זענען געווען ווי פאָלירט, און דער קאָרידאָר אויפן ערשטן שטאָק איז געווען באַשלאָגן מיט טונקל האָלץ אָן באַצירונג. בײַ די ווענט זענען געשטאַנען עטלעכע קופערטן, הילצערנע שטולן און אַ הויכער זייגער.

פון אַ צימער איז אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ פרוי און אונז פריינטלעך אַריינאַרבעטן אין אַ גרויסע שטוב, ווי אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן מאַטראַצן און קאָצן.

כ'האָב תיכף אַראָפּגעצויגן דעם שטיוול און מיר באַטאַפּט דעם פוס. די וונד איז געווען עמפּינדלעך. מחמת מיר האָבן דאָך מאַרשירט שוין דריי טעג. כ'בין אַריינגעגאַנגען אין קיך און געבעטן אַביסל הייס וואַסער.

— Bless'e (*? — האָט געפרעגט דער מאַנסביל, אָנווייזנדיק אויפן פוס.

(** Oui, monsieur.

---

*) פאַרוווּנדעט?

**) יאָ, מיין הער.

ער איז תיכּף אויפגעשטאַנען. זיין פרוי האָט געבּרענגט אַ שיסל און אַ שטול און מיר אָנגעוויזן, אַז כ'זאָל גלייך אַריינטון דעם פוס אין וואַסער. כ'בּין געזעסן דערנאָך אויף דער שטול, און זי בּאַ דער קיך. אינדרויסן האָט די לבנה קאַלט בּאַשיינט די משופּעדיקע לאָנקעס. ס'האָט שוין ווידער געמוזט זיין אַ פראָסט. דידאָזיקע מענטשן האָבּן אויסגעזען געזונט. זיי זענען געווען שווייגעוודיקע און צופרידענע, צו וואָס זאָל מען רעדן פיל וועגן דעם, וואָס דער אַנדערער פאַרשטייט אַזוי אויך?

כ'בּין געווען גליקלעך אין דאָזיקן הויז.

XIV

בּאַם אויסשטעלן זיך צומאָרגנס אינדערפרי האָט סימאַנק און האַנפּשטענגעל געזידלט די עקלהאַפטע איינוווינערס פון דאָרף. זיי זענען איינגעשטאַנען בּאַם גלח, און דער האָט זיי נישט געוואָלט געבּן צומאָל קיין בּיסל וואַסער צום וואַשן. בּעת זיי האָבּן אים דאָס פאָרגעוואָרפן, האָט ער גענומען אויסרעדן וועגן בּאַרבּאַרן און בּאָשן, וועלכע מ'וואָלט געדאַרפט פאַרטיליקן. סימאַנק איז אַזוי אַריין אין דער רציחה, אַז ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן גלח. אָבּער האַנפּשטענגעל האָט אים צוריקגעהאַלטן. סימאַנק האָט בּכן אַ געשריי געטון אויפן גלח, אַז ער איז אַ חזיר, דערנאָך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

מיר האָבּן מאַרשירט האַסטיק. אויפן פוס איז מיר געווען בּעסער. היינט האָבּן מיר געזאָלט דורכגיין די דייטשישע גרע-ניץ.

נאָכמיטאָג האָט מען אונז פאַרהאַלטן אַ פּאָר מאָל. מיר האָבּן זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צו עפּעס אַ דאָרף.

אין דער קאָמפּאַניע זענען אַלע געווען אין גוטער שטי-מונג.

— נאָך אַ שטיקל פאָרויס, האָפּ — האָבּן זיי גערופן אין כאָר. דערנאָך האָבּן עטלעכע אָנגעהויבּן צו זינגען:

„ווייל דערדאָזיקער פעלדצוג

איז נישט קיין שנעלצוג.
וויש דיינע טרערן אָפּ
מיט זאַמדפּאַפּיר".

נאָך צוויי שעה זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף צו אַ שיידוועג. דאָרט פון לינקס האָט זיך דערנענטערט עפּעס אַן אומבאַקאַנטע מאַרש=קאָלאָנע און אַרויף צוזאַמען מיט אונזער קאָלאָנע אויף דעמזעלבן שאָסעע. אונזער פּולק=קאָמאַנדיר איז דאָרט געזעסן אויפן פערד און זיך באַמיט צו ברענגען פּאָרויס זיין פּולק. פאַר דער פרעמדער דיוויזיע איז געשטאַנען אַ גענעראַל, אָנגעלענט אָן אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אַן אַכסניה. ס'האָבן זיך דאָרט געפונען מענטשן פון אַלע מיליטער=מינים. זיי זענען געזעסן אויף שטיינער און שטולן און געבלאָזן אין הייסע קאַווע. אַנדערע האָבן אַראָפּגעשלונגען אַ שנאַפּס. מעהלינג האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם אין די אַכסניה אַריין. כ'האָב געוווסט, אַז מיר האָבן נאָך דורכצוגיין ביז דער גרעניץ העכער צען קילאָמעטער, און דער מאַרש וועט זיך נאָך מסתּם פאַרציִען לענגער. כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט באַם וועג=ראַנד, כדי צו שוינען מיין פוס.

אונזער קאָלאָנע האָט גערירט ערשט פאַרנאַכטצו. מיר זענען געווען מיד פון בלויזן וואַרטן. אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן געצווונגענע אָפּשטעלונגען: — נאָך אַ שטיקל פּאָרויס, האָפּ! — דערנאָך האָבן זיי גענומען זינגען:

„אין האַמבורג, דאָרט בין איך געווען
אין סאַמעט און זיידנס געהילט,
מיין נאָמען, דעם קאָן איך נישט זאָגן,
וואָרן כ'בין דאָך אַ מיידל פאַר געלט".

זיי האָבן עס אַריינגעזונגען אויסגעצויגן און שווערמוטיק אין די נאַכט אַריין. עטלעכע האָבן זיך אַוועקגעזעצט. מיטן וועג איז אָנגעריטן אַן אַרטילעריע=אָפיציר: — דער וועג איז פריי!

זיי זענען אויפגעשטאַנען שעלטנדיק.
ס'איז פאַרביי אַן אויטאָ מיט אַ גענעראַל.

— דער וואָלט אויך געמעגט אַזוי לויפן, ווי מיר! מיר האָבן מאַרשירט ווייטער.

ווידער האָט אונז איבערגעיאָגט אַן אויטאָ. „וועג פריי!“ ס׳זענען געזעסן אין אים פיר פליער מיט שיף אַרויפגעזעצטע היטלעך.

— פליען דאַרפט עך, נישט פאָרן!

— פוס־דרעפּטשערס! — האָט עמעצער אויסגערופן שפּאָטיש פון אויטאָ.

— גיט זיי איבערן פּיסק, די עטאַפּ־חזירים!

עטלעכע זענען צוגעשפּרונגען צום אויטאָ, אָבער ער האָט זיך אַ לאָז געטון גלייך אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען פאַר אונז. זיי זענען אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. — פאַרלעשן דאָס ליכט! — האָט געשריגן עמעצער פון אויטאָ, אָבער שוין מיט שרעק. דער אויטאָ איז פאַרשוווּנדן.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער מיט אָפּשטעלן. דער רוף: פאַרלעשן דאָס ליכט! איז געוואָרן וואָס אַמאָל אָפטער.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דאָס קלאַפּן פון פאָרנדיקע וועגענער.

מיר קומען אָן צו דעם גרעניץ־וועג — האָט געזאָגט האַנפשטענגעל.

— ווי ווייט איז עס נאָך, הער לייטענאַנט?

— כ׳מיין, אַז אַנדערטהאַלבן שעה, וויבאַלד מיר זאָלן מאַרשירן אָן שטערונגען.

— איך קאָן שוין נישט ווייטער, הער לייטענאַנט! — האָט זיך אָפּגערופן עפּעס אַן אונטעראָפיציר.

— מיר דאַרפן דיך נויטיק אין טאָפּ אַריין — האָט געלאַכט מעהלינג.

— לייג דיך אין וועג־ראָוו אַריין. מירן זיך דערווייל אויסזוכן אַ בעסערע קוואַרטיר.

עמעצער האָט זיך צעלאַכט. דער אונטעראָפיציר האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז.

דערווייל האָט זיך דאָס געקלאַפּעריי דערנענטערט. איצט האָב איך דערקענט דעם וועג, וואָס איז געלאָפן קווער צו אונז.

פון רעכטס האָבן אָנגעצויגן אין צווי רייען שווערע האַרמאַטן. מיר האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום שאָסעע.

— הער לייטענאַנט! — האָט אויסגערופן עמעצער, וועמען מ׳האָט נישט געקאָנט דערקענען אין דער פינצטער, צווישן דעם מישמאַש פון מענטשן, פערד און וועגנס. — דער הער מאַיאָר האָט באַפוילן, אַז די קאָמפּאַניע זאָל זיך רוקן פאָרויס מיטן וועג־ראָוו.

מיר האָבן געריירט, דאָ לאַנגזאַם, באַלד האַלבלויפנדיק, איינער הינטערן אַנדערן, אויף דעם אומגלייכן באָדן פון וועג־ראָוו. מיין פוס האָט מיר אָנגעהויבן ווי צו טון. כ׳האָב זיך באַמיט צו שטעלן אים גלייך און זיכער, אָבער דאָס האָט מיך פאַרמאַטערט.

אַרום עלף אַזייגער האָבן נאָך אויף רעכטס געקלאַפּט אויפן שאָסעע וועגענער און האַרמאַטן, און אויף לינקס האָבן זיך געוויזן טונקעלע פאַבריק־געביידעס. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן.

— אַלמאַי גייען מיר נישט ווייטער? מיר ווילן אין די קוואַרטירן!

דער לייטענאַנט שוברינג איז געשטאַנען שטייף און געקוקט אויף די פאַרבייקלאַפּנדיקע וועגן.

— מיר קאָנען זיך באַגיין אָן פירער!

— האַלט ס׳מויל! — האָט געשריגן העהלע. — דער הער לייטענאַנט קאָן דאָך דיר נישט אַראָפּברענגען די קוואַרטיר־מייסטערס. און אפשר ווייסט עמעצער פון אייך, וווהין מיר האָבן צו גיין?

מיר האָבן געוואַרט. מ׳האָט זיך געבונטעוועט שוין אפילו קעגן דעם באַליבטן האַנפשטענגעל.

מעהלינג האָט געזאָגט צו מיר שטילערהייט: — אויב דער הער פעלדפעבל וועט מיר האַלטן די ביקס, וועל איך גיין אויפזוכן די קוואַרטירמייסטערס. זיי שטייען דאָ זיכער ערגעץ אויפן וועג און מ׳דאַרף זיי נאָר צו רופן אַלע צוואָנציק טריט.

כ׳האָב געזאָגט מיין פלוטאָן, אַז מעהלינג איז געגאַנגען זכן.

— אַזאַ שטות!

— איר האָט זיך שוין געמעגט אויסלערנען אויף דער מלחמה, ווו מ׳שטעלט אַוועק קוואַרטירמייסטערס.

— און ווען וועט מען אונז אָפּלאָזן אַהיים, הער פעלד־פעבל? — האָט געפרעגט עפּעס אַ דין שטימעלע.

— דאָס ווייס איך נישט — האָב איך געענטפערט.

— מ׳וועט דיך איבערהויפּט נושט אָפּלאָזן! דאָסדאָזיקע חזירײַ וועט דויערן, גאָט ווייסט ווי לאַנג! מ׳וועט דאַרפן אַליין מאַכן פּליטה!

ס׳איז געווען אָרנטלעך קאַלט.

לסוף נאָך אַנדערטהאַלבן שעה האָט שוברינג אויפגעזוכט די קוואַרטירמייסטערס. ער האָט זיי אַפּנים אָנגעשריגן, ווייל זיי האָבן אים זייער גראָב אָפּגעענטפערט.

מעהלינג איז נעלם געוואָרן.

מיר האָבן מאַרשירט אין לבנה־שיין איבער עפּעס אַ זייטיקן וועג, אויף וועלכן מיר זענען געווען אַליין. די פעלדער רעכטס און לינקס האָבן אויסגעזען שוואַרץ. ס׳איז געווען אָנגענעם צו שפּאַנען ווידער אויף אַ גלאַטיקן שאָסעע. אָבער דער פוס האָט מיר זייער וויי געטון.

נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין דערפל. דאָרט האָט זיך דערהויבן אַ מעכטיקע געביידע. די טיר האָט זיך געעפנט. אַ שטראָם רויטלעך ליכט. עמעצער איז געשטאַנען אין דער טיר:

— וווהין גייען מיר? — האָט עמעצער גראָב געפרעגט.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן מעהלינג: — הערט זיך איין, עולם, דער הער מילנער האָט אונז געהייסן מאַכן קאַווע, און מירן האָבן אַ געהייצטע שטוב.

— קומט־זשע אַריין — האָט געזאָגט פריינטלעך דער מענטש. — מיט די טרעפּ אַרויף!

אויבן אין זאַל זענען געלעגן שטרויזעק. דער מילנער איז אַרומגעגאַנגען, אויסגעפרעגט זיך, צי מיר האָבן גענוג וואַסער און אונדז אָנגעוויזן: — דאָרט רעכטס איז דאָ דער בית־הכסא.

— מירן אַ שפּיל טון? — האָט געפרעגט עפּעס אַ יונגער יאַט.

— ביסט מסתּם פאַררוקט! כ׳האָב גאַנץ גענוג דעם מאַרש.

XV

די פעלדקיך און די אַנדערע וועגענער זענען אָנגעקומען ערשט מיטאָגצייט. זיי האָבן באַלד אויפגעמאַכט דאָס קיך־דעקל און אונדז אַרויסגעגעבן קאַווע.

— תּמיד אויפן וואָגן? — האָט געפרעגט העהלע.

— מיר געהערן דאָך נישט צו דעם געזינדל, ווי באַ די אַנדערע וועגנס, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אויפן פראָנט, און רייסט איצט אויף אַ מויל. און דערבײַ וואָלטן זיי בעסער געמעגט שווייגן, לויטער לאַ־יוצלחניקעס, דער טויב, יענער בלינד, אַן אַנדערער ווידער מיט האַרצפעלער. און כ׳גלויב צומאָל נישט אין די פעלערס! זיי האָבן נאָר נישט געוואָלט גיין אויף די פּאָזיציע

— דאָס זענען אַלץ שטינקערס! — האָט געזאָגט דער פורמאַן און אַרײַנגעפירט זײַנע שווערע פערד אין שטאַל אַרײַן.

נאָכמיטאָג האָבן מיר אָפּמאַרשירט און אָנגעקומען פאַר־נאַכטצו קיין אַאַכען. די הײַזער זענען געווען באַצירט מיט פעגער. אונדזער פולק־אָרקעסטער האָט אונדז אויפגעשפּילט צום מאַרש, און די פויק האָט אָפּגעהילכט צווישן די הײַזער, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט מענטשן. אַנדערע האָבן אונדז אויך באַגלייט אין מאַרש.

דאָס זענען געווען די לעצטע דײַטשישע חילות, הינטער וועלכע ס׳האָבן אַרײַנמאַרשירט בעלגיער און פראַנצויזן.

אויפצומאָרגנס זענען מיר אָנגעקומען אויפן באַנהויף און געוואַרט אויפן צוג אין אַ שלאַקסרעגן. ס׳איז שוין לאַנג געהאַט.

צוגעפאַלן די נאַכט, ווען ער איז לסוף אָנגעקומען. דאָס זענען געווען בלויז פּי־וואַגאָנען מיט רוק־טירן. וואוהין מיר זענען געפאָרן האָט קיינער נישט געוווסט; דאָס נאָר איז געווען זיכער, אַז מיר האָבן זיך נאָכנישט אומגעקערט אַהיים.

סוף

פאַרלאַג י. א. צוקער, וואַרשע, דזשעלבע 18

ריכטער בען ב. לינדזיי

די רעוואָלוציע פון דער מאָדערנער יוגנט

יידיש: פועה ראַקאָווסקאַ

טאָמאַס מאַן, דער גרעסטער היינטצייטיקער דייטשער שרייבער, שרייבט איבער דעמדאָזיקן בוך:

„פונם דאָזיקן רירנדיקן, גוטן בוך רעדט צו אונז אַ נייע, יונגע, מענטשלעך-רעוואָלוציאָנערע אַמעריקע. ...מחמת אומעטום דאַרף מען די קומענדיקע מלוכה פונם מענטשן איינאָרדנען אויף אַזאַ ליבעפולן און העלדישן אופן, ווי עס טוט דערדאָזיקער ריכטער לינדזיי“.

„בערלינער טאַגעבלאַט“:

„דאָס איז אַן אויפרעגנדיק בוך, אַ בוך פאַר אַלע עלטערן און לערער, וואָס גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין-וחשבון דערפון, ווי שטאַרק אונזער יוגנט-ווירקלעכקייט איז ענלעך צו דער אַמעריקאַנישער“.

„פראַנקפורטער צייטונג“:

„לינדזיי ווייזט אונדז די קאַטאַסטראָפעס, צו וועלכע עס פירט די פאַלשע דערציונג. מען דאַרף דאַנקען דעם ריכטער לינדזיי, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע בוך“.

„דער טאָג“, בערלין:

„...ווייל עס האַנדלט זיך דאָ כמעט נישט בלויז וועגן די ספּעציפישע אַמעריקאַנישע פאַרהעלטענישן, נאָר קודם-כל – וועגן אַ פּראָבלעם פון דער גאַנצער מענטשהייט“.

304 זייטן, פרייז 7.50 זל.